
עונג שבת
ליקוט מבחר הגליונות לפ׳
By:
GILYONSENDTOU@GMAIL.COM
אחרי - קדושים
Smart Art :347 766 233

בס"ד



# מיין שבת אוצר

מיט ווערטלער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"



## פערל ווערטער פ' אחרי - קדושים תשפ"ג

### אחרי

**בקרבתם לפני ה' וימתו... (אחרי טז:א)**

"**בקרבתם**",—נדב ואביהו האבן אוועק געגעבן זייער הארץ "**לפני ה'**",—פאר'ן כבוד פון הייליג'ן באשעפער. זיי האבן נישט געזארגט פאר די געברויכן פון כלל ישראל, דעריבער "**וימתו**",—ווייל דער צדיק דארף מעורר רחמים זיין און שטענדיג זארגן פאר'ן גוט'ס פון כלל ישראל.

*(תפארת שלמה)*

**וכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל (אחרי טז:יז)**

די גמרא (יומא מד.) זאגט: די קטורת האט מכפר געווען פאר יעדן איינעם, פאר כהנים און פאר ישראלים. ווייל די קטורת איז מכפר אויף "לשון הרע" און מיט "לשון הרע", ווערט יעדער נכשל, ווי די גמרא (בבא בתרא קסה) זאגט: "הכל בלשון הרע",—אין לשון הרע ווערט יעדער נכשל, דעריבער איז די קטורת מכפר אויף יעדן.

*(פניני קדם)*

**כי ביום הזה יכפר עליכם (אחרי טז:ל)**

"**כי ביום הזה**", ווען מ'ווייסט אז מ'האט נאר דעם איינעם טאג יום כיפור, און דער טאג גייט שוין באלד אוועק, און מ'נוצט אויס דעם טאג ווי ס'דארף צו זיין, "**יכפר עליכם**" דעמאלט איז דער באשעפער מוחל אויף אלע זינד.

*(ייטב פנים)*

**לפני ה' תטהרו (אחרי טז:ל)**

דאס פינטעלע איד, איז ריין און הייליג, און ווען מ'זינדיגט ח"ו פאלט מען אדורך בלויז מיט'ן חיצוניות, אבער דאס הארץ בלייבט ריין. **לפני ה' תטהרו,**—דער באשעפער ווייסט אז א אידיש קינד איז ריין און הייליג.

*(אך פרי תבואה - ליסקא)*

**לפני ד' תטהרו... (אחרי טז:ל)**

די געדאנקען פונעם מענטש ווייסט נאר דער באשעפער אליין. דער פסוק ווארנט: "**לפני ד' תטהרו**",—מ'זאל האבן ריינע מחשבות, וואס איז: "**לפני ה'**" - ווייל נאר דער באשעפער ווייסט זיינע מחשבות.

*("אמרי חיים"-וויזשניץ)*

**כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו... (אחרי יח:ג)**

אלע מצוות ווערן דאך אויסגערעכנט אין די תורה, איז וואס באדייט "כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו"? נאר "**לא תעשו**" מיינט די ענייני רשות, אז א איד זאל נישט עסן און טרינקען און זיך פיהרן ווי א גוי.

*("תפארת שלמה")*

**אשר יעשה אותם האדם וחי בהם... (אחרי יח:ה)**

דער מענטש איז בעשאפן געווארן צו דינען דעם באשעפער, און די עבודת הבורא דארף זיין דאס גאנצע חיות פונעם מענטש. "**אשר יעשה אותם האדם**",—די מצוות, וואס דער מענטש איז מקיים, "**וחי בהם**",—זאלן

המשך בעמוד הבא >-<-<-<-<-<

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

**ושלח ביד איש עתי המדברה. ונשא השעיר עליו את כל עונותם אל ארץ גזרה ושלח את השעיר במדבר. (אחרי טז: כא-כב)**

פארוואס ביים שעיר לעזאזל שטייט: "המדברה" מיט א ה' הידיעה, אבער שפעטער ביי די עוונות שטייט במדבר אהן א ה'. נאר דאס פלאץ פון וואו מ'האט געשיקט דעם שעיר לעזאזל. איז געווען באקאנט, ווייל ס'איז געווען אויף א שפיץ בארג, שטייט דעריבער "המדברה" מיט ה' הידיעה. אבער די עוונות וואס דער שעיר האט מיט זיך געטראגן, זענען אנגעקומען אויף א אומבאוואוסט פלאץ, אז קיין שום באשעפעניש אין די וועלט זאל נישט וויסן, אזוי ווי דער פסוק (מיכה ז:יט) זאגט: יכבוש עונותינו... במקום אשר לא יזכרו... דעריבער שטייט בלויז "במדבר".

*(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

**וידבר ה' אל משה אחרי מות... בקרבתם לפני ה' וימתו... (אחרי טז:א)**

*מדרש: צוליעב פיהר זאכן זענען נדב ואביהוא געשטארבן...ווייל זיי זענען געווען מחוסרי בגדים, ס'האט זיי געפעהלט דער מעיל.*

אייגענטליך זענען זיי דאך געווען כהנים הדיוטים וואס זענען נישט געגאנגען מיט א מעיל? ס'שטייט (תצוה כח:לג-לה): "ופעמוני זהב בתוכם סביב",—אז דער מעיל האט געהאט גלעקלער, ווייל ווען אהרן הכהן איז אריין אין קדשי קדשים, איז ער צוליעב די גרויסע קדושה געווארן דבוק אין באשעפער, אז ער האט געקענט אינגאנצן נתבטל ווערן פונעם מציאות, האבן אים די געלעקלער ערוועקט, אז ער זאל נישט שטארבן פון גרויס דביקות בה'. דער אור החיים הק' זאגט אויפ'ן פסוק "בקרבתם לפני ה' וימתו",—אז נדב ואביהוא זענען געשטארבן פון גרויס דבקות אין באשעפער, א בחינה פון מיתת נשיקה. דאס איז די כוונה פונעם מדרש, אז זיי זענען געווען מחוסרי מעיל, ס'האט זיי געפעהלט די גלעקלער וואס וואלטן זיי ערוועקט, און זיי וואלטן נישט געשטארבן צוליעב דביקות אין באשעפער.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

**ויעש כאשר צוה ה' את משה (אחרי טז:לד)**

רש"י: דער פסוק לויבט אהרן אז ער האט נישט אנגעטוהן די בגדים און געטוען די עבודה כדי צו זיין גרויס, נאר כדי צו טוען דער רצון ה'.

וואס מיינט רש"י אז אהרן הכהן האט נישט אנגעטוהן די בגדים "לגדולתו", אייגענטליך וואס איז שוין די גרויסקייט פון אנטוהן ווייסע קליידער? נאר, אין אלע מצוות איז דא זייער אסאך טיפע כוונות, פשט, רמז, דרוש, און סוד, און אוודאי אויך אין די הייליגע עבודה פונעם כהן גדול, און זיכער האט אהרן הכהן געוואוסט די טיפע כוונות פון די עבודה, פונדעסטוועגן ווען ער איז געגאנגען טוען די מצוות, האט ער אלעס אוועק געלייגט און זיי מקיים געווען ווייל דער באשעפער האט אזוי געהייסן, אזוויי דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט גוזאגט פאר זיין פטירה: "נאך אלע השגות, וואס איך האב משיג געווען בין איך א נאַר און איך גלייב!". דאס זאגט רש"י: "שלא היה לובשן לגדולתו", אהרן האט נישט געטוען די עבודה מיט גרויסע השגות, "אלא כמקיים גזירת המלך", נאר מיט אמונה פשוטה, ווייל דער באשעפער האט געהייסן!

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - סעודה א תשעו)*

**את משפטי תעשו ואת חקתי תשמרו... (אחרי יח:ה)**

*מדרש: (תורת כהנים) "ואת חקותי תשמרו" אלו דברי אגדה.*

המשך בעמוד הבא >-<-<-<-<-<



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## פֶּערל ווערטער פ' אחרי - קדושים תשפ"ג

<-<-<-<-<-

זיין דאס חיות פונעם מענטש.

*("חידושי הרי"ם")*

### קדושים

**את משפטי תעשו...ללכת בהם אני ה' אלוקיכם... (קדושים יח:ד)**

די מצות וואס מ'טוהט באהבה וביראה מיט אן **אמ"ת**, האבן א כוח צו באגלייטן דעם מענטש (בזוה"ק כל פקודא ואורייתא דלאו בדחילו ורחימו לא פרחית לעילא) אויב **א**'ת **מ**'שפטי **ת**'עשו.—וואס איז ראשי תיבות "**אמת**", דעמאלט "**ללכת בהם**",—מיט זיי קען מען גיין צום באשעפער.

*(בית אשר)*

**איש אביו ואמו תיראו... (קדושים יט:ג)**

טאטע און מאמע זארגן פאר'ן גשמיות פונעם קינד, ביז ער וואקסט אויף. קדושת שבת קודש איז משפיע רוחניות אויפ'ן מענטש. דעריבער שטעלט דאס דער-פסוק צוזאם, "איש '**אביו ואמו**' תיראו, ואת '**שבתותי**' תשמרו".

*(אגרא דכלה)*

**ואת שבתותי תשמרו אני ה' אלהיכם... (קדושים יט:ג)**

א תלמיד חכם איז א בחינה פון שב"ק. "**ואת שבתותי תשמרו**",—דורכדעם וואס מ'גיט כבוד פאר תלמידי חכמים און מ'באהעפט זיך אין זייערע וועגן, איז מען אויך זוכה צו, "**אני ה' אלוקיכם**",—אז מ'זאל זיך באהעפטן אין באשעפער.

*(אוהל יששכר - וואלבראז)*

**ואת שבתותי תשמרו אני ה' אלהיכם... (קדושים יט:ג)**

רש"י: 'סמך שמירת שבת למורא אב',—שמירת שבת שטייט נעבן כיבוד אב ואם.

אזוי ווי היטן שבת דארף זייך מיט איין כוונה צו טוען דעם רצון ה', אזוי אויך פארכטן טאטע-מאמע, דארף זיין מיט די זעלבע כוונה, נישט ווייל ס'פַּאסט אזוי, נאר כדי צו פאלגן דעם רצון ה'.

*(חידושי הרי"ם)*

**לא תגנבו ולא תכחשו ולא תשקרו.. (קדושים יט:יא)**

די סמיכות הדברים קומט אונז לערנען, אז דער וואס איז אפגעהיטן פון זאגן ליגנט, ער זאגט נאר אמת, פאסיהרט נישט קיין גניבות אין זיין שטוב.

*("אמרי פנחס" הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע)*

**לא תשנא את אחיך בלבבך... (קדושים יט:יז)**

אפילו א רשע, טאהר מען נישט פיינט האבן, נאר ליעב האבן. מ'דארף טראכטן אין הארץ, אז דער באשעפער זאל אים העלפן, און ער זאל טוען תשובה, און אזוי ארום וועט ער ווערן א צדיק.

*("תומר דבורה")*

**מפני שיבה תקום... (קדושים יט:לב)**

מ'דארף תשובה טוען, שוין אין די יונגע יאהרן, און נישט ווארטן ביז מ'קומט אויף די עלטער. "**מפני שיבה**",—נאך איידער דו קומסט אויף די עלטער, "**תקום**",—זאלסטו זיך אויפהויבן אין די מעלות הקדושה, און תשובה טוען.

*("תולדות יעקב יוסף")*

## מַיין אוֹצָר... מתורת רבותינו אויף די פַּרשָׁה

<-<-<-<-<-

האט דער טאטע ז"ל [מרן סמהרי"ד זי"ע] ערקלעהרט דעם ענין: אין אגדה זענען דא אסאך זאכן וואס מ'דארף נישט פארשטיין, ווייל ס'האט אסאך סתרי תורה, און ס'שטייט אז 'חק' האט נישט א טעם, און 'משפט', האט יא א טעם. דאס באדייט "את חוקותי תשמרו",—דאס זענען דברי אגדה, וואס דארפן זיין ווי א חק, וואס מ'היט, אהן דעם מ'ווייסט נישט זיין טעם. **אד"ק**. נאך האט דער טאטע ז"ל געזאגט: אויפ'ן פסוק (דברים ד:ח) "ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים",—זאגט רש"י: "חקים ומשפטים צדיקים",—הגונים ומקובלים. משפטים אליין וואס מ'איז משיג איז מען משיג, און וואס נישט דארף מען גלייבן און נישט חוקר זיין. דאס מיינט רש"י, 'הגונים',—וואס מ'איז משיג און אנגענומען, און וואס מ'איז נישט משיג, איז ער מקבל אהן צו וויסן דעם טעם. **אד"ק**. [די כוונה איז: חוקים זענען מצוות אהן א טעם, און משפטים זענען מצוות שכליות, און ס'שטייט אין די קדמונים אז מ'דארף גלייבן אז אויך די מצוות שכליות קען דער מענטשליכער שכל וואס איז באגרעניצט נישט משיג זיין קומט אויס אז די משפטים זענען אויך חוקים]. דאס איז די כוונה אין פסוק "את משפטי תעשו ואת חקותי תשמרו", אז אפילו די משפטים, וואס מ'פארשטייט נישט, דארף מען היטן און נישט חוקר זיין, פונקט אזוי ווי חוקים [וואס זענען בלי טעם]. *(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע אמרי קודש ר"ח פרידמאן ז"ל)*

**קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם...איש אמו ואביו תיראו (קדושים יט:ב)**

***ס'שטייט אין מדרש (ויקרא רבה כד:ט): "קדושים תהיו" יכול כמוני ת"ל "כי קדוש אני ה' אלקיכם", קדושתי למעלה מקדושתכם.***

פרעגן אלע מפרשים, ווי קען אפילו איינפאלן אז א מענטש זאל זיין אזוי הייליג ווי דער באשעפער? נאר דער הייליג'ן סטרעליסקער זי"ע האט געזאגט: ווען א איד איז זוכה צו איתערותא דלעילא, צו טוען דעם רצון הבורא, קומט די דאזיגע התעוררות מצד די נשמה, און ווייל דער איד האט גאָרנישט געדארפט טוען צו דעם התעוררות, קען ער מיינען, אז ס'וועט אזוי בלייבן אויף שטענדיג, זאגט דער פסוק: "קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלוקיכם", די התעוררות קומט פון די קדושה פונעם חלק אלקי ממעל, פון די נשמה וואס דער באשעפער האט פאר אייך משפיע געווען, אבער אזא קדושה קען זיך נישט האלטן אליין אויף אייביג, ווייל "איש אמו ואביו תיראו", איר דארפט שטענדיג מורא האבן אז דער חלק האב ואם וואס דאס איז דער גוף זאָל אייך ח"ו נישט אראָפּ שלעפן און דערווייטערן פונעם באשעפער, דערפאר דארף מען שטענדיג זיך מחזק זיין און ארבעטן אויף זיך צו גיין אינעם גוטן וועג. דאס קען זיין די כוונה פונעם מדרש: "קדושים תהיו, יכול כמוני" אפשר וועט איהר מיינען אז די התעוררות פון די קדושה וועט שטענדיג בלייבן אזוי ווי מיין חלק וואס איהר האט באקומען וואס דאס איז די נשמה, וואס ציהט אייביג אויף גוט, "תלמוד לומר, כי קדוש אני", איהר דארפט וויסן, אז דאס איז טאקע נאר דער חלק פון מיר, די נשמה, אבער דער גוף ווערט אראָפּגעצויגן דורכ'ן יצה"ר, דערפאר כדי איר זאָלט נישט פאלן, ליגט אויף אייך א חוב זיך שטענדיג צו שטארקן, מטהר זיין און זיך הייליגן. *(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע - סטרעליסקער חיבור)*

**הוכח תוכיח את עמיתך... (קדושים יט:יז)**

אינעם פסוק איז מרומז אז דער וואס איז מקבל תוכחה, ער טוהט תשובה און פאררעכט זיינע מעשים, איז זוכה צו א הויכע קדושה, ער זאל געשפייזט ווערן פון הימל, מיט אלע גוטע השפעות. ווייל די סופי תיבות פון "תוכי'**ח** א'**ת** עמית'**ך**" איז **חת"ך** דער שם הפרנסה. (ראה "פרי עץ חיים" שער הזמירות פרק ה'). און דער וואס קען

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-



## מַיין אוֹצָר... מתורת רבותינו אויף דִי פַּרשָׁה

<-<-<-<-<-

מוכיח זיין און ער טוהט דאס נישט ווערט ח"ו געשטראפט. דאס איז די כוונה "ולא תשא עליו חטא". זאגט רש"י אז ער זאל אים נישט מוכיח זיין ברבים. דעריבער ווען א צדיק רעדט און איז מוכיח ברבים, גיט ער אכטונג ער זאל רעדן בכללות און נישט בפרטות פון איין מענטש. ווייל יעדער איינער וואס ווייסט זיינע ביטערנישן און פעהלערן, וועט אליין פארשטיין דעם צדיק'ס כוונה, אז ער דארף פאררעכטן זיינע מעשים. און דורכדעם וועט ער פאר אים ממשיך זיין פרנסה פונעם שורש הפרנסה וואס איז מרומז אין די סופי תיבות פון "תוכי**ח** א**ת** עמית'ך" וואס איז דער שם הפרנסה **חת**"ך. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### לא תשנא את אחיך בלבבך... לא תקם ולא תטר...ואהבת לרעך כמוך...בהמתך לא תרביע כלאים שדך לא תזרע כלאים ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך (קדושים יט:יז-יט).

מ'זעהט אין די פסוקים אז די תורה האט געשריבן די מצוה פון ליעב האבן א חבר צווישן די שכל'דיגע מצוות: 'לא תשנא, לא תקום, לא תטור', און צווישן די מצוות וואס מיר פארשטיין נישט זייער טעם, ווי כלאים, שעטנז. ווייל דער פסוק וויל אונז לערנען, אז כאטש אהבת ישראל איז א שכל'דיגע מצוה, זאל א מענטש נישט ליעב האבן זיין חבר, נאר ווען זיין שכל פארשטייט אזוי, למשל ווייל יענער האט ספעציעלע מעלות, אדער אנדערע סיבות, נאר אפילו אויב ער האט נישט קיין שום שכל'דיגע טעם, יענעם ליעב צו האבן, דארף ער אים אויך ליעב האבן, אהן קיין טעם, אזויווי שעטנז און כלאים וואס מיר ווייסן נישט זייערע טעם. מ'זעהט אזוי אויך אין נביא אז דער באשעפער האט ליעב די אידן אהן קיין שום טעם, אזויווי ס'שטייט (מלאכי א:ב-ג) "אהבתי אתכם אמר ה' ואמרתם במה אהבתנו הלוא אח עשו ליעקב נאם ה' ואהב את יעקב ואת עשו שנאתי",—ד.מ. אז דער באשעפער האט ליעב די אידן אפילו אויב ס'איז ח"ו 'אח עשו ליעקב',—ס'איז נישטא קיין שום חילוק צווישן עשו און יעקב. דאס איז מרומז דא אין פסוק: "ואהבת לרעך כמוך אני ה'",—פונקט אזויווי דער באשעפער האט אונז ליעב אהן קיין שום טעם און שכל, אזוי אויך דארפן מיר ליעב יעדער איד אהן קיין שום טעם. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - סעודה א' תשמה)*

### ובשנה הרביעת יהיה כל פריו קדש הלולים לה'. ובשנה החמישת תאכלו את פריו להוסיף לכם תבואתו... (קדושים יט:כד-כה).

רש"י: יהיה כל פריו קודש... די פירות האבן א דין ווי מעשר שני וואס ווערט גערופן קדש. אז מ'טאהר זיי נישט עסן אויסער ירושלים, איידער מ'טוהט דאס אויסלייזן מיט געלט.

פריער שטייט אין פסוק "כל פריו קודש" און ווייטער שטייט נאר "את פריו"? דער "קדושת לוי" (ליקוטים) זאגט אויפ'ן פסוק (יואל ב:כו) "ואכלתם אכול ושבוע והללתם את שם ה' אלקיכם". ס'איז דא צוויי סארט אכילות. איין אכילה איז אזוי ווי ס'שטייט אין שו"ע (סי' רל"א) אויפ'ן פסוק (משלי ג:ו) "בכל דרכיך דעהו", אז מ'דארף עסן כדי צו האבן כח צו דינען דעם הייליגער באשעפער, און אויך אנדערע גוטע ענינים. און נאך א סארט אכילה, איז דא, וואס דאס עסן אליין איז אן עבודה. "והללתם את שם ה' אלקיכם", דאס עסן איז בעצם עבודת ה'. דאס זאגט דער פסוק: "**ובשנה הרביעת יהיה כל פריו קדש הלולים לה'**",—אזוי ווי רש"י זאגט: אז ס'איז קודש אזוי ווי מעשר שני, און ס'האט געהאט די קדושה פון מעשר שני, און דאס באדייט "יהיה **כל** פריו קודש, אז די גאנצע פרי איז קודש,—דאס עסן אליין איז בעצם עבודת ה'. און דערנאך שטייט "**את** פריו" און נישט **כל**, באדייט די אנדערע סארט אכילה וואס דער תכלית דערפון איז צו מאכן אן הכנה צו האבן כח פאר עבודת ה', אין די בחינה פון "בכל דרכיך דעהו". *(מרן מהר"א מבעלזא זי"ע - הרה"ח רבי שלום פויגל ז"ל)*

## פֶּערל ווערטֶער פ' אחרי - קדושים תשפ"ג

### ואהבת לרעך כמוך אני ה'... (קדושים יט:יח)

רש"י: "אמר רבי עקיבא, זה כלל גדול בתורה"—דאס איז א גרויסער כלל אין די תורה. אויב לערנען תורה ברענגט דעם מענטש צו די מידה פון אהבת ישראל, איז א באווייז, אז זיין תורה לערנען איז ווי ס'דארף צו זיין.

*(הרה"ק רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע)*

### ואהבת לרעך כמוך אני ה'... (קדושים יט:יח)

מ'קען צוקומען צו די מדריגה פון "**ואהבת לרעך כמוך**", ווען ס'איז "**אני ה'**",—מ'טוהט אלע מצות ומעשים טובים לשם שמים.

*("אך פרי תבואה")*

### ואהבת לרעך כמוך אני ה'... (קדושים יט:יח)

רש"י: אמר רבי עקיבא: "ואהבת לרעך כמוך - זה כלל גדול בתורה" (ת"כ י"ב).

"**זה כלל גדול בתורה**",—דאס איז א גרויסער כלל פאר א גדול בתורה, —א תלמיד חכם. ווייל ווי גרעסער מ'איז אין תורה, זעהט מען די אייגענע פעהלערן, און די מעלות פון זיין חבר, און מ'איז מקיים דעם "ואהבת לרעך כמוך", שטערקער און בעסער.

*(דברי ישראל)*

### ואהבת לרעך כמוך אני ה'... (קדושים יט:יח)

אויב ס'דאכט זיך דיר אז דיין חבר איז מיט עפעס אדורך געפאלן, און דורכדעם איז ער ביי דיר ווייניגער חשוב, זאלסטו זיך בארעכענען, ווען דו פאלסט אדורך מיט די זעלבע זאך, וויפיהל תירוצים וואלסטו געפונען זיך צו פארענטפערן, אזוי אויך זאלסטו זוכן תירוצים צו פארענטפערן דיין חבר און דו וועסט זיי טרעפן. דאס מיינט די תורה "**ואהבת לרעך כמוך**".

*(הרה"ק רבי משה לייב פון סאסוב זי"ע)*

### ואהבת לרעך כמוך אני ה' (קדושים יט:יח)

"אהבה" באטרעפט 13, צוויי מאהל "אהבה" באטרעפט 26 אזוי ווי דער שם הוי"ה ב"ה. ווען צוויי אידן האבן זיך ליעב, איז דא צוויי מאהל "אהבה". דער פסוק איז מרמז, "**ואהבת לרעך**",—איר זאלט ליב האבן איינער דעם אנדערן, "**אני ה'**",—דורכדעם ווערט פאראייניגט דעם שם הוי"ה.

*("ילקוט מאורי אור" בשם הרה"ק ר' מנחם נחום מבריסק זי"ע)*

### ואהבת לרעך כמוך אני ה' (קדושים יט:יח)

פונקט ווי א מענטש האט זיך ליעב, כאטש ער ווייסט זיינעאייגענע פעהלערן, אזוי זאלסטו ליעב האבן דיין חבר, און אוועק קוקן אויף זיינע חסרונות. נאר "**ואהבת לרעך כמוך**"...

*(ספר "מאור עינים" פ' חקת)*

### ואהבת לרעך כמוך אני ה' (קדושים יט:יח)

מ'זאל צוקומען ליעב האבן א חבר אזוי ווי זיך אליין, איז זייער א שווערע זאך. אבער מ'דארף טוען וואס מ'קען, און פארמעהרן ווי מער ליבשאפט צו אנדערע אידן, און דעמאלט וועט אים דער באשעפער העלפן אנצוקומען צו די מדריגה פון ליעב האבן אנדערע אידן אזוי ווי זיך אליין. "**ואהבת לרעך**",— דו זאלסט ליעב האבן דיין חבר, און אנצוקומען צו די מדריגה פון ליעב האבן א חבר '**כמוך**', ווי דיר אליין, "**אני ה'**",—וועל איך, באשעפער, דיר שוין העלפן.

*(בשם הרה"ק רבי שלמה [הראשון] מבאבוב זי"ע)*

## מיין געדאנק אויף די פרשה

### וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימתו. (אחרי טז:א)

חז"ל זאגן אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט מיט מידת הדין, און ווען ער האט געזעהן אז די וועלט קען נישט האבן קיין קיום מיט מידת הדין ווייל ס'איז צו שווער, האט ער משתף געווען מידת הרחמים אין די הנהגה פון די וועלט. דארף מען אבער פארשטיין, א זאך וואס דער באשעפער טוהט, איז דאך אויף אייביג, איז ווי קען זיין אז ער האט געטוישט פון מידת הדין, אויף מידת הרחמים, און וואס האט פאסירט מיט די ערשטע הנהגה פון מידת הדין? זאגט דער של"ה הק', ס'זענען דא נשמות וואס זענען באשאפן געווארן איידער דער טויש פון רחמים מיט דין, און מיט די נשמות טוהט זיך דער באשעפער ווייטער פיהרן מיט מידת הדין אליין. דאס איז פשט דא אין פסוק, דער באשעפער האט זיך געפיהרט מיט נדב ואביהוא מיט מידת הדין, ער האט מיט זיי מדקדק געווען כחוט השערה (ווי חז"ל ברענגען עטליכע טעמים פארוואס זיי זענען אזוי הארב באשטראפט געווארן). איז די קושיא, פארוואס זענען זיי אנדערש פון די גאנצע וועלט? אויף דעם ענטפערט דער פסוק, "**אחרי מות שני בני אהרן**",—פארוואס האט מען זיך מיט זיי געפיהרט במידת הדין, ווייל "**בקרבתם לפני ה'**",—זיי זענען פון די נשמות וואס זענען באשאפן געווארן איידער דער באשעפער האט משתף געווען דעם מידת החסד (הוי"ה ווייזט אויף מידת הרחמים) דערפאר "וימתו",—זענען זיי געשטארבן.

*("ראשי בשמים"-הרה"ק רבי ישעי' מושקט זצוק"ל)*

### ונתן אהרן על שני השעירים גורלות... (אחרי טז:ח)

**רש"י: מ'שטעלט אוועק איין ליגעלע אויף די רעכטע זייט, און איין ליגעלע אויף די לינקע זייט.**

חז"ל זאגן אז ס'איז געווען א גוטער סימן אויב דער לה' איז ארויס געקומען אין די רעכטע האנד. דער שעיר לה' איז געקומען, כדי מקרב צו זיין אידישע נשמות צו די קדושה, און דער שעיר לעזאזל איז געקומען אוועק צו שטופן די פסולת, פון די אידן און זיי ריינינגן פון זייערע זינד. חז"ל זאגן 'לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת', צוליעב דעם איז גוט געווען, ווען דער שעיר לעזאזל וואס איז "דוחה" זאל אויסקומען אין די לינקע האנד, און דער שעיר לה' וואס איז "מקרב" זאל אויסקומען אין די רעכטע האנד.

*(אבני נזר)*

### קדשים תהיו... (קדושים יט:ב)

**רש"י: דאס קומט אונז לערנען אז די פרשה איז געזאגט געווארן "בהקהל", ע"כ.**

אסאך פשטים זענען געשריבן אויף די רש"י, און מ'קען דאס ערקלעהרן אזוי: ס'זענען דא צוויי סארט צדיקים. איין צדיק וואס איז א קדוש פון זיין אייגענע יגיעה און עבודה. וואס איז א גרויסע בחינה. און ס'איז דא צדיקים וואס שטייגן און ווערן גרעסער אין זייערע מדריגות דורך זייערע תלמידים און חסידים וואס דינען דעם באשעפער מיט'ן כח פונעם צדיק און אזוי שטייגט דער צדיק העכער און העכער. אין דאס איז פשט אין רש"י: "**קדשים תהיו**",—דאס מיינט מען צדיקים, זיי קענען אויך זיין קדושים פון 'הקהל', וואס קומט פון די תלמידים און חסידים, אבער דער באשעפער זאגט, "**כי קדוש אני**",—יכול כמוני ת"ל "כי קדוש אני" קדושתי למעלה מקדושתכם: (ויק"ר פ"ב ה"ט) ביים באשעפער איז די קדושה פון אים אליין, ווייל 'ואחרי ככלות הכל לבדו ימלך נורא', אבער ביי צדיקים קען זיין זייער גרויסקייט דורך הקהל.

*(עטרת ישועה)*

### מפני שיבה תקום והדרת פני זקן... (קדושים יט:לב)

מ'קען זאגן פשט אין פסוק בדרך רמז, די גמרא זאגט, אז אינעם פסוק איז דא

## מיין טיעפע געדאנק אויף די פרשה

### וכי תזבחו זבח שלמים לה' לרצונכם תזבחו...ואוכליו עונו ישא (קדושים יט:ה,ח)

'שלמים' איז א רמז אויף גרויסע צדיקים, וואס ברענגען אויף די וועלט שלום און השפעות. צו זיין אין אזא מדריגה, דארף מען זיך אינגאנצן איבערגעבן צום רצון ה' און נישט וועלן גארנישט אנדערש.

זאגט דער פסוק "וכי תזבחו זבח שלמים",—אויב ווילסטו זיין אין א מדריגה פון שלמים, "לרצונכם תזבחו",—דארפסטו שחט'ן דיין אייגענעם רצון און נאר וועלן טוען דעם רצון ה'. "ביום זבחכם יאכל",—וועסטו עסן די פירות אויף די וועלט "וממחרת"—און צומארגנ'ס, אויף יענער וועלט, אינאיינעם מיט אלע גרויסע צדיקים. דאס איז דער גרעסטער תענוג וואס האט נישט קיין ענדע, "באש תשרף",—ממש פארברענט ווערן פאר אהבת ה'. "ואם האכל יאכל".

אין די ספרים הק' ווערט געברענגט אז ווען משיח צדקנו וועט קומען, וועט ער איינזאמלען אלע אידן וואס זענען צושפרייט אין גלות. די צדיקים וועלן כסדר זיין נאנט צו משיח. ווידער די אידן וואס האבן זיך אויפגעפיהרט עהרליך אין גלות, נאר זיי האבן שטארק געגליכן געלט, און זיי האבן נישט געהאט דעם ריכטיגן שכל וויאזוי צו דינען דעם באשעפער, וועט משיח זיי נעמען צום ים אוקייאנוס (אטלאנטי"ק אושע"ן), ער וועט פאר זיי עפענען ריזיגע אוצרות, פוהל מיט טייערע שטיינער גאלד און זילבער. די אידן וועלן נעמען וויפיהל געלט ס'גלוסט זיי, און אהיימטראגן פון דארט אסאך געלט. דערנאך וועט משיח צדקנו ארויפפליען צום גן עדן, און אלע צדיקים אונטער אים מיט א געוואלדיגע קדושה און פרישות. אבער די אידן וואס האבן זיך אנגעפילט די טאשן מיט גאלד און זילבער, זיי וועלן אויך וועלן ארויפגיין מיט משיח צדקינו, אבער זיי וועלן נישט קענען פליען, צוליעב די גרויסע וואג פון געלט און גשמיות וואס זיי האבן זיך אנגעפילט. זאגט דער פסוק "ואם האכל יאכל ביום השלישי",—אויב אויך דעמאלט וועט מען זיך אנפילן מיט עסן און תענוגי עוה"ז, "פגול הוא לא ירצה ואוכליו... ונכרתה הנפש...", וועט זייער נשמה פארשניטן ווערן פון די עהרליכע אידן ווען משיח צדקנו וועט ארויפנעמען די ערליכע אידן. אבער די ערליכע אידן וואס האבן אייביג געשטרעבט נאר צו דינען דעם באשעפער מיט א שלימות און האבן זיך איינגעוואוינט און געגרייט א גאנץ לעבן דערצו, זיי וועט זיין זייער גרינג ווען משיח וועט קומען, במהרה בימינו אמן סלה.

*(נועם אלימלך)*

## מיין געדאנק אויף די פרשה

<<<<<

צוויי מצוות, איינס "מפני שיבה תקום", מ'זאל זיך אויפשטעלן פאר אן אלטער איד, אפילו ער איז נישט קיין תלמיד חכם, די צווייטע מצוה איז "והדרת פני זקן",—זה שקנה חכמה, מ'זאל זיך אויפשטעלן פאר א יונגערמאן א תלמיד חכם. קומט אויס, אז ווען מ'זעהט אן אלטער איד, דארף מען זיך גלייך אויפשטעלן, אבער ווען מ'זעהט א יונגערמאן נישט, ווייל אפשר איז ער נישט א תלמיד חכם, נאר אויב ער רעדט מיט אים, און זעהט אז יענער איז א תלמיד חכם, דעמאלט דארף ער זיך אויפשטעלן פאר אים. דאס איז דער פשט אין פסוק '**מפני**' שיבה תקום,—פאר אן אלטער איד זאלסטו זיך אויפשטעלן נאך פאר ער קומט צו דיר, ("מפני" איז א לשון פאר [=איידער]), אבער והדרת '**פני**' זקן, פאר א יונגערמאן א תלמיד חכם דארפסטו זיך נישט אויפשטעלן, נאר ווען ער שטייט פאר דיין פנים, און די האסט גערעדט מיט אים און געזעהן אז ער איז א תלמיד חכם.

*(כתב סופר)*



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## מַיין רֶמֶז אויף דִי פַּרְשָׁה

**וידבר ד' אל משה אחרי מות שני בני אהרן... (אחרי טז:א)**

ענדע פ' מצורע, שטייט אין פסוק "**זאת תורת**" וגו', און אין אנהויב פון אונזער פרשה, שטייט "**אחרי מות שני בני אהרן**". דער דאזיגער נאהנקייט פון פסוקים איז אונז מרמז, אז די צוויי קינדער פון אהרן זענען געשטארבן ווייל זיי האבן געפסק'נט אן הלכה פאר זייער רבי'ן משה רבינו.

*("בעל הטורים")*

**ונתן את הקטורת על האש לפני ה'... ולא ימות. (אחרי טז:יג)**

ס'שטייט אין זוהר הק', אז קטורת איז מבטל מיתה יעדער טאג, און בפרט יום הכפורים. דער פסוקאיז מרמז, "ונתן הקטרת על האש לפני ה'", און דורך די קטורת וועט זיין "ולא ימות"—ס'וועט נתבטל ווערן די גזירת מיתה פון כלל ישראל.

*(נועם אליעזר)*

**ונשא השעיר עליו את כל עונתם. (אחרי טז:כב)**

די משנה (שבת פרק ט') זאגט: פון וואו ווייס איך אז מ'בונד א רויט'ן פאדעם אויפ'ן שעיר המשתלח, ווייל ס'שטייט (ישעי' א:יח) "אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו". אבער ווי איז מרומז אין פסוק אז מ'רעדט פון א **שעיר**? מ'קען זאגן בדרך רמז: "**אם יהיו חטאיכם כשנים**", באטרעפט (580) און '**שעיר**' באטרעפט (580), איז געדרינגען אז ס'מיינט דעם שעיר, אייך צו מטהר זיין.

*(נפלאות חדשות)*

**לא תאכלו על הדם... (אחרי יט:כו)**

די גמרא זאגט, און אזוי שטייט אויך אין רמב"ם, אז א מענטש זאל זיך נישט אנעסן אינגאנצען, נאר עסן צוויי דריטל. דאס איז מרומז אינעם פסוק ווייל אכילה איז בגימטריא ס'ו (66), און א דריטל וואס מ'דארף וויינינגער עסן איז כ"ב (22), בלייבט איבער מ'ד (44), דאס איז **ד"ם**. "**לא תאכלו על הדם**"—זאלסט נישט עסן מער ווי ד"ם, וואס דאס איז צוויי דריטל פון כדי שביעה.

*("צבי לצדיק" - בלאזשוב)*

**ושמרתם את בריתי ואת משפטי אשר יעשה אתם האדם וחי בהם... (קדושים יח:ה)**

דאס איז א רמז, אז א יעדער מצוה דארף געטוען ווערן מיט פרישקייט, לעבעדיגקייט, און פלינקייט (בזריזות).כדי צו שפירהן א חיות אין די מצוה.

*(של"ה הק')*

**הוכח תוכיח את עמיתך... (קדושים יט:יז)**

"**הוכח תוכיח את עמיתך**", און דערנעבן שטייט דער לאו פון "**לא תשנא את אחיך בלבבך**",—מרמז צו זיין אז איידער מ'זאגט מוסר רייד פאר א צווייטן, דארף מען פריער באטראכטן צי ס'קומט נישט פון שנאה ח"ו, און דערנאך קען מען מקיים זיין די מצוה פון "**ואהבת לרעך כמוך**".

*(המוכיח מפולנאה זצוק"ל)*

## מַיין אוֹצָר... מוּסַר הַשֵּׂכֶל פוּן דִי פַּרְשָׁה

*רוחניות, מיט די אנווייזונג פונעם צדיק הדור.*

**בקרבתם לפני ה' וימתו... (אחרי טז:א)**

כדי זיך צו דערנענטערן צום באשעפער און שטייגן אין רוחניות, דארף מען האבן די אנווייזונג פונעם צדיק הדור. ווייל אליין קען מען ח"ו נישט אנקומען צום ריכטיג'ן וועג. נדב און אביהוא האבן זיך געוואלט דערנענטערן צום באשעפער אליין, אהן די הילף פון משה און אהרן. "**בקרבתם לפני ה'**",—ווייל זייער דערנענטערן זיך איז געווען פון זיך אליין, "**וימתו**",—איז געקומען אויף זיי די שטראף פון שטארבן.

*("אהבת שלום" - קאסוב)*

*אהן דעם באשעפער קען גארנישט געשעהן...*

**לפני ה' תטהרו (אחרי טז:ל)**

ווען א איד גלייבט און ווייסט "**לפני ה'**",—אז ער שטייט פאר'ן באשעפער און אהן זיין הילף קען ער גארנישט טוען, "**תטהרו**",—דאס אליין רייניגט אויס די מחשבות און ברענגט אים נעהנטער צום באשעפער.*("תפארת שמואל' - אלכסנדר)*

*ליעב האבן נאר דעם אמת*

**ולא תשקרו איש בעמיתו.. (קדושים יט:יא)**

מענטשן האבן ליעב דעם אמת, ווייל אזוי קומט זיי אויס גוט; אנדערע האבן ליעב דעם שקר, ווייל ס'וועט זיי העלפן. אבער ס'איז נישט קיין ליעבשאפט צום אמת אדער שקר, נאר מ'האט 'זיך' אליין ליעב. אן איש אמת מיינט, ווען מ'האט ליעב דעם אמת ווייל ס'איז אמת, צי ס'העלפט אדער ס'שטערט... *(הרה"ק רבי יהושע מאסטראוו זצוק"ל)*

*זיך די זינד פריער ביי דיר אליין...*

**לא תשנא את אחיך...ולא תשא עליו חטא (קדושים יט:יז)**

"**עליו**" מיינט דיך אליין. אויב דו זעהסט א זינד ביי דיין חבר און דו ווילסט אים מוסר'ן, הענג נישט אהן די זינד אויף דיין חבר, נאר אויף דיר אליין וועסטו טרעפן די זינד אדער עהנליכ'ס.*(הרה"ק רבי ר' זושא מאניפאלי זי"ע)*

*זיין איינגאנצען אפגעשיידט פון די גוים*

**והייתם לי קדשים... ואבדל אתכם מן העמים... (קדושים כ:כו)**

"**והייתם לי קדושים**",—אידן דארפן זיין באהאפטן צו די קדושה. "**ואבדיל אתכם מן העמים**",—און אויב אידן, וועלן זיך נישט אפשיידן פון די גויים, דעמאלט וועלן די גויים זיך אפשיידן פון זיי.*(הגאון רבי חיים פון וואלאזי'ן זצ"ל)*

*שפיר זיך ווי דו ביסט יעצט אין היכל*

**וכל אדם לא יהי' באוהל מועד. (קדושים טז:יז)**

אין ספה"ק 'ראשית חכמה' שטייט א גוטע עצה פאר א איד צו קענען מקיים זיין א מצוה בשלימות, אז יעדער מאהל ווען ער טוהט א מצוה זאל ער זיך אויס'משל'ן ווי ער גייט יעצט אוועק פון די וועלט און ער גייט ארויף למעלה. די בחינה איז מרומז דא אין די ווערטער "וכל אדם",—און יעדער איד זאל טראכטן ביי זיך, "לא יהיה באוהל מועד",—ווי ער איז נישט מער אין אוהל מועד וואס באדייט די וועלט און ווען זאל ער זיך פיהרן אזוי? "בבואו לכפר בקודש",—ווען ער קומט אריין בקודש עוסק צו זיין בתורה ובמצוות און ער זאל זיך אוזי פיהרן, "עד צאתו",—ביז ווען ער גייט אוועק פון די וועלט און דעמאלט וועט מקויים ווערן אז ער וועט לעבן אזוי ווי ס'דארף צו זיין.

*(אור פני משה)*

# מַיין שַבָּת אוֹצָר




## מַיין אוֹצָר... וואונדערליך...

### מ'געהט אויפ'ן גרעסערן קרבן...

**בזאת יבא אהרן אל הקודש בפר בן בקר לחטאת (אחרי טז:ג).**

אייגענטליך פארוואס זאגן מיר "ונשלמה פרים שפתינו", א פר האט מען דאך נאר מקריב געווען סוכות, אדער יום כיפור, אדער א פר של כהן גדול, אבער א גאנץ יאהר זענען מערסטע קרבנות געווען פון כבשים, וואלט מען געדארפט זאגן "ונשלמה כבשים שפתינו". האט דער טשעבינער רב ערקלעהרט בשם דעם מהרש"ם פון בערזאן זצ"ל: וויבאלד מיר זאגן דאך דאס נאר מיט'ן מויל, בעהטן מיר שוין אויפ'ן גרעסערן קרבן... *(שי לתורה, יוהכ"פ - מובא ב'דברים של טעם' ותשוח"ל)*

### ער איז נאכנישט פטור פון אנדערע צדקות...

**ואל יבוא בכל עת אל הקודש... (אחרי טז:ב)**

אויפ'ן פסוק "עושה צדקה בכל עת" דרש'נען חז"ל "זה הזן ומפרנס את אשתו ובניו",—דער וואס שפייזט זיין ווייב מיט די קינדער, און ס'גלייך ווי ער וואלט שטענדיג געגעבן צדקה. אוודאי איז דאס א פיינע זאך און א זייער חשובע מצוה, אבער, "ואל יבוא בכל עת אל הקודש", פונדעסטוועגן מיט'ן דאזיגען "כל עת" איז מען נאך נישט יוצא און נישט פטור פון צו געבן אנדערע צדקה. *(של"ה)*

### ער זאל דאס נישט שיקן מיט א צייטונג'ס-מאן...

**ושלח ביד איש עתי המדברה. (אחרי טז:כא)**

הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל האט געזאגט בדרך צחות: פון דא זעהט מען אז שוין אין יענע צייטן זענען געווען צייטונגס-לייט און צייטונגען אזוי ווי היינט. ווייל דער פסוק זאגט "והתוודה עליו את כל עוונות בית ישראל ואת כל פשעיהם",—אז דער כהן דארף זיך מתוודה זיין אויפ'ן קרבן און אויסרעכענען אלע עבירות פון אידישע קינדער. פון וואו האט דער כהן גדול געוואוסט אלע עבירות? האט די תורה אים ג'עצה'ט "ושלח ביד איש עתי", ער זאל זאל שיקן מיט א צייטונגס-מאן, און אויף א צייטונג'ס-מאן קען מען זיך פארלאזן אז נישט נאר וואס ער וועט ווייסט יענעמ'ס עבירות, נאר ער וועט



נאך צולייגן נאך און נאך, אשר לא היו ולא נבראו... *(ניצוצי אור המאיר)*

### דער עושר איז גאר אן ארימאן...

**לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול (קדושים יט:טו)**

צו הרה"ק רבי דוד'ל טאלנא זי"ע איז אמאהל אריינגעקומען א איד אן עושר זיך אדורכשמועסן און ער איז געזיצן ביים רבי'ן א לענגערע צייט. ווען יענער איז ארויס איז אריין צו רבי'ן א איד א ארימאן און נאך עטליכע מינוט איז ער שוין געווען אינדרויסן. האט איינער געפרעגט דעם רבי'ן צו ער איז ח"ו משוא פנים פאר'ן עושר? האט רבי דוד'ל געענטפערט: פארוואס פארשטייסטו נישט? דער ארימאן ווען ער איז אריינגעקומען האב איך באלד געזעהן ווער ער איז און פארוואס ער איז געקומען האב איך אים געגעבן וואס ער דארף, אבער מיט'ן עושר האב איך געדארפט זיצן א לענגערע צייט, זיך צו דערוויסן אז ער איז גאר אן ארימאן און דארף האבן הילף. *(אמרות חכמה)*

### אז דער טאטע האט ליעב פיאות גיט מען אים פיאות און נאך פיאות...

**לא תקיפו פאת ראשכם (קדושים יט:כז)**

הרה"ג רבי משה לאנדינסקי זצ"ל ראש ישיבת ראדין איז אמאהל געפאהרן קיין מאסקווע זאמלען געלט פאר די ראדינער ישיבה, האט אים איינער פון די גבירים געפרעגט: ס'שטייט אין פסוק "**לא תקיפו פאת ראשכם**", אבער וואו שטייט אז מ'דארף האבן אזעלכע לאנגע פיאות? האט אים רבי משה געענטפערט: ווען א טאטע קומט אריין אין שטוב און זאגט אז ער איז דארשטיג, וועט יעדער קינד לויפן און ברענגען אים צו טרינקען, כאטש יעדער ווייסט אז ער קען נישט אלעס אויסטרינקען, נאר צוליעב די ליעבשאפט צו זייער פאטער ברענגען זיי וואס זיי קענען. דאס זעלבע איז דא, מיר האבן ליעב דעם באשעפער, און מיר זעהן אז ער האט ליעב פיאות, ווייל ס'שטייט דאך "לא תקיפו פאת ראשכם", **נו, אז דער טאטע האט ליעב פיאות, גיט מען אים פיאות און נאך פיאות ...**

### דער משפט אין הימל איז לייכטער...

**ולא תשחית את זקנך...(קדושים יט:כז)**

ס'האט דערציילט א תלמיד פונעם גאלאנטא רב זצוק"ל: נאך די צווייטע וועלט מלחמה האט ער זיך באזעצט אין אויסלאנד און ער איז ליידער מיט געשלעפט געווארן מיט'ן גייסט פון די גאס, און האט נישט געטראגן א בארד, אזוי ווי אין די אלטע היים אין די ישיבה אין גאלאנטא. איין נאכט חלומ'ט ער ווי זיין רבי, הרה"ק רבי יהושע בוקסבוים, דער גאלאנטא רב זצוק"ל, באווייזט זיך צו אים און פרעגט אים פארוואס ער טראגט נישט א בארד אזוי ווי אמאהל? האט ער זיך פארענטפערט מיט פארשידענע תירוצים. האט אים זיין רבי געזאגט: "**זאלסט וויסן אז לאחר מאה ועשרים שנה ווען מ'קומט ארויף אין הימל און מ'שטייט פאר'ן בית דין של מעלה, רעכנט מען זיך מיט דעם וואס טראגט א בארד און דער משפט איז לייכטער**". *(מפי המגיד מישרים הרה"ג רבי אברהם ישי פארגעס שליט"א, מה ששמע מאת הרה"ח ר' יצחק ראטה הי"ו ממאנטריאל ששמע הסיפור מבעל העובדא).*

### איך באצאהל דיר דאפעלט און טראג מיר א בארד...

**ולא תשחית את זקנך... (קדושים יט:כז)**

אמאהל האט הגאון רבי דוד דייטש זצ"ל באגעגנט א טרעגר, וואס טראגט נישט קיין בארד, און שלעפט א שווערע משא. פרעגט רבי דוד דעם טרעגער וויפיהל באקומסטו באצאהלט פאר'ן שלעפן די משא? האט דער טרעגער געענטפערט וויפיהל ער באקומט באצאהלט. זאגט אים רבי דוד איך בין גרייט דיר צו באצאהלן דאפעלט, און "**טראג מיר א בארד**".

### פון ווי ווייסט איר אז איך האב אייך געמיינט...

**מפני שיבה תקום (קדושים יט:לב)**

החסיד המופלג רבי יעקב אשר ארקוביץ ז"ל האט דערציילט: איין טאג בין איך געזיצן אין בית המדרש אין בראנוביטש, און הרה"ג רבי משה מידנר זצ"ל איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד, האב איך מיך אויפגעשטעלט לכבודו. וואונדערט זיך רבי משה: "אשר, דו אויך"? ווי איינער זאגט: דו טיילסט מיר אויך צו כבוד? ווייל רבי משה האט נישט פארטראגן אז מ'גיט אים אפ כבוד. האט איך אים געענטפערט: פון ווי ווייסט איר אז איך האב מיך אויפגעשטעלט פאר אייך?... האט רבי משה געמייכלט, ווי ס'איז אים געפאלן די תשובה. *(אשרי האיש-מובא ב'דברים של טעם' ותשוח"ל)*



# מיין שבת אוצר

## מיין אוצר...וואונדער פון די תורה

### אחרי

**וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו. (אחרי טז:יז)**

דער טעם פארוואס קיינער (אפילו א כהן. ווייל א ישראל טאהר דאך קיינמאהל נישט אריינגיין אין היכל) טאהר נישט זיין אין אהל מועד, איז צוליעבן חשש אז יענער וועט טמא ווערן אינעווייניג, און דער כהן גדול קען נישט מכפר זיין אויף א טומאה וואס האט פאסיהרט אין יענעם טאג.

*(חזקוני)*

**וכל אדם לא יהיה באהל מועד... (אחרי טז:יז)**

זאגט דער ירושלמי (יומא פ"א ה"ה) "וכל אדם לא יהיה באהל מועד,—אפילו מלאכים (וואס זיי ווערן אמאהל אנגערופן "אדם", ווי דער נביא יחזקאל (א:י) זאגט "ודמות פניהם פני אדם"). דער טעם פארוואס אויך מלאכים טאהרן נישט זיין אין אהל מועד בשעת דער כהן גדול גייט אריין אין קדשי קדשים. איז דערפאר כדי דער כהן גדול זאל זיך קענען מתייחד זיין מיט'ן באשעפער אהן א פארמיטלער, און כדי ס'זאל נישט שאטן אן עין הרע אויף די ברכות וואס דער כהן גדול פועל'ט דעמאלט אויס פאר אידן.

*("ריקנטי", ועי' רבינו בחיי)*

**וכל אדם לא יהיה באהל מועד... (אחרי טז:יז)**

נאך א טעם: בשעת דער כהן גדול איז געווען אין קדשי קדשים האט געקענט זיין א קיטרוג אויף די אידן (וואם דעריבער האט ער נישט אנגעטוהן דעם מעיל, וועלכער האט געהאט גאלדענע גלעקלעך, צוליעב "אין קטיגור נעשה סניגור"). דערפאר האבן זיך מלאכים נישט געטאהרט געפינען דארט, כדי זיי זאלן נישט מקטרג זיין אויף דעם וואס דער כהן גדול גייט אריין פלוצלונג. איין מאל אין יאהר, בפלטרין של מלך, אין קדשי קדשים.

*(מנחה בלולה, ש"ך)*

### קדושים

**איש אמו ואביו תיראו (קדושים יט:ג)**

דער פסוק הויבט אהן, "**איש**",—א לשון יחיד, און ענדיגט "**תיראו**",—א לשון רבים. מרמז צו זיין אז א קינד וואס גיט כבוד פאר זיין טאטע-מאמע, פארדינט אליין דערפון אז זיינע קינדער וועלן אים פארכטן און אים אפגעבן כבוד. דאס איז פשט אין פסוק, "**איש**"—דורכדעם וואס דער מענטש איז מקיים די מצוה, "**תיראו**",—וועלן זיינע קינדער פון אים מורא האבן און אים אפגעבן כבוד.

*(אור החיים הק')*

**לא תקלל חרש. (קדושים יט:יד)**

רש"י: אין לי אלא חרש, מנין לרבות כל אדם, תלמוד לומר בעמך לא תאור.

אויב אזוי, אז דער לאו פון שעלטן א פרעמדן גייט אויף אלע מענטשן, נישט נאר א טויבן. פארוואס זאגט דער פסוק נאר "חרש"? איז דער




תירוץ, כדי דער שעלטער זאל נישט מיינען אז וויבאלד יענער קען נישט הערן זיין קללה (ווייל ער איז דאך טויב), איז דערביי נישטא קיין לאו, ווייל דער טויבער האט דאך נישט קיין צער, ווארנט די תורה. אז אפילו א מענטש וואס הערט נישט, טאהר מען נישט שעלטן.

*(רמב"ן, רבינו בחיי)*

**לא תקלל חרש. (קדושים יט:יד)**

נאך א טעם פארוואס דער פסוק זאגט דווקא "חרש" קען מען זאגן. ווייל דער דין איז (עי' רש"י) אז דער לאו פון לא תקלל גייט אהן נאר ביי א לעבעדיגער מענטש, אבער אויב מ'שעלט א טויטן איז מען נישט עובר אויפן לאו. אויך זאגט די גמרא (בבא קמא פה:) "סימא עינו נותן לו דמי עינו, חשו נותן לו דמי כולו"—אויב א מענטש מאכט בלינד א צווייטער מענטש דארף ער אים באצאהלן פארן אויג. אבער אויב ער האט אים געמאכט טויב, דארף ער אים באצאהלן די ווערד פונעם גאנצן מענטש, ווייל א טויבער איז ווי א געשטארבענער ח"ו. דעריבער ווארנט די תורה "לא תקלל חרש",—אז מ'טאהר נישט שעלטן א טויבער. ווייל ס'וואלט געווען א הוה-אמינא אז מ'מעג שעלטן א טויבער מענטש פונקט ווי ס'איז נישטא קיין לאו צו שעלטן א טויטער מענטש (יצא המת שאינו בחיים). און א חרש איז דאך חשוב כמת (ווייל חרשו נותן לו דמי כולו). דעריבער איז דער לאו געזאגט געווארן וועגן שעלטן א טויבער מענטש.

*(כלי יקר)*

**ואהבת לרעך כמוך אני ה' (קדושים יט:יח)**

די "אבן עזרא" פרעגט: ס'וואלט געדארפט שטיין, ואהבת רעך כמוך, זאלסט ליעב האבן דיין חבר פונקט ווי דיך אליינס, פארוואס שטייט, ואהבת "ל"רעך כמוך (מיט א למ"ד)? דעריבער טייטשט ער: "ואהבת",—און דו זאלסט ליעב האבן, "לרעך",—אזעלכע זאכן וואס זענען גוט פאר דיין חבר, "כמוך",—אזוי ווי זאכן וואס זענען גוט פאר דיר (ד.מ. אז ווען ס'גייט גוט פאר דיין חבר, זאלסטו זיך מיטפרייען אז ס'קומט אויף אים גוטס, אזוי שטארק ווי דו וואלסט זיך געפרייט אז ס'קומט אויף דיר גוטס!) נאך א פשט אויף די איבריגע למ"ד, זאגט דער "אבן עזרא": פארוואס עפעס וויל די תורה דו זאלסט ליעב האבן דיין חבר? "אני ה'" ווייל איך דער באשעפער האב אייך אלע באשאפן, און איר זענט אלע ווי איינ'ס ביי מיר.

*(אבן עזרא)*

**ובגד כלאיים שעטנז לא יעלה עליך (קדושים יט:יט)**

דער טעם פארוואס מ'טאהר נישט גיין געקליידעט מיט שעטנז, איז ווייל די קליידער פון די כהנים זענען געווען געמאכט פון שעטנז, וואהל און פלאקס צוזאמען. דעריבער טאהר א פרעמדער, א זר, נישט גיין אנגעטוהן מיט שעטנז, ווייל א זר טאהר נישט אנטוהן קליידער פון כהנים.

*(חזקוני פ' תצא)*

## • "נישט אריינקומען נישט בכבוד'יגע קליידער..."

### ואל יבא בכל עת אל הקודש (אחרי טז:ב)

הגאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א האט דערציילט די פאלגענדע מעשה: אמאהל איז ער געווען אין הויז פון מרן מהר"א זי"ע, ווען פלוצלונג איז געקומען צו לויפן א איד א 'פעינטער', מיט א וויכטיגע הזכרה, און ער האט געוואלט אריינגיין צו מרן זי"ע, מזכיר צו זיין, זיין פרוי וואס איז געווען א מקשה לילד, אבער אזוי ווי ער איז געווען אנגעטוהן מיט זיינע פארשמיהרטע ארבעט'ס קליידער, האט אים דער גבאי הרה"ח רבי שלו' פויגל ז"ל נישט געלאזט אריינגיין צו מרן זי"ע מפני הכבוד. דער איד האט זיך געבעהטן ביי רבי שלו' אז זיין פרוי איז אין הדסה שפיטאל (דערנעבן) און זו געפונט זיך אין א גרויסע סכנה. אבער רבי שלו' וויל נישט הערן און לאזט דעם איד נישט אריין. ער זאגט פאר'ן איד גייט שנעל אהיים און טוהט אייך איבער די קליידער און קומט צוריק, און איך וועל אייך אריינלאזן צו מרן זי"ע אהן איר זאלט דארפן ווארטן אין די רייע. נאך א פאהר מינוט, נאך איידער ער האט געקענט צוריק קומען מיט זיי אנדערע קליידער, איז דער איד שוין געקומען מעלדן בשמחה אז ס'קומט אים א מזל טוב, ס'איז ביי אים געבוירן ב"ה געווארן א קינד, מ'האט געזעהן בחוש א בחינה פון "טרם יקראו ואני אענה." *("אור הצפון" קובץ קכ"ד מאמר באהלי צדיקים ומשם קובץ קנ"ב אדר תשפ"ב)*



כ"ק מרן מהר"א זי"ע

## • "אהרן הכהן האט געמעגט אריין קומען אין דקדשי קדשים אלעמאהל..."

### ויאמר ה' אל משה דבר אל אהרן אחיך ואל יבא בכל עת אל הקדש... (אחרי טז:ב)

אמאהל ווען הגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א בעמח"ס "מועדים וזמנים", איז אריין בקודש פנימה צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע. האט אים מרן זי"ע געזאגט דריי זאכן וואס ער זאל זאגן פאר זיינע חברים אין די חברונ'ער ישיבה. א) צו לאזן וואקסן א טשופ האר אויפ'ן קאפ איז א חשש פון אן איסור דאורייתא. ב) אויב מ'לערנט א מסכתא דארף מען לערנען די מסכתא בשלימות. ג) אזוי ווי דו ביסט דאך אן אייניקל פונעם הגר"א זי"ע, וויל איך די זאגן וואס דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע] האט געהאט א קפידא צו זאגן איינמאהל אין יאהר א תורה פונעם הגר"א. און מרן זי"ע האט אים געזאגט די דבר תורה: ס'שטייט אין מדרש (ויקרא רבה כא:ז) אויפ'ן פסוק (אחרי טז:ב) "**ואל יבא בכל עת אל הקדש**", אז אהרן מעג אריינקומען אל הקודש יעדער צייט וואס ער וויל, נאר ער דארף אריינקומען לויט דעם סדר. ס'שטייט (זית רענן על הילקוט, חידושי הרד"ל בשם הגר"א), אז דאס איז געווען מיוחד נאר פאר אהרן הכהן אליין, אבער ביי אנדערע כהנים גדולים שטייט: "חקת עולם... אחת בשנה..." (טז:לד), אז זיי מעגן ארינגיין אין קדשי קדשים נאר יום כיפור אליין. קען מען זאגן א טעם אז דערפאר שטייט "ויעש כאשר צוה ה' את משה", (טז:לד), און די תורה שרייבט נישט ארויס אהרן הכהן'ס נאמען ווייל פריער שטייט "אחת בשנה", און אהרן הכהן האט געמעגט אריינקומען אין קדשי קדשים אלעמאהל און נישט נאר יום כיפור. *(מפי הרה"ג רבי אהרן דוד דונער שליט"א ששמע את הסיפור מבעל העובדא שליט"א - מובא ב"אור הצפון" ניסן תשפ"ב)*

## • "זיך אנזאפן מיט קדושת בית הכנסת..."

### בזאת יבא אהרן אל הקודש (אחרי טז:ג)

מוצאי יום הכיפורים איז געווען דער מנהג פון רבותנו הק' מבעלזא, אז נאך הבדלה אין שטוב, זענען זיי צוריק צוקומען אין די הייליגע שוהל און זענען ארום געגאנגען פון אלע פיהר זייטן. חסידם האבן דאס אויסגעטייטש אז זיי נעמען צוזאם די תפילות, וואס האבן נישט געהאט אן עליי' אין דעם הייליג'ן טאג, און זענען זיי יעצט מעלה. ווען מען האט געברענגט כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, דאס אונטערשטע יאהר אין די שוהל, זיצענדיג אויף זיין שטול, האט מרן זי"ע געהייסן מען זאל אים ארומפירן די שוהל פון אלע פיהר זייטן. ווען ער איז אנגעקומען צו די טיר, האט מרן זי"ע געבעטן מען זאל אויסדרייען די שטוהל צום ריכטונג פון ארון הקודש, און ער האט זיך געוואנדן צו די ארומיגע און געזאגט: "איר טראכט אוודאי אז דער זיידע און דער טאטע ז"ל זענען צוריקגעקומען אין די שוהל כדי מעלה צו זיין די תפילות, איז זאג ענק אז וויבאלד זיי זענען געווען פארנומען מיט'ן קדושת היום, האבן זיי נישט מרגיש געווען די קדושת בית הכנסת, דעריבער האבן זיי זיך געפירט צוריק צו קומען אין די שוהל, און זיך אנזאפן מיט די קדושת בית הכנסת".



כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע

## • "מיר זענען פארט דיינע קינדער..."

### כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתכם וגו' (אחרי טז:ל)

אין איינע פון די יאהרן אין בעלזא, איידער כ"ק מרן מהר"ש זי"ע איז צוגעגאנגען זאגן 'כל נדרי', האט ער זיך אויסגעדרייט און געבעהטן מען זאל אים אויפזיכן און ברענגען דעם בראדער שניידער. האט מען געזיכט און אים געטראפן זיצן אין א ווינקעל פון די שוהל צווישן די פשוט'ע מענטשן. ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער, האט אים מרן זי"ע געפרעגט, וואס איז דער טייטש פון דעם פסוק (ירמי' יד:ז) "**אם עוונינו ענו בנו**", וואס מען זאגט ביי תחנון יעדן שני וחמישי? דער שניידער האט נישט פארשטאנען פארוואס מרן זי"ע פרעגט פונקט אים, אזא פשוטער מענשט? האט ער געענטפערט מיט א תמימות, "צו ווייסט דען נישט דער רבי טייטש פון די ווערטער? דער טייטש איז דאך אזוי פשוט: **'אם עוונינו'**,—כאטש מיר האבן געזינדיגט און אונזערע זינד איז פיהל, **'ענו בנו'**,—זענען מיר פארט דיינע קינדער. מרן זי"ע האט שטארק באוואונדערט דעם טייטש, און עטליכע מאהל איבערגע'חזר'ט: "הייליגער באשעפער כאטש מיר האבן קעגן דיר געזינדיגט בשוגג ובמזיד, זענען מיר פארט דיינע קינדער". קיינער האט נישט פארשטאנען וואס מרן זי"ע האט געפונען אינעם טייטש, פון א שניידער א בור ועם הארץ, ממליץ טוב צו זיין אויף כלל ישראל, און מ'האט אויך נישט פארשטאנען וויאזוי מרן זי"ע האט זיך דערוואוסט פונעם 'איינפאכן' טייטש פונעם בראדער שניידער.

<<<<<<<







<<<<<<<

*(ספר 'יחיד בדורו' - עמ' שז)*

## • "על כיסוי הדם בעפר..."

### ושפך את דמו וכסהו בעפר (אחרי יז:יג)

הרה"ח רבי יצחק לאנדא ז"ל שרייבט ספר "בקודש פנימה" (חלק ב') דעם סדר פון שחיטת העופות ערב יום כיפור. די כפרות האט מען גע'שחט'ן אין צימער פון מרן זי"ע אין א כלי מיט זאמד. מרן זי"ע האט זיך געפיהרט מכסה דם צו זיין ערב יום כיפור דריי מאהל לסירוגין, און יעדער מאהל האט מרן זי"ע פון פריש געמאכט די ברכה על כיסוי הדם, לויט דעם סדר. קודם האט מען גע'שחט'ן דעם עוף פון מרן זי"ע, און מרן זי"ע האט געמאכט די ברכה און מכסה דם געווען. דערנאך האט מען גע'שחט'ן



**כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע**

אן צווייטער עוף פון איינע פון די בני הבית, און אן אנדערע איז מכובד געווארן מיט כיסוי הדם. דערנאך האט מען גע'שחט'ן א דריטער עוף, און מרן זי"ע האט געמאכט די ברכה און מכסה דם געווען. דערנאך האט מען גע'שחט'ן אן פערדער עוף פון איינע פון די בני הבית, און אן אנדערע איז מכובד געווארן מיט כיסוי הדם. דערנאך האט מען גע'שחט'ן א פינפטער עוף, און מרן זי"ע האט געמאכט די ברכה און מכסה דם געווען. אינאיינעם האט מען גע'שחט'ן פינעף עופות.

הרה"ח ר' יחיאל יעקב ליכטנשטיין ז"ל [אן אייניקל פון הרה"ק רבי הלל מקאלמייא זצוק"ל] איז געווען דער שוחט פון די כפרות ביי מרן זי"ע אין קטמון. האט זיין זוהן הרה"ח ר' אברהם יצחק ליכטנשטיין ז"ל דערציילט אזוי: אין שנת תשי"ז נאכדעם וואס זיין פאטער ר' יחיאל יעקב האט גע'שחט'ן די כפרה פונעם קינד, [כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א], האט מרן זי"ע געזאגט פאר'ן קינד: **"בערניו, זאג מיט מיר די ברכה"**, און מרן זי"ע האט געמאכט צוזאמען מיט מרן שליט"א די ברכה **"על כיסוי הדם בעפר"**, בשם ומלכות און געהייסן דאס קינד מאכן כיסוי הדם.

## • "אבער 'ובחקותיהם לא תלכו' ביסטו יא עובר..."

### ובחקותיהם לא תלכו (אחרי יח:ג)

ס'איז געווען א אינגל וואס איז געגאנגען מיט לאנגע פיאות. אמאהל האט ער זיך געפונען אין א גוי'שע געגענט, און אנגעטראפן א באנדע שקצים וואס האבן אים געשלעפט די פיאות. פון דעמאלט אהן איז ער געגאנגען מיט די פיאות אונטערן אויער. אבער זיין פאטער האט נישט געוואלט הערן דערפון, און ער האט אנגעהויבן צו מוטשען דעם זוהן ער זאל אראפלאזן זיינע פיאות אזוי ווי ער איז פריער געגאנגען. אבער דאס אינגל האט נישט געוואלט. איז דער טאטע מיט אים געפאהרן צו מרן מהרי"ד זי"ע. האט מרן זי"ע געזאגט פאר'ן אינגל: זאלסט וויסן, טאקע אויפ'ן לאו פון "לא תקיפו פאת ראשכם", ביסטו נישט עובר ווען דו גייסט מיט די פיאות אונטערן אויער, אבער אויף "ובחקותיהם לא תלכו" ביסטו יא עובר.

## • "האסט אים באצאהלט פאר זיין ארבעט?"

### לא תלין פעלת שכיר... (קדושים יט:יג)

בעת די צווייטע וועלט'ס קריג ווען די הייליגע צוויי ברודער כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע און דער בילגורייא רב זי"ע זענען אנטלאפן פון פולין און אנגעקומען אין די שטאט פעסט, זענען זיי צייטווייליג געווען אין שפיטאל ביז צום ערלעדיגן די נוטיגע שריפטן צו קענען בלייבן אין אונגארין. מרן זי"ע האט אין שפיטאל שטארק געליטן פון קעלט. האט דער געטרייער חסיר ר' אהרן מגיד באשטעלט איינער פון די ארבייטער פון שפיטאל צו קומען פארשטאפן די לעכער אין די פענסטער און טיהרן אז ס'זאל נישט אריינקומען קיין קעלט. מרן זי"ע האט ווארעם באדאנקט דעם ארבייטער און אים אויך דערלאנגט א מטבע אלס טרינקגעלט (טיפ בלע"ז), אזוי ווי מ'פירט זיך. יענע נאכט הערט דער משמש ר' דוד שפירא ע"ה פונעם אנדערן צימער ווי מרן זי"ע קרעכצט. איז ער געגאנגען זעהן וואס ס'איז געשעהן. אריינקומענדיג אינעם צימער האט זיך מרן זי"ע צו אים געוואנדן: **"דוד, איך בעהט דיך גיי רוף מיר ר' אהרן מגיד"**.

ר' דוד האט באלד גערופן ר' אהרן מגיד, און מרן זי"ע פרעגט אים: "**ר' אהרן דער ארבייטער וואס האט היינט דא געארבעט, האסטו אים באצאהלט פאר זיין ארבעט? ווייל ס'קען זיין א חשש פון "לא תלין פעולת שכיר?"**" ענטפערט ר' אהרן: "**מ'רעדט דאך דא פון א גוי'אישן ארבייטער, און אויף אים איז דאך נישט געזאגט געווארן די הלכה?**" זאגט אים מרן זי"ע: "**חז"ל האבן שוין געזאגט אז מ'דארף מחמיר זיין ביי א גוי צוליעב דרכי שלום!**" פרעגט ווייטער ר' אהרן: "**דער רבי האט דאך אים געגעבן א שיינעם שכר טירחא?**" האט מרן זי"ע דערויף געענטפערט: "**איך האב אים דאס געגעבן אלס א זייטיגע באלוינונג (טיפ) און נישט מער**". פרעגט ווייטער ר' אהרן: "**דער ארבייטער איז דאך איינגעשטעלט אין שפיטאל און באקומט א וועכענטליכע געהאלט פאר זיין ארבעט?**" אבער מרן לאזט נישט נאך. "**פונדעסטוועגן**", האט מרן זי"ע געפסק'נט, "**שמעקט דאס מיט הלנת שכר**" (איבערנעכטיגן א באלוינונג)! פארשטענדליך אז ר' אהרן איז גלייך געגאנגען און באצאהלט דעם גוי פאר זיין ארבעט. *(אור הצפון קובץ ז')*



**ר' אהרן מגיד**

## • "געשטאנען פיהר שעה און מתפלל געווען..."

### ואהבת לרעך כמוך אני ה'. (קדושים יט:יח)

כ"ק אדמו"ר משומרי אמונים זצ"ל האט דערציילט: אמאהל איז ער געווען אויף א שבת אין תל אביב ביי כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע. ווי געוועהנליך פלעגט זיין אן הפסקה פאר שלוש סעודת פון א האלבע ביז א שעה צייט, ווען מרן זי"ע איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער. יענע וואך, אבער, האט זיך די הפסקה פארצויגן אויף א לאנגע צייט פון פיהר שעה. האט הגה"צ רבי העניך פאדווא ז"ל, געפרעגט ביים גבאי'ן הרה"ח רבי שלוי' פויגל ז"ל די אורזאך פון די לאנגע הפסקה? האט רבי שלו' דערציילט אז אויפ'ן וועג אריין אין שטוב איז צוגעקומען א ספרדי'שער איד און מזכיר געווען זיין פרוי א מקשה לילד. איז מרן זי"ע אריין צו זיך אין צימער און ער שטייט שוין פיהר שעה

<<<<<<<

<<<<<<<

צייט און איז מתפלל, און מ'קען אים נישט שטערן ער זאל אריינקומען. אבער ווי ס'זעהט אויס האט שוין דער איד געהאט א ישועה. פון דא, האט כ"ק אדמו"ר משומרי אמונים זצ"ל, אויסגעפירט, זעהט מען די גרויסע און גרעניצלאזע אהבת ישראל וואס מרן זי"ע האט פארמאגט, וואס ווי באקאנט איז מרן זי"ע געווען א שוואכער מענטש, אז מ'האט אים געדארפט טראגן אויף א בענקעל, אבער ער האט באמת מיטגעשפיהרט דעם צער פון יעדן איד, און כדי צו העלפן א איד פון זיין צרה איז מרן זי"ע געשטאנען פיהר שעה נאכאנאנד אויף די פיס און מתפלל געווען. זייט דעם הייליג'ן בארדיטשובער רב זי"ע איז נישט געווען א מליץ טוב אויף אידישע קינדער ווי מרן זי"ע.


האדמו"ר משומרי אמונים

## • "נישט זיצן דארט ווי מ'רעדט לשון הרע און רכילות..."

### לא תלך רכיל בעמך... (קדושים יט:טז)

הרה"ח ר' יהושע פ. האט געוואוינט אין די שטאט רמלה, די דאקטוירים האבן אנטדעקט ביי זיין פרוי א געזונט פראבלעם אין די אדערן, זאגנ'דיג אז אויב וויל זי נאך קענען האבן געזונטע קינדער מוז מען איר אראפנעמען א פוס ר"ל. זענען זיי געפאהרן צו מרן זי"ע, און ר' יהושע האט געזאגט פאר מרן זי"ע וואס דער דאקטער זאגט. האט מרן זי"ע געענטפערט פאר די פרוי: "זעץ דיך נישט קעגן די טיר און פענסטער וועסטו מער נישט האבן קיין ווייטאג". ר' יהושע האט נישט פארשטאנען די רייד פון מרן זי"ע, האט ער געבעהטן פונעם גבאי רבי שלו' פויגל ער זאל דאס אים ערקלערן. דער גבאי רבי שלו', האט אויסגעטייטשט די ווערטער, אז מרן זי"ע מיינט דערמיט צו זאגן אז די פרוי זאל נישט זיצן קעגן א פענסטער וואס איז אפן קעגן איבער א טיהר, זוליעב דעם שטארקן ווינט (צוג) וואס ציהט דארט.


הרה"ח ר' שלו' פויגל

אבער ר' יהושע האט נאך אלץ נישט פארשטאנען די רייד פון מרן זי"ע, דערפאר ווייל ער האט געוואוינט אין אן אלטע אראבישע הויז, וואס האט געהאט די טיהר און פענסטער אויף די זעלבע זייט און די וואנט קעגן איבער איז געווען גענצליך פארמאכט. האט ר' יהושע געזאגט פאר זיין פרוי: "אויב גייט מען צו א רבי מוז מען נישט אלעס פארשטיין. דער באשעפער וועט העלפן און ס'וועט זיין גוט". אבער די פרוי האט געהאט אן אנדער מיינונג אין די זאך, זי האט יא פארשטאנען די ווערטער פון מרן זי"ע און דאס ערקלעהרט: **"דער רב האט קלאהר געזאגט איך זאל מיך נישט זעצן ביים פענסטער וואס איז קעגן איבער די טיהר. אין די צייט ווען דו גייסט צו די ארבעט גיי איך אריין צו די שכנ'טע קעגן איבער, דארט נעמען זיך צוזאם נאך עטליכע פרויען און מען פארברענגט אינאיינעם מיט לשון הרע און רכילות, דארט איז מיין שטייגער צו זיצן נעבן פענסטער וואס איז קעגן איבער די טיר, און דאס איז געווען דער באדייט פון דעם רב'ס רייד, איך זאל זיך מער נישט זעצן אויף אן ארט וואו איך קען הערן לשון הרע און רכילות"**. די פרוי האט אויפגעהערט צו גיין דארט און ווי וואונדערליך, האט זיך איר געזונט צושטאנד פארבעסערט און די ווייטאגן זענען אינגאנצען אוועק. זי האט נאך דערנאך געהאט געזונטע קינדער, דורות ישרים ומבורכים וואס האבן פארגעזעצט צו לערנען אין חשוב'ע ישיבות. *(אדמו"י בעלזא)*

## • "די פיאות וואלטן אויף דיר געשיצט..."

### לא תקיפו פאת ראשכם... (קדושים יט:כז)

אמאהל איז אריינגעקומען אן אנגעזעהענער חסיד צו כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, און זיינע פיאות זענען געווען באהאלטן אונטערן אויער מ'זאל זיי נישט זעהן. האט אים מרן זי"ע אנגעקוקט מיט וואונדער, וועלנדיג פארשטיין די אורזאך דערפון, ווייל פאר די קריג איז דער חסיד געגאנגען מיט די פיאות אינדרויסן מ'זאל זיי זעהן. האט זיך דער חסיד אנטשולדיגט אז צוליעב די קריג האט ער געמוזט באהאלטן זיין אויסזעהן אז מ'זאל נישט זעהן זיינע פיאות און דערקענען אויף אים אז ער איז א איד. האט אים מרן זי"ע געענטפערט: "אדרבה! ווען דו וואלסט געלאזט דיינע פיאות אינדרויסן וואלטן די פיאות אויף דיר געשיצט, ס'זאל דיר קיין שלעכטס נישט געשעהן, אזוי ווי דער פסוק (דברים כח:י) זאגט: 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך'".

## • "טראגן פיאות צו געפעלן דעם באשעפער..."

### לא תקיפו פאת ראשכם... (קדושים יט:כז)

כ"ק האדמו"ר מפאלטישאן הגה"צ רבי אלעזר טווערסקי זצ"ל, האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט פון מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, אויפ'ן פסוק (וישלח לג:ה,ח) **וישא את עיניו וירא את הנשים ואת הילדים ויאמר מי אלה לך...ויאמר מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי ויאמר למצוא חן בעיני אדני**. אייגענטליך וואס איז דער דאפעלטער לשון, עשו האט דאך שוין געפרעגט: "**מי אלה לך**", איז פארוואס פרעגט ער נאכאמאהל, "**מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי**"? נאך דאס ערשטע מאהל האט עשו געפרעגט סתם ווער זענען די אלע פרויען און קינדער? האט יעקב געענטפערט "אשר חנן אלקים את עבדיך". אבער עשיו זעהענדיג די באַ'חן'טע קינדערלעך פון יעקב, אנגעטוהן חסידיש, מיט שיינע געקרייזעלטע פיאות, פרעגט אים עשו "**מי לך כל המחנה...**" און ווי רש"י ערקלעהרט: "למה הוא לך" וואס פעהלט דיר דאס אויס, פארוועמען ווילסטו געפעלן? האט אים יעקב געענטפערט: "**למצוא חן בעיני אדני**", איך וויל געפעלן נאר פאר'ן באשעפער. א רמז אז עשו האט געפרעגט אויף די פיאות, ווייל "**ה**'זה **א**'שר **פ**'גשתי" איז ראשי תיבות


האדמו"ר מפאלטישאן זצ"ל

## • "ס'וועלן זיין אינגלעך מיט פיאות..."

### לא תקיפו פאת ראשכם... (קדושים יט:כז)

בשעת די ערשטע וועלט קריג האט כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע געוואוינט אין אונגארן, אין די שטעט ראצפערט אין מונקאטש. דערנאך האט זיך מרן זי"ע אומגעקעהרט צוריק קיין גאליציע ווי ער האט

<<<<<<<

געוואוינט עטליכע יאהר אין די שטאט האלאשיץ [ביז מ'האט פארענדיגט איבערבויען דאס בית המדרש, די שוהל און די גרויסע שטוב וואס איז רעאוואנירט געווארן ביי די ערשטע וועלט קריג]. ווינטער שנת תרפ"ד איז מרן זי"ע צוריק געפאהרן קיין בעלזא. זייענדיג אין האלאשיץ זענען געקומען א גרופע אידען פון די שטאט בעלזא, און געפרעגט ווען מרן זי"ע קומט שוין צוריק קיין בעלזא?" ס'איז דארט געשטאנען א אינגל מיט לאנגע פיאות, האט מרן זי"ע זיי געפרעגט: "אין בעלזא איז אויך דא אינגלעך מיט פיאות?" [מרן זי"ע האט זיי געוואלט דערוויל אפשטופן] האבן זיי געענטפערט: "אז דער רבי איז אין האלאשיץ, איז דא אין האלאשיץ אינגלעך מיט פיאות, און אז דער רבי וועט זיין אין בעלזא, וועט אין בעלזא אויך זיין אינגלעך מיט פיאות. אזוי ווי מרן זי"ע האט דאס געהערט האט ער געזאגט אז ער פאהרט שוין צוריק קיין בעלזא, און ער איז באלד צוריק געפאהרן.

## • "חינוך הבנים אזוי ווי אין די פריער'דיגע דורות..."

### לא תקיפו פאת ראשכם... (קדושים יט:כז)

**כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט שטארק געזארגט פאר'ן חינוך פונעם דור ס'זאל זיך פיהרן לויט די אלטע מסורה. ווען א חסיד איז אמאהל אריינגעקומען אפגעבן א קוויטל צוזאמען מיט זיין זוהן, וואס האט אויסגעקוקט ווי א מאדערנער אינגל מיט קורצע פיאות, האט אים מרן זי"ע געפרעגט עטליכע מאהל צו דאס איז זיין זוהן? דער חסיד האט פארשטאנען די כוונה פון די פראגע, און ער האט זיך פארענטפערט אז היינט איז נישט אזוי ווי אמאהל און מ'קען נישט אכטונג געבן אלעס אזוי ווי אמאהל... האט אים מרן זי"ע געזאגט: שטענדיג האב איך זיך געוואונדערט פארוואס ביי די פרשה פון "והיה אם שמוע" שטייט, "ולמדתם אותם את בניכם", צווישן די צוויי מצוות פון שרייבן תפילין און מזוזות. אייגענטליך וואלטן ביידע מצוות פון שרייבן געדארפט שטיין אינאיינעם און נישט ווערן איבערגעהאקט מיט די מצוה פון "לערנען מיט די קינדער"? נאר אזוי ווי מ'פארשטייט אז די תפילין און די מזוזות מוז ווערן געשריבן מיט אלע הלכות אזוי ווי די הלכה למשה מסיני, און ווען ס'זאל זיין אפילו מיט איין קליינינקייט אנדערש, וועט דאס נישט זיין כשר. אזוי אויך ביי "חינוך הבנים" מוז זיין אזוי ווי די פריער'דיגע דורות אהן קיין שום ענדערונג סיי אין די קליידונג און סיי אינעם אויסזעהן.

## • "טראגן פיאות און פאלגן די מאמע..."

### לא תקיפו פאת ראשכם... (קדושים יט:כז)

אמאהל איז געקומען א אידענע מיט איר זוהן, צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע, און דער גבאי ר' שלו' פוגל ע"ה, האט דערציילט פאר מרן זי"ע די פרוי'ס מוטערליכע וויטאג, אז איר זוהן ווערט שוין באלד בר מצוה און ער וויל נישט גיין אין חדר און ער וויל נישט לערנען, ער פאלגט אויך נישט די מאמע, און זי האט דערפון גרויס צער. ווען ר' שלו' האט געענדיגט רעדן, האט מרן זי"ע אויפגעהויבן זיין קאפ (ווי געוועהנליך איז מרן זי"ע געזיצן איינגעבויגן) און געקוקט אויפ'ן זוהן, און גערעדט צו אים ווי א פאטער צו א קינד אין לשון הקודש. "בא הנה"! שמעת, שמעת, אינך רוצה לקיים כיבוד אם, ואינך רוצה ללמוד, והנך כבר כמעט בן שלש עשרה",—קום אהער! האסט געהערט, האסט געהערט, די ווילסט נישט פאלגן די מאמע, און די ווילסט נישט לערנען, און די ביזט שוין באלד דרייצן יאהר. און מיט'ן א פאטערליכ'ן געבעהט האט מרן זי"ע צוגעלייגט "וגם פיאות אין לך"—און פיאות האסטו אויך נישט. האט מרן זי"ע אים געזאגט אז לכתחלה דארפן די פיאות זיין לאנג ביז נאכ'ן אויער, אבער לכה"פ זאלן די פיאות זיין ביז'ן ביין. ר' שלו' וועלנדיג ווייזן פאר'ן אינגעל וואס מרן זי"ע מיינט, האט געוויזן אויפ'ן פנים פונעם אינגל, וואס מיינט פיאות ביז אונטערן אויער און ביז אונטערן ביין. דערנאך האט מרן זי"ע געהייסן פאר ר' שלו' זיך וואשן די הענט ווייל ער האט אנגערירט דאס פנים פונעם אינגעל. פאר'ן ארויסגיין האט מרן זי"ע געזאגט פאר ר' שלו' "זאג אים—פאר'ן אינגעל, ער זאל צוזאגן אז ער וועט אלעס איינהאלטן.

## • "לאזן וואקסן די פיאות..."

### לא תקיפו פאת ראשכם... (קדושים יט:כז)

הרה"ח ר' שאול שפעגר האט פארציילט, אמאהל איז ער געווען ביי **כ"ק מרן מהר"א זי"ע** אפגעבן א קוויטל איז דארט געווען א פרוי מיט איר זוהן וואס האט זיך געדארפט שטעלן צום מיליטער דינסט. זי האט געבעהטן פון מרן זי"ע ער זאל מתפלל זיין איר זוהן זאל באפרייט ווערן פון מיליטער דינסט. דער זוהן איז שוין געווען מאדערן, און געגאנגען מיט אפגעשוירענע פיאות. מרן זי"ע איז געזיצן מיט זיין קאפ געבויגן ווי זיין שטייגער ווען ס'איז אריינגעקומען א פרוי, אזוי אז ער האט גארנישט געקענט זעהן דעם בחור וואס איז געקומען צוזאמען מיט זיין מוטער. האט מרן זי"ע געזאגט פאר די פרוי: "זאגט פאר אייער זוהן, ער זאל לאזן וואקסן זיינע פיאות ביז אהער". און מרן זי"ע האט געוויזן אויפ'ן ברעג פון זיין אויער איבער זאגנדיג: "**איר זעהט? ביז אהער! און בעזרת השם וועט ער באפרייט ווערן**".

## • "יא, ס'איז דא אזא דעה..."

### מפני שיבה תקום והדרת פני זקן. (קדושים יט:לב)

הרה"ח ר' יצחק לאנדא ז"ל דער משמש בקודש האט דערציילט אזוי: אמאהל זומער אין קטמון ווען כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט געפיהרט דעם שבת טיש, איז געקומען איינער פון די זקני החסידים אינמיטן טיש. ס'איז געווען א גרויסער עולם און דאס געדרענג ביים טיש איז געווען גרויס, אזוי אז ס'איז נישט געווען קיין פלאץ ווי אוועק צו זעצען דעם אלטן חסיד. מפני כבודו און נישט האבנדיג קיין ברירה האט דער גבאי הרה"ח ר' שלום פויגל ז"ל געבעהטן הויך, דער וואס איז געזיצן ביים ענדע טיש, ער זאל מוחל זיין און זיך אויפהייבן און מאכן פלאץ פאר דעם אלטן איד וואס איז אצינד אריינגעקומען, געבענדיג א זאג "מפני שיבה תקום".



**הרה"ח ר' יצחק לאנדא**

ווען מרן זי"ע האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן אויפ'ן פלאץ און אים פאראכטן "יא יא ס'איז דא אזא דעה", און די כוונה איז געווען, אז מעיקר הדין פון פסוק "מפני שיבה תקום" לערנט מען ארויס אז מ'דארף זיך אויפשטעלן, ס'זאל זיין א הידור, אבער מ'איז נישט מחויב אוועק צו געבן דאס פלאץ פאר דעם אלטן איד. אבער ס'איז דא א שיטה פון איינע פון די ראשונים רבינו אפרים [מגרמייזא] וואס האלט אז ממדת חסידות זאל מען זיך ארויפשטעלן און יענעם געבן דאס פלאץ.

### "אויב אזוי דארף איך אייך משמש זיין"

**ונתן את הקטורת על האש. (אחרי טז:יג)**

חסידים דערציילן: דער בעש"ט הק' האט אין זיין יוגענד משמש געווען דעם צדיק רבי יצחק'ל דראהאביטשער זי"ע. אמאהל, בשעת ער האט אים דערלאנגט א טעפל קאווע, האט ער זיך אוועקגעשטעלט ווארטן ביז דער צדיק וועט אויסטרינקען און דערנאך האט ער צוריק ארויס געטראגן דאס ליידיגע טעפל. צושמייכלט זיך רבי יצחק'ל און פרעגט: מילא, ברענגען די קאווע פארשטיי איך, ווייל דו מיינסט אוודאי, אז דו ביזט דערמיט משמש א תלמיד חכם, אבער וואס פאר א מצוה האסטו פונעם צוריק ארויס נעמען דאס ליידיגע טעפל? ענטפערט דער בעש"ט הק': אויך דער החזרת הכף (צוריק נעמען דעם ליידיגן לעפל פון די קטורת ביים עבודת יום הכפורים) האט אויך באלאנגט צו די עבודה. רבי יצחק'ל איז נתפעל געווארן פונעם ענטפער, און ער זאל אים האבן דערויף געענטפערט: **"אויב אזוי, דארף איך פון היינט אהן אייך משמש זיין".**

### "אז דער באשעפער רוהט ביי אים קען איך אויך"

**השוכן אתם בתוך טמאתם. (אחרי טז:טז)**

דער הייליגער "אוהב ישראל" פון אפטא זי"ע איז אמאהל אויסגעקומען צו זיין אין א שטאט. האט מען אים אנגעטראגן צוויי אכסניות, אבער ביידע בעלי בתים האבן געהאט פעהלערן. דער ערשטער בעל אכסניא איז ליידער געווען חשוד בעבירות, און דער צווייטער איז טאקע געווען אן ארענטליכער און ירא שמים, אבער אויך א גרויסער בעל גאוה. האט דער "אוהב ישראל", אויסגעקליבן צו זיין ביים ערשטן בעל הבית. ס'איז ביי יעדן געווען א גרויס וואונדער אז ער וויל ענדערש איינשטיין ביי דעם חשוד בעבירות, ווי ביי דעם ירא שמים, און זעהענדיג זייער גרויסע ערשטוינונג האט זיי דער "אוהב ישראל" ערקלעהרט: דער צווייטער בעל הבית, כאטש וואס ער איז אן ארענטליכע און פרומער איד, אבער צוליעב זיין גאוה זאגט דער באשעפער אויף אים (סוטה ה.) 'אין אני והוא יכולין לדור בעולם,'—איך קען מיט אזא איינעם נישט וואוינען צוזאמען. נו, אויב דער באשעפער האט ביי אים נישט קיין פלאץ, האב איך אויך נישט ביי אים קיין פלאץ. אבער דער בעל אכסניא ביי וועם קוואטיר אצינד, ער איז טאקע א חשוד בעבירות, זאגט אבער די תורה, "השוכן אתם בתוך טמאתם,"—אז אפילו ווען אידן האבן אין זיך זינד, רוהט אויך דער באשעפער צווישן זיי, און אז דער באשעפער קען ביי אים רוהען, קען איך זיכער האבן ביי אים אן אכסניא...

### "וואס איז דאס קעלבל געווען שולדיג?..."

**ואיש איש מבני ישראל...אשר יצוד ציד חיה או עוף... (אחרי יז:יג).**




אמאהל זענען געקומען א מאן מיט זיין פרוי צו הרה"ק רבי ישראל דוב פון ווילעדניק זי"ע דער בעל "שארית ישראל", און געוויינט אז שוין זעקס יאהר וואס די רעכטע האנט פון די פרוי איז ל"ע געלעהמט געווארן און זי קען נישט ריהרן איר האנט. זיי האבן שוין באזוכט ביי די גרעסטע דאקטורים, אבער מ'קען נישט טרעפן א היילונג פאר די האנט. האט דער צדיק זיך אנגערופן צו די קראנקע: "איך וויל דיך דערמאנען א מעשה וואס איז געשעהן ווען דו ביסט נאך געווען א קינד. אמאהל האסטו באגלייט דיין טאטע אין וואלד צו קלויבן שטרוי פאר די בהמות, דיין טאטע און דיין ברודער זענען געגאנגען אויפ'ן פעלד און צוזאמען גענומען די שטרוי, און דו האסט געהיטן דעם וואגן און די שטרוי וואס מ'האט אנגעלאדענט. איז א יונג קעלבל וואס האט געפאשעט אין פעלד געגעסן מיט הנאה פון די היי וואס איז געליגן אויפ'ן וואגן, האסטו גענומען די בייטש פונעם וואגן און מיט א רציחה געשמיסן אויפ'ן קאפ פונעם קעלבל און דאס גע'הרג'ט. זאלסטו וויסן אז צוליעב די עבירה פון צער בעלי חיים ביסטו געשטראפט געווארן. די קראנקע האט זיך גלייך דערמאנט פון די מעשה און שטארק חרטה געהאט אויף וואס זי האט געטוען, דער צדיק האט איר געוויזן א תיקון וויאזוי תשובה צו טוען, און איר געגעבן א סגולה פאר א רפואה און נאך א שטיקל צייט איז איר האנט אויסגעהיילט געווארן. *(אמוני עם סגולה)*

### "אכטונג געבן אויף מצוות כיסוי הדם..."

**ושפך את דמו וכסהו בעפר. ( אחרי יז:יג)**

ספר 'פלא יועץ' (ערך שוחט) ברענגט וועגן א שוחט וואס האט נישט מכסה דם געווען נאכ'ן שחט'ן. און ער שרייבט אזוי: "איך וויל זאגן פאר'ן דור אז איך האב געזעהן א שוחט וואס האט ל"ע געהאט א געפעהרליכע קרענק אויף די אויגן ביז ער איז געשטארבן. איז ער געקומען אין חלום צו איינעם פון די שטאט און דערציילט אז ס'איז אים געקומען, ווייל ער האט אמאהל גע'שחט'ן אן עוף און נישט מכסה דם געווען, און אינעם עוף איז געווען מגולגל א אידיש נפש, וואס האט געווארט אויף א תיקון פאר די נשמה דורכ'ן מכסה דם זיין, און ווייל ער האט דאס נישט געטוען איז די נשמה געווארן פארוואגלט און טרעפט נישט איר רוה. צוליעב די זינד איז ער קראנק געווארן אויף די אויגן. איך דערצייל דאס איך היינט ווייל ס'זענען דא אסאך שוחטים וואס די מצוות זענען ביי זיי נישט באליעבט, און זיי טוען גרינשעצן אין די מצוה פון כסוי הדם. זאלן די שוחטים דאס הערן, אז די האר פון קאפ זאלן זיך אויפשטעלן, און זאלן זיי ערציטערט ווערן, בלויז טראכטנ'דיג פון דעם. און ווי גוט איז אז דער שוחט זאל פאר'ן שחט'ן זאגן א תפילה צום באשעפער אז ס'זאל נישט ארויס קומען א תקלה פון אונטער זיינע הענט, און ער זאל זוכה זיין מתקן צו זיין נפשות המגולגלים". *(פלא יועץ)*

### "א זיסע נקמה פונעם חזן א"ש..."

**לא תקום ולא תטור... (קדושים יט:יח)**

געוועזן איז עס אין ווילנא עיר מולדתו, איינמאהל איז דער 'חזן איש' אריין אין איינע פון די שוהלן אין שטאט, און איז צוגעגאנגען צום ספרים שראנק, און ארויסגענומען פון דארט א חומש. דער גבאי וואס האט נישט פארמאגט צופיהל פון 'חכמה', ובפרט אז דעמאלט איז דער חזון איש נאכנישט געווען מפורסם, האט מיט א שארפע בליק אנגעקוקט ווער איז דער

<<<<<<



# מיין שבת אוצר



## מיין אוצר...מעשי צדיקים אויף די פרשה

<<<<<<<

פערשוין וואס נעמט א ספר? ער איז מיט איילעניש צוגעגאנגען צום 'חזון איש' און אים אנגעפאנגען צו באזידלען, צי ביסטו א חבר אין די שוהל אז דו זאלסט קענען ניצן דעם חומש? דער גבאי האט זיך נישט דערביי אפגעשטעלט, נאר ער האט פיזיש ארויסגעשלעפט דער חומש פון זיינע הענט! איך וועל נקמה נעמען אין אים! איז געווען דער אנטווארט פונעם יונגן גאון דער חזון איש!!! נו, נקמה פונעם חזון איש, וואס מיינט דאס? למחרתו, דעם אנדערן אינדערפרי איז דער 'חזון איש' נאכאמאל געגאנגען צו יענעם שוהל, ער האט באגעגנט דעם גבאי ווען ער גייט ארום מיט די פושקע, די אידן אין ווילנא זענען נישט געווען פארערכנט אלס עשירים, וואס קען שוין א מתפלל אריינווארפן אין די פושקא? אפאר גראשן און שוין. ווען דער גבאי איז אנגעקומען צום פלאץ פונעם 'חזון איש', האט דער חזון איש ארויסגעצויגן די סומא פון פופצן זלאטעס, און דאס אריינגעלייגט אינעם פושקע. דער גבאי עפנט א פאר אויגן, ווער איז דאס דער גביר וואס גיט אזא שיינע נדבה? און ער זעהט נישט מער און נישט ווייניגער, דאס איז דער זעלביגער איד, וועמען ער האט נעכטן אזוי מיאוס באזידלט און ארויסגעכאפט די חומש פון זיינע הענט. דעם קומענדיגן טאג, ווען דער 'חזון איש' איז אריינגעקומען אינעם שוהל, האט זיך דער גבאי אויפגעשטעלט פון זיין ארט, ובכבודו ובעצמו צוגעגאנגען צום שאנק און ארויסגענומען דעם שענסטן חומש, און דאס אהינגעטראגן צום חזון איש. איז דאס נישט קיין זיסע נקמה? יא, ס'איז א נקמה וואס איז מותר לגמרי, צו באצאהלן מיט גוטס אנשטאט שלעכטס דאס קען נאר דער חזון איש.

## "כאטש שמד'ן זאלט איר אייך נישט..."

### קדשים תהיו...כי קדוש אני ה' אלקיכם... (קדושים יט:ב)

ווען דער תפארת שלמה זי"ע איז אמאהל געווען אויף קור צוליעב רפואות, זענען פרייטאג צו נאכט (פ' קדושים) אריינגעקומען צום טיש עטליכע דייטשע אידן, און אים געבעהטן ער זאל זאגן תורה. דער צדיק האט גלייך דערקענט אז זיי זענען קלים וריקים וואס זענען געקומען אויף צו מאכן שפאט. האט ער זיך אנגערופן: ס'שטייט אין די היינטיגע סדרה "**קדושים תהיו... אני ה' אלקיכם. איש אמו ואביו תיראו... אני ה' אלקיכם. אל תפנו אל האלילים... אני ה' אלקיכם**". איז שווער, דער פסוק וואלט געקענט אויסרעכענען אלע דריי ענינים אינאיינעם און דערנאך אויסלאזן: "אני ה' אלקיכם", פארוואס חזר'ט דער פסוק דאס איבער דריי מאהל? נאר די תורה הקדושה רעדט צו דריי סארט מענטשן: "צדיקים, בינונים, רשעים". און ווער ס'וויל זאגן תורה פאר די אלע דריי, דארף קענען זיין "נגד רוחו של כל אחד ואחד". דעריבער הייבט פריער אהן דער פסוק צו רעדן צו צדיקים וואס זענען זיך מקדש מיט זאכן וואס זענען מותר: "קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם". נאכדעם ווענדט זיך דער פסוק צו די בינונים: "איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו" זיי זאלן נזהר זיין אין כיבוד אב ואם און היטן שבת, און דער פסוק ענדיגט, "אני ה' אלקיכם". און צו רשעים וואס היטן אפילו נישט קיין שבת זאגט דער פסוק: "אל תפנו אל האלילים" - כאטש שמד'ן זאלט איר אייך נישט. *(אהל שלמה)*

## "יסורים קומען און גייען, אבער א שם רע גייט קיינמאהל נישט אוועק..."

### לא תשנא את אחיך בלבבך... (קדושים יט:יז)

מ'דערציילט אויף כ"ק אדמו"ר מהר"ש מבאבוב זצ"ל, אז נאך די ביטערע צווייטע וועלט קריג ווען ער האט פונדאסניי אנגעהויבן פיהרן זיין הייליגע עדה, האבן זיך צו אים באהאפטן אסאך בחורים פון די שארית הפליטה וואס האבן זוכה געווען געראטעוועט צו ווערן בחסדי ה' פון די רשעים ימ"ש. און דער באבובער רב וועלנדיג אויפלעבן זייער צובראכענער גייסט, האט איינגעפיהרט אז יעדער שבת האט אן אנדערער בחור משמש געווען און צוגעברענגט דאס עסן צום שבת טיש. איין וואך ווען א בחור האט אריין געברענגט דעם טעלער מיט יאהך צום טיש, האט זיך פלוצלינג דער טעלער מיט די הייסע יאהך ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט און זיך אויסגעגאסן אויפ'ן פיס פונעם באבובער רב. דער רב איז געבליבן זיצן אויף זיין פלאץ אזוי ווי ס'וואלט גארנישט געשעהן. די ארומיגע מקורבים האבן צוגעזעהן די פארכטיגע סצענע, דער רב האט זיך אפגעבריעהט פון קאכע'דיגע יאהך און מ'הערט נישט פון אים א פיפס, און ער איז אפילו גארנישט מרמז אויף וואס ס'איז געשעהן, און אייגענטליך ליידט ער פון שרעקליכע שמערצן. ווען דער באבובער רב איז נאכ'ן טיש אהיימגעגאנגען האבן די מקורבים געזעהן אז זיין פוס איז שטארק געשוואלן, פונעם ברי, און אז דער רב ליידט פון שרעקליכע שמערצן ל"ע, האבן זיי אים געפרעגט, פארוואס ער האט זיך נישט געמאכט וואוסנדיג און גארנישט געטוען צו לינדערן זיינע שמערצן. האט זיי דער באבובער רב איידל געענטפערט: "יסורים קומען און גייען, א געשוואלענער פוס היילט זיך אויס מיט די צייט, אבער ווען איך וואלט עפעס געזאגט פאר דעם בחור, וואלט אויף דעם בחור, ארויסגעקומען א שלעכטער נאמען, אז ער איז א שלימזל, אד"ג, און א שם רע גייט קיינמאהל נישט אוועק"...

## "זיין א מעביר על מדותיו..."

### לא תקום ולא תטור... (קדושים יט:יח)

הרה"ק בעל "אמרי יוסף" מספינקא זצוק"ל (יוד"ה ו' אייר), האט אמאהל מכבד געווען א געוויסער רב, נישט פון די גרעסטע צדיקים, און ער האט אים אפילו איינגעלאדנט, צו עסן מיט אים פרישטאג נאך תפלת שחרית. ווען זיין זוהן דער "חקל יצחק" האט געפרעגט זיין פאטער, פארוואס ער איז אזוי שטארק מכבד יענעם רב, האט דער "אמרי יוסף" געענטפערט: ער האט זיך אמאהל שטארק גענויטיגט אין געלט, איז ער אהנגעקומען אין די שטאט פון יענעם רב, צו זאמלען געלט. אריינקומענדיג אין בית המדרש, האט דער "אמרי יוסף" אויסגערופן, אז ווער ס'וויל, קען זוכה זיין ביי אים מיט די מצוה פון צדקה, אבער יענער רב האט זיך נישט געריהרט פון פלאץ אים צו העלפן. 'יעצט, ווען יענער רב איז געקומען אהער, האט זיך מיר פארגלוסט אים צוריק צו צאהלן וואס ס'קומט אים, און אים דערווייטערן 'כרחוק מזרח ממערב'. אבער וויבאלד איך וויל זיין א מעביר על מדותי, האב איך אים ספעציעל מקרב געווען". און דער "חקל יצחק" האט אויסגעפיהרט, אז אזא הנהגה האט מען עטליכע מאהל געזעהן ביי זיין פאטער, דער "אמרי יוסף" אז ער פלעגט מכבד זיין און מקרב זיין מענטשן וואס האבן אים געוואלט טוען שלעכטס, כדי צו צוברעכן זיין נאטור.



# מײַן שַׁבָּת אוֹצָר

## מײַן אוֹצָר... די תורה לערנט אונז... 'ואהבת לרעך כמוך'

### מקורות, טעמים, ומעלות

די וואך לערנען מיר אין פסוק (קדושים יט:יח) "ואהבת לרעך כמוך אני ה'",—דו זאלסט ליעב האבן דיין פריינט אזוי ווי דיך אליין. איך בין דער באשעפער. ס'איז א מצוה מיר זאלן ליעב האבן איינער דעם צווייטן אזוי ווי מ'האט זיך אליין ליעב. די ליעבשאפט און די רחמנות צו א ברודער [א צווייטער איד] זאל זיין אזוי ווי די ליעבשאפט און די רחמנות וואס מ'האט פאר זיך אליין, סיי ווען ס'האנדלט זיך פון יענעם'ס געלט. און ווען ס'האנדלט זיך פון יענעם'ס גוף, אדער יעדער זאך וואס יענער פארמאגט, אויב יענער וויל דאס האבן זאלסטו דאס אויך וועלן פאר יענעם. און אויב דו אליין ווילסט עפעס האבן, זאלסטו אויך וועלן אז יענער זאל דאס אויך האבן. און דאס איז וואס דער באשעפער האט געזאגט מיט'ן פסוק "ואהבת לרעך כמוך". *(ספר המצות להרמב"ם, מצות עשה ר"ו)*

### נאר אויב מ'איז אייניג מיט'ן חבר, דעמאלט איז אני ה'

**ווען** דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע איז געווען א יונג קינד, האט אים זיין מלמד אויסגעלערנט, און געוויזן אז צוויי יוד'לעך וואס שטייען איינס נעבן צווייטן איז א שם [דער באשעפער'ס נאמען], ווען מען איז אנגעקומען ביי א שוא האט ער געמיינט אז דאס איז א שם, האט אים דער מלמד געזאגט, דער כלל איז אזוי ווען צוויי יוד'עלעך שטייען איינס נעבן צווייטן, דעמאלט איז דאס א שם, אבער ווען איין יו"ד שטייט העכער פונעם צווייטן איז דאס נישט קיין שם!' מיט דעם טייטשט מען דעם פסוק "**ואהבת לרעך כמוך**",— אויב דו האסט ליעב דיין חבר פונקט ווי דיך אליין און דו האלטסט זיך נישט גרעסער פון אים, דעמאלט "אני ה'",—איז דא א שם, אבער אז מען האלט זיך גרעסער איין י' שטייט העכער ווי דער אנדערע י' [(אזוי ווי א שו"א, וואס איין פינטל שטייט העכער דעם צווייטן], איז דאס נישט קיין שם.

### "ער טײלט זיך מיט'ן געלט..."

דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע האט אמאהל באקומען א מתנה פון א איד צעהן רובל, און ער האט דאס געלט באהאלטן אין א חומש ביי פ' יתרו ביים פסוק פון " לא תגנב"... א גנב וואס האט זיך ארומגעדרייט אין בית המדרש האט דאס באמערקט, האט ער אוועק גע'גנב'עט פינעף רובל, און די אנדערע פינעף רובל האט ער אריינגעלייגט אין חומש ביי די ווערטער "ואהבת לרעך כמוך..." (קדושים יט:יח). ווען דער רבי ר' זושא האט געוואלט נעמען דאס געלט האט ער דאס נישט געפונען, ביז ער האט באמערקט פינעף רובל ביים פסוק "ואהבת לרעך כמוך..." האט זיך דער צדיק אנגערופן: "ווי הייליג איז דאס אידישע פאלק און ווי נידעריג איז זושא! זושא באקומט פון איינעם צעהן רובל, נעמט ער אלעס פאר זיך און גיט גארנישט אוועק פאר א צווייטן, און ווען דער איד האט באקומען צעהן רובל, האט ער בלויז גענומען פאר זיך העלפט, און די צווייטע העלפט האט ער אוועק געשענקט פאר זושא, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון "**ואהבת לרעך כמוך**"!

### נעמט מיך אריין אין אייער חברותא...

**דער** הייליגער רוזשינער זי"ע האט דערציילט א מורא'דיג מעשה. ס'זענען אמאהל געווען צוויי גוטע




חברים וואס האבן זיך זייער שטארק ליעב געהאט. איינמאהל האט מען געמאכט א בלבול אויף איינע פון זיי אז ער האט בא'גנב'עט דעם קעניג, און מ'האט אים פאר'משפט צום טויט, אינמיט'ן די שטאט אז יעדער זאל זעהן. ווען דער צווייטער חבר האט געזעהן אז מ'וויל הרג'נען זיין באליעבטן חבר, איז ער צוגעלאפן צו די ריכטער און געשריגן: "הרג'עט אים נישט ווייל איך בין דער גנב!" האט מען אראפ גענומען פונעם ערשטן דעם שטריק פונעם האלדז און דאס געלייגט אויפ'ן חבר. האט דער ערשטער אנגעהויבן שרייען: "הרג'עט אים נישט ווייל איך בין דער גנב!" האט מען צוריק געלייגט דעם שטריק אויפ'ן ערשטן, אזוי איז געווען עטליכע מאהל. די ריכטער זענע געווארן אינגאנצן פארלוירן און האבן נישט געוואוסט וואס צו טוען. האבן זיי געברענגט דעם משפט צום קעניג אליין. האט דער קעניג געפרעגט איינע פון זיי פארוואס ווילסטו גע'הרג'ט ווערן אנשטאט אים? האט ער געענטפערט: "איך קען מיין חבר זייער גוט, ער איז נישט קיין גנב, און איך האב אים אזוי ליעב אז מיין לעבן איז מיר גארנישט ווערד אהן אים!" דערנאך האט דער קעניג געפרעגט דעם אנדערן, האט ער די זעלבע געענטפערט. האט דער קעניג גע'פסק'נט: איר זענט ביידע פריי! נאר איין זאך בעהט איך אייך, נעמט מיך אריין צו ווערן א דריטער אין אייער חברותא, ווייל צווישן אזעלכע חברים וואס זענע זיך גרייט צו הרג'ענען איינער פארן צווייטן וויל איך זיך געפונען. דאס זאגט דער פסוק: "ואהבת לרעך כמוך",—אויב דו וועסט ליעב האבן דיין חבר ממש אזוי ווי דיך אליין, דעמאלט בעהט דער באשעפער "אני ה'",—נעמט מיך אויך אריין אין אייער חברותא.

### ס'איז גלייך ווי דו שטראפסט דיך אליין

ס'שטייט אין ירושלמי (נדרים דף ל.) א משל, צו פארשטיין ווי אזוי א מענטש קען מוחל זיין פאר א חבר אויף א שלעכטע זאך וואס יענער האט אים געטוען, א מענטש זאל גוט אריינטראכטן, וואס וועט ער טוען אויב ער שניידט א שטיקל פלייש מיט א מעסער, און

<<<<<<<

### "אוי אזא אהבת ישראל!"

**דער באיאנער רבי, האדמו"ר רבי מרדכי שלמה זצ"ל**, האט זיך אמאהל געטראפן מיט'ן ירושלימער צדיק רבי ארי' לעווין ז"ל, וואס מ'האט גערופן "אבי האסורים"—דער פאטער פון די ארעסטאנטן. האט אים דער רבי געפרעגט צו ער האט געקענט דעם "בעלזער צדיק"? האט אים רבי ארי' דערציילט אזוי: אמאהל איז פארגעקומען אין די ירושלים'ער גאסן הפגנות קעגן חילול שבת רח"ל, און די פאליציי האט געכאפט עטליכע אינגעלייט יראים ושלמים און זיי אריינגעזעצט אין טורמע. דער בעלזער רב האט דעמאלט געוואוינט אין תל אביב. בין איך צו אים אריין געגאנגען [רבי ארי' פלעגט באזוכן ביי אלע גדולי וצדיקי הדור מקיים צו זיין דעם מאמר (אבות ד:א) "איזהו חכם הלומד מכל אדם"]. האט מיך דער בעלזער רב זי"ע געפרעגט אויב מ'גיט פאר די ארעסטאנטן צו עסן? האט איך געענטפערט יא! אבער מיט'ן הכשר פון די רבנות. האט מיר דער בעלזער רב געענטפערט, "זיי זאלן עסן אהן חומרות". נאכדעם וואס איך בין שוין געהאט ארויס געגאנגען פונעם צימער, האט מיך דער גבאי, הרה"ח ר' שלום פויגל ז"ל, צוריק גערופן, אז דער בעלזער רב בעהט מיך איך זאל צוריק אריין קומען, און דער בעלזער רב האט מיך געהייסן איבערגעבן פאר די ארעסטאנטן אזוי: "**איך באפעהל זיי מיט א באפעהל זיי זאלן עסן אהן קיין חומרות, ווייל יראי ה' דארפן עסן**". ווען דער באיאנער רבי האט דאס געהערט האט ער מיט באגייסטערונג זיך אויסגעדריקט, "**אוי! אזא אהבת ישראל!**"



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר... די תורה לערנט אונז... 'ואהבת לרעך כמוך'

נישט ווערלנדיג האט ער אריינגעשניטן אין זיין האנט, איז דען שייך צו זאגן אז ער ווערט באשטראפן די האנט וואס האט צושניטן די אנדערע האנט, זיכער אז נישט,ביידע הענט זענען ביי אים ווי איינס. דאס זעלבע זאל א מענטש טראכטן ווען זיין חבר טוהט אים עפעס שלעכטס, אז ס'איז דא א מצוה "ואהבת לרעך כמוך", דיין חבר זאל זיין ווי דיר אליינס, ממילא איז נישט שייך צו זיין ברוגז אויף יענעם. מיט דעם טייטשט הרה"ק רבי ר' יהונתן אייבשיץ זי"ע פשט אין פסוק, "לא תקום ולא תטור", זאלסט נישט נקמה נעמען פון דיין חבר, פארוואס, ווייל "ואהבת לרעך כמוך", מ'דארף יענעם ליעב האבן ווי זיך אליין, און אויב דו ווערסט יענעם שטראפן איז דאך גלייך ווי דו נעמסט נקמה פון דיר אליין.

### הקב"ה פיהרט זיך מיט דיר, אזוי ווי דו צו דיין חבר

**דער** הייליגער רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע, האט געטייטשט פשט אין פסוק "ואהבת לרעך כמוך אני ה'", פונקט ווי דו פיהרסט זיך אויף צו דיין חבר, אזוי פיהרט זיך דער באשעפער צו דיר, למשל, אויב דו ווערסט נישט אין כעס אויף דיין חבר אפילו ווען ער האט דיר שלעכט'ס געטוען, וועט דער באשעפער אויך אזוי טוען צו דיר, אפילו אויב דו האסט זיך חלילה נישט גוט אויפגעפיהרט, וועט דיר דער באשעפער מוחל זיין, און אזוי ווייטער, אויב דו האסט ליעב דיין חבר, וועט דער באשעפער דיך ליעב האבן. דאס איז מרומז אין פסוק "ואהבת לרעך", דו זאלסט ליעב האבן דיין חבר, ווייל "כמוך", אזוי ווי דו פיהרסט זיך צו דיין חבר, איז "אני ה'", וועט זיך דער באשעפער פיהרן מיט דיר.

### שפיהרן וואס ס'פעהלט פאר יענעם

הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זי"ע האט געזאגט, איך האב זיך געלערנט אמת'ע אהבת ישראל פון א פויער, אמאהל האט ער געזעהן צוויי פויער'ן זיצן אין א קרעטשמע, און נאכ'ן ווערן בגוליפין, פרעגט איין פויער דעם צווייטן, זאג נאר, דו האסט מיך ליעב, ענטפערט יענער, יא, פרעגט דער ערשטער, דו ווייסטו




וואס ס'פעהלט מיר, ענטפערט יענער, פון וואו זאל איך וויסן וואס ס'פעהלט דיר? זאגט דער ערשטער, אויב אזוי, ווי אזוי זאגסטו אז דו האסט מיך ליעב, ווען דו שפיהרסט נישט וואס ס'פעהלט מיר?. האט רבי משה לייב אויסגעפיהרט, פון דעם זעהט מען אז אמת'ע אהבת ישראל מיינט, אז מ'שפיהרט וואס יענעם פעהלט און וואס ס'טוהט יענעם וויי, און מ'האט מיטלייד מיט'ן חבר.

### שפיהרן יענמ'ס ווייטאג ווי זיין אייגענער ווייטאג

אין הויז פונעם הייליגען 'צמח צדיק' פון ווישניץ זי"ע האט געהערשט גרויס אומרוה. דעם רבי'נס טאכטער, וואס האט געוואוינט אין א ווייטע שטאט, איז געווען ערנסט קראנק און די חסידים און באקאנטע האבן איינגעריסן און מתפלל געווען פאר איהר געזונט. יעדן טאג פלעגט מען שיקן צום רבי'ן א טעלעגראם צו פארשטענדיגן איר געזונט צושטאנד. מ'האט טעגליך אפגעווארט דעם פאסט טרעגער מיט די האפענונג אז ער וועט ענדליך ברענגען גוטע נייעס. איין טאג האט דער פאסט טרעגער פארשפעטיגט. אלע אין שטוב זענען געווארן אומרוהיג און באזארגט. אויך דער הייליגער 'צמח צדיק' האט זיך ארומגעדרייט שטארק צוטראגן. זיין זוהן זעהענדיג, ווי אנגעצויגן דער טאטע

<<<<<<<

### ברור לו מיתה יפה...

די גמרא (סנהדרין נב.) זאגט: "אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה, ס'שטייט אין פסוק, "**ואהבת לרעך כמוך**",—ברור לו מיתה יפה. פשוט פשט מיינט דאס, אז די הרוגי בית דין זאל מען נישט הרג'ענען מיט א בזיון, צ.ב.ש. אויב זיי באקומען "שריפה", זאל מען זיי נישט פארברענען אויף א שייער פון ברענעדיגע האלץ, נאר מ'גיסט אריין אינעם האלדז הייסע בליי, אבער דער קערפער ווערט נישט פארברענט.

מ'קען אבער ערקלעהרן די כוונה בדרך רמז אזוי: דער פסוק (במדבר יט:יד) זאגט "זאת התורה אדם כי ימות באהל",—דרשנ'ן חז"ל (ברכות סג:) "שאין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה",—אזא מיתה איז א שיינע מיתה. און דאס האבן חז"ל מרמז געווען, אויב ווילסטו מקיים זיין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", דערמאלט, "ברור לו מיתה יפה",—זיי דיך משתדל און לערן מיט אים תורה, אדער העלף אים לערנען תורה, אז ער זאל זיך קענען 'ממית זיין באהלה של תורה', ווערסטו אים דערמיט אויסקלויבן א "מיתה יפה". *(כ"ק אדמו"ר בעל "תורת מרדכי" מוויזניץ-מאנסי זצ"ל)*

### געשטעלט א איד אויף די אייגענע פיס מיט פרנסה

דער בילגורייא רב זי"ע איז געווען וואו א דערבארעמדיגער און געטרייער פאטער פאר פיהלע שארית הפליטה אידן, וואס זענען ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, נאך די צווייטע וועלט קריג, צובראכן און עלענד, נישט האבנ'דיג א גואל אדער א משפחה צו וועמען זיך צו קענען ווענדן. מיט א פאטערליכע ליעבשאפט האט דער בילגורייא רב זי"ע מקרב געווען פיהלע פליטים, געהאלפן חתונה מאכן צענדליגע יתומים ויתומות, און זיי באזארגט מיט א דאך איבערן קאפ. פיהלע מענטשן פלעגט ער ארויס העלפן מיט געלט און עצות, זיי זאלן זיך קענען אוועק שטעלן אויף די אייגענע פיס און מאכן פרנסה. ווי ס'דערציילט הרה"ח ר' א.מ.ג. הי"ו אז ווען זיין פאטער ר' בערל ע"ה איז אנגעקומען נאך די קריג מיט זיין פאמיליע קיין ארץ ישראל בעירום ובחוסר כל, האט זיי די רעגירונג געגעבן צו וואוינען אין די מעברות. (צייטווייליגע געצעלטן). אינצווישן איז ביי זיי געבוירן געווארן א אינגעלע אבער דאס ארעמקייט איז געווען אזוי שרעקליך אז ס'איז נישט געווען מיט וואס צו קענען קויפן אביסל מילך צו ערנערן דאס ניי געבוירן קינד. איינטאג טרעפט דער בילגורייא רב, ר' בערל אויף די גאס אין תל אביב, און מיט א פריינטליכ'ן שלום עליכם, פרעגט ער אים: "זאגט מיר אייער געזיכט זעהט אויס זייער פארזארגט, מיט וואס קען איך אייך העלפן? ר' בערל האט דערציילט פאר'ן בילגורייא רב זיין שווערן צושטאנד אז אין שטוב איז אפילו נישט דא א ביסל מילך מיט וואס צו קענען ערנערן א ניי געבוירן קינד. האט דער בילגורייא רב ארויסגענומען פינף ענגלישע פונט (א היבש גרויסע סומע אין יענע צייט) און דאס אוועק געגעבן פאר ר' בערל און אים געזאגט אז ער זאל זיך קויפן א וועגעלע און אנהויבן צו פארקויפן גרינצייג און אזוי ארום וועט ער קענען מאכן פרנסה צו קענען שפייזן זיין שטוב. (ווען ביי ר' בערל איז שפעטער געבוירן געווארן נאך א קינד, האט ער אלס הכרת הטוב, א נאמען געגעבן, זיין ניי געבוירנע אינגעלע אהרן מרדכי [נאך כ"ק מרן מהר"א זי"ע און נאכ'ן בילגורייא רב זי"ע].

איז, האט ער זיך אנגערופן, "טאטע, מ'דארף זיך נישט זארגן. ס'קען נאך יעדע מינוט אנקומען א טעלעגראם מיט גוטע בשורות."

"מיין טייער קינד," האט דער רבי' געזאגט. "דו האסט א טעות, נישט דאס ארט מיך. איך בין צוטראגן ווייל איך האב היינט איינגעזעהן אז איך בין נאכנישט אויף די מדריגה פון שפיהרן יענעם'ס ווייטאג ווי מיין אייגענע ווייטאג. איך ארבעט שוין אזויפיהל יאהרן אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", און ווען א איד קומט צו מיר מיט א צרה פרוביר איך זיך אריינצולייגן אין יענעם'ס מצב. היינט האב איך געשפיהרט אז מיין ווייטאג פון מיין טאכטער'ס געזונט צושטאנד, טוהט מיר ווייט מער ווי די ווייטאג פון א צווייטן, און פון דעם בין איך אזוי צובראכן." א ביסל שפעטער איז דער טעלעגראם ענדליך אהנגעקומען און געמאלדן די גוטע בשורה אז די טאכטער איז ב"ה ארויס פון געפאהר. פון די טאכטער'ס קרענק האט מען ברוך ה' שנעל פארגעסן, אבער דער דערהויבענער דערהער פון "**ואהבת לרעך כמוך**", האט דער זוהן מיטגענומען אויף אייביג.

### שטענדיג העלפן א איד

### איבערגעבלאזן אלע תקיעות

**כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע** איז געווען באוואוסט מיט זיינע מעשה חסד און זיין אהבת ישראל צו יעדן איינציגן איד. אמאהל איז געקומען צו פאהרן א בעלזער חסיד פון דערווייטענס אויף ראש השנה קיין בעלזא. פאר תקיעות שופר האט אים מרן זי"ע צוגערופן און געבעהטן ער זאל אריין גיין באדינען א קראנקן איד וואס ליגט ביי זיך אין שטוב און קען זיך נישט אליין באדינען. דער חסיד האט געהאט שטארק צער וואס ער וועט דערלייגן צו הערן די תקיעות און דאס דאווענען פון מרן זי"ע. נאכדעם וואס ער האט זיך אזויפיהל באמיהט און אויסגעגעבן שפעזן צו קענען קומען צופאהרן אויף ראש השנה. אבער וויבאלד מרן זי"ע האט אים געבעהטן האט ער נישט געקענט אפזאגן און ער איז געגאנגען צום קראנקן. נאכ'ן דאווענען איז דער חסיד געווען זייער צובראכן. האט אים מרן זי"ע אריינגערופן צו זיך אין צימער און געזאגט: "היינט האסטו מקיים געווען א גרויסע מצוה פון ביקור חולים, און איך וויל האבן א חלק אין די מצוה!" און אזוי רעדנדיג האט מרן זי"ע ארויסגענומען זיין שופר און האט פאר דעם חסיד איבערגעבלאזן אלע תקיעות! ווען דער חסיד איז געווען גליקליך ביז גאר.

**הרה"ק רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע** האט ליעב געהאט א יעדן איד, 'אהבת ישראל' ממש. אמאהל אין תשעה באב האט ער געזעהן ווי א איד בעהט ביי א צווייטן איד ער זאל אים טוען א וויכטיגע טובה. אבער יענער האט נישט געוואלט, ווייל ער זאגט יעצט די קינות און קלאגט אויפ'ן חורבן בית המקדש. האט דער צדיק זיך אנגערופן: "דער עיקר חורבן איז דאך געווען צוליעב שנאת חנם—ווייל מ'האט אומזיסט פיינט געהאט א צווייטן איד, און אהבת חנם איז דאך פארקערט, דעריבער דארפסטו זיך אפשטעלן און טוען דעם איד די טובה."

### די טינט האט זיך אויסגעגאסן

דער אפטא רב זי"ע פלעגט זיך אונטערשרייבן "אוהב ישראל". אמאהל איז געווען ביים אים אין שטוב א




דאקטער א רשע א עוכר ישראל, און דער אפטא רב האט אים דערווייטערט פון זיך און נישט געוואלט מיט אים רעדן. שפעטער ווען דער אפטא רב האט געשריבן א בריעף צו איינעם און אונטערגעשריבן זיין נאמען, האט זיך די טינט אויסגעגאסן און דאס ווארט 'אוהב ישראל' האט זיך פארמעקט. האט דער אפטא רב פארשטאנען אז דאס איז געקומען צוליעב דעם וואס ער האט דערווייטערט פון זיך דעם דאקטער, וואס איז פארט א איד.

### נישט גורם זיין צער אפילו אויף א רגע

דאס אהבת ישראל פון **הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זצוק"ל** איז געווען אהן א גרעניץ, ער האט זיך פשוט מפקיר געווען, אכטונג צו געבן מיט אן איבערגעגעבענע ליעבשאפט אויפ'ן כבוד פון א צווייטער איד. ווען ס'האט זיך געהאנדלט פון טוען א טובה פאר א איד האט ער גענצליך אוועקגעגעבן, זיין כבוד, זיין צייט, זיין אייגענטוהם, זיינע אייגענע הידורי מצוות, און זיין געזונט. ער פלעגט זאגן: "**ווען מ'האט ליעב דעם קעניג האט מען אויך ליעב זיינע סאלדאטן**". די ליעבשאפט וואס מ'האט צו אידן דאס ווייזט ארויס די ליעבשאפט וואס מ'האט צום באשעפער." אמאהל איז איינער פון די מקורבים

### די צער און ווייטאג פון יעדעס אידיש קינד!

ווען **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט געוואוינט אין ראצפערט בשעת די ערשטע וועלט קריג, האט זיך דער בילגורייא רב זי"ע געדארפט דעמאלט שטעלן צום מילטער. איז זיין מאמע די רעבעצין ח' דבורה ע"ה, אריינגעגאנגען מיט אים צו כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע און געגעבן א קוויטל, אז ער זאל באפרייט ווערן פונעם מיליטער. מרן זי"ע האט געליינט דאס קוויטל איין מאהל און נאכאמאהל און ביי יעדעס מאהל האט ער געגעבן א קרעכץ. האט זיך די רעבעצין געוואונדערט און געפרעגט: "טויזענטער אידן ווערן דורך דיינע ברכות געהאלפן מיט אלע סארט ישועות, איז פארוואס איז שווער צו פועל'ן א ישועה פאר אונזער זוהן?" האט איר מרן זי"ע געענטפערט: ס'טוהט מיר וויי, צוליעב דעם וואס דאס קוויטל פון מיין זוהן, באנעמט מיין הארץ מער ווי דאס קוויטל פון אן אנדערן איד". מרן זי"ע האט מיטגעשפירט דעם צער און ווייטאג פון יעדן איד, מער ווי זיינע אייגענע יסורים. זיין ווארעם און דערבארימדיגע הארץ האט געשפרודעלט מיט אהבת ישראל פאר א יעדן איד, און ער האט מקרב געווען יעדן איינציגער איד.

געשלאפן ביי רבי שלמה'קע אין שטוב א שטיק צייט. ביי א געוויסע געלעגנהייט האט דער מקורב געבעהטן פון רבי שלמה'קע אז ער זאל אים אויפוועקן אין א באשטימטע צייט. רבי שלמה'קע האט פון אנפאנג מסכים געווען אבער נאכדעם האט ער זיך אנטשולדיגט פאר יענעם, זאגנ'דיג, "כאטש ער וואלט זייער געוואלט נאכקומען זיין פארלאנג, אבער אין דעם פאל קען ער אים נישט העלפן". און ער האט אים עהרקלערט: "ווען מ'וועקט אויף א מענטש, איז אין די ערשטע רגע, ביז יענער קומט צו זיך האט ער צער, 'איך קען נישט גורם זיין צער פאר א איד אפילו אויף איין רגע'..."

### פארוואס רעש'ט נישט די וועלט ביי אן אנדער אידיש קינד

אמאהל איז א קינד פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זצוק"ל קראנק געווארן, די וועלט האט גע'רעש'ט, מ'האט איינגעריסן די הימלען, געזאגט תהילים טאג און נאכט און העפטיג מתפלל געווען, ביז דער באשעפער האט געהאלפן און דאס קינד איז געזונט געווארן. איז רבי דוד'ל געזיצן און שטארק געוויינט. ווען מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט,

<<<<<<<



# מיין שבת אוצר

## מיין אוצר... די תורה לערנט אונז... 'ואהבת לרעך כמוך'

דאס קינד איז דאך ב"ה געזונט געווארן? האט ער געענטפערט: איך ווייס פארוואס ביי יעדעס אידיש קינד וואס איז קראנק רעש'ט נישט די וועלט אזוי, און מ'איז נישט מתפלל אז דאס קינד זאל געזונט ווערן...

### שפיהרט די ווייטאג ביז יענער עק וועלט

הרה"ק רבי יצחק פון ווארקא זי"ע איז אמאהל געפאהרן מיט זיינע קינדער צום הייליגן רוזשינער זי"ע, און זיך זייער מכניע געווען פאר'ן רוזשינער, אויף אזוי ווייט אז זיין זוהן הרה"ק רבי יעקב דוד פון אמשינאוו זי"ע האט אים געפרעגט: פארוואס ער איז זיך אזוי שטארק מכניע פאר'ן רוזשינער, ער איז דאך נאך יונג? האט דער הייליגער ווארקא געענטפערט: "ווי אזוי זאל איך זיך נישט מכניע זיין פאר אזא איד, וואס ווען א צווייטער איד כאפט א שניט אין יענעם עק וועלט, שפיהרט ער דאס". **"ואהבת לרעך כמוך"**. *(ימות עולם)*

### "ואהבת לרעך כמוך" - הלכה למעשה!

אין די שטאט קאשוי האט געוואוינט א איד וועמען מ'האט גערופן "דער רויטער בעריש". ער איז געווען באקאנט ביי אלעמען אלס א ווילדער מענטש מיט געמיינע מידות, און דערצו אויך א בליטיגער ארימאן. אמאל חול המועד פסח, ווען דער קאלאשיצער רב הרה"ק רבי חנה הלברשטאם זי"ע איז אריינגעקומען אין בית המדרש צום דאווענען, און ארויפגעלייגט זיין טלית אויפ'ן פלייצע, און געזאגט הויך מיט אן התלהבות, "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך". איז 'דער רויטער בעריש' צוגעגאנגען צום רב, און מיט חוצפה אים געפרעגט: "ואהבת לרעך כמוך? אין רבינ'ס שטוב איז דא פון אלעם גוטן. ביי מיר איז נישטא קיין מצות, נישטא קיין פלייש, נישטא קיין אייער, און ס'נישטא קיין קארטאפל!" דער קאלאשיצער רב האט אים נישט געענטפערט. ער האט אנגעטוהן דעם טלית, און זיך גענומען שנעל דאווענען, צום וואונדער פון אלע מתפללים. נאכ'ן דאווענען איז דער רב שנעל אהיים געלאפן, און ס'האט נישט גענומען לאנג, און מ'האט געזעהן ווי דער רב גייט אין גאס, און אויף זיינע פלייצעס שלעפט ער צוויי גרויסע אנגעלאדענע זעקלעך, מיט אלע סארט מאכלים. ער איז געגאנגען א לאנגער וועג, ביז ער איז אנגעקומען צום שטוב פון "דער רויטער בעריש". וועלכע האט געוואוינט ביים צווייטן עק פון שטאט, און אים איבערגעגעבן די זעקלעך מיט א פרייליך פנים. דעמאלט האבן אלע געזעהן ווי אזוי דער קאלאשיצער רב זי"ע האט טאקע מיט אן אמת מקבל געווען אויף זיך די מצוה פון **"ואהבת לרעך כמוך!"** *(דברי חנה)*

### אהבת ישראל בכל לב ונפש

הגה"צ ר' חיים ברים זצ"ל האט דערציילט: אמאהל ווען זיין שווער הגה"צ רבי ישראל טויסיג זצוק"ל ממאטערסדארף איז געווען אין מארינבאד, איז ער געגאנגען זעהן און הערן די תפילות פונעם "אהבת ישראל" פון וויזניץ זי"ע. ס'איז געווען אין א וואכעדיגע טאג, און דער "אהבת ישראל" האט געהאלטן אינמיטן די ברכה פון "אהבה רבה". ווען ער איז אנגעקומען צום ענדע פון די ברכה, און געזאגט די ווערטער "ובנו בחרת מכל עם ולשון", איז אין אים נתעורר געווארן א געוואלדיגע 'אהבת ישראל' אז ס'האט אויסגעזעהן אז ער גייט אויסגיין פון גרויס אהבה. פלוצלינג האט זיך דער




רבי אויסגעדרייט, און געזעהן שטיין אין בית המדרש א פשוט'ע איד וואס ס'האט זיך שטארק אנגעזעהן אז ער איז פראסטע און פארגרעבטע יונג, איז דער "אהבת ישראל" צוגעלאפן צו אים, און אים ארומגעהאלזט און געקושט מיט פיהל ליעבשאפט. דערנאך האט זיך דער רבי צוריק געקעהרט צו זיין פלאץ, און אויסגעשריגן: "ברוך אתה ה' הבוחר בעמו ישראל באהבה". *(מרבה חיים)*

### ווייל די' זענען אזוי ווי איין גוף...

די הייליגע צדיקים, דער רבי רבי בונם פון פרשיסחא, און רבי יחזקאל'ע קאזמירער זי"ע זענען אמאהל געגאנגען אינאיינעם. פלוצלינג האט רבי יחזקאל'ע קאזמירער ארויס גענומען זיין טאבאק פושקא און געגעבן פאר רבי ר' בונם צו שמעקן. פרעגט אים דער רבי ר' בונם: "פון וואו האט איר געוואוסט אז איך דארף האבן פונקט יעצט א שמעק טאבאק? האט רבי יחזקאל'ע געענטפערט: "און פון וואו ווייסט די האנט פון גוף אז די נאז דארף האבן א שמעק טאבאק? נאר וויבאלד די האנט און די נאז זענען איין גוף, שפיהרט די האנט וואס די נאז דארף האבן. אזוי אויך ווען איין מענטש איז שטארק באחדות מיט זיין חבר, מיט אזא שטארקע ליעבשאפט אז זיי זענען אזוי ווי איין גוף, דעמאלט שפיהרט איינער וואס דער צווייטער דארף האבן. **"ואהבת לרעך כמוך"**.

### ס'איז נישט סתם א לחש

אמאהל איז אנגעקומען א גאסט אין פשווארסקער ביהמ"ד אין אנטווערפן פאר'ן דאווענען, האט אים דער פשווארסקער רבי זצ"ל מקרב געווען, אים געוויזן ווי אוועק צו שטעלן זיין רענצל, און דערנאך מכבד געווען מיט א הייס גלעזל קאווע. ס'איז דארט אויך געווען אן אנדערע גאסט, א טייערע איד מנקיי הדעת פון ירושלים, וואס האט זיך געוואונדערט אויפ'ן התנהגות פונעם רבי'ן. ווען דער רבי איז צו אים צוגעקומען געבן שלו', האט ער געפרעגט דעם רבי'ן איבער זיין התנהגות, האט אים דער רבי מיט א שמייכל געענטפערט: **"דו מיינסט אז די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' פאר'ן דאווענען, איז עפעס סתם א לחש, מ'דארף דאס טאקע מקיים זיין...!"**

### א האנט וואס דערגרייכט צום הימל...

דער הייליגער רבי, רבי יחזקאל'ע פון קאזמיר זי"ע האט געזאגט, ווען אידן האנן זיך ליעב, ווערט פון אלע אידן איין איד, ממילא ווערט פון אלע הענט איין האנט, קען מען דערגרייכן אין הימל אריין און זיך נעמען פון אלעם גוטן. *(ויקהל שלמה)*

### קיין שום קטרוג קען נישט געוועלטיגן

הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע האט געזאגט: "רבונו של עולם! די זעקס הונדערט טויזענט אותיות התורה, זענען אקעגן די זעקס הונדערט טויזענט נשמות ישראל. ווען די תורה איז גאנץ, טאהר מען דאך נישט אויסמעקן פון איר אן 'אות'. אזוי אויך ווען אידן האלטן זיך אינאיינעם באחדות און מיט ליבשאפט איינער צום צווייטן, איז דאס אזוי ווי א גאנצע כשר'ע ספר תורה, און קיין שום קטרוג קען נישט געוועלטיגן אויף זיי". *(ילקוט קדושת לוי עמ' רי"א)*

### אויף די מצוה לאקערט דער יצה"ר

אויפ'ן יצר הרע, זאגט דער פסוק (בראשית ד:ז) "ואליך תשוקתו",—און צו דיר גליסט ער, דער יצר הרע גליסט דיך צו שטרויכלן מיט אן עבירה. דאס ווארט **"ואליך"** איז ראשי תיבות **'ו'**אהבת **ל'**רעך **כ'**מוך **א'**ני **י'**", אין די דאזיגע מצוה טוהט דער יצר הרע ספעציעל לאקערן דאס צו פארדארבן חלילה. *(הרה"ח רבי א.י.ד. מערמעלשטיין שליט"א)*

***



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר "יומא דהילולא"

(ג)

# הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

## "זרע קודש"

### - י"א אייר תקפ"ז -

<u>**הולדתו:**</u> הרה"ק רבי נפתלי צבי, דער ראפשיצער רב, איז געבוירן געווארן ו' סיון תק"כ, (ביום פטירתו פון בעל שם טוב הק') אין די שטאט לעשנוב צו זיין פאטער הרה"ק רבי מנחם מענדל רובין פון לינסק. (דער ראפשיצער רב האט זיך גערופן 'הארוויץ' אזוי ווי זיין מאמע'ס טאטע) און זיין מאמע מרת ביילא, די טאכטער פון הגה"ק רבי איציק'ל האמבורגער. זכר צדיקים לברכה.

<u>**זוגתו:**</u> הרבנית הצדקנית מרת רבקה בת הגה"צ רבי צבי הירש גולדמאנער מדוקלא. זכר צדיקים לברכה.

<u>**תולדותיו:**</u> 1) הרה"ק רבי אברהם חיים מלינסק. 2) הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב, 3) הרה"ק רבי יעקב ממעליץ. 4) מרת ראצע, אשת הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ. זכר צדיקים לברכה.

<u>**תורתו:**</u> זרע קודש על התורה ומועדים. אילה שלוחה.

<u>**רבותיו:**</u> הרה"ק רבי אלימלך מ'ליזענסק. ה'חוזה' מלובלין. הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב. המגיד מקוזניץ. "אוהב ישראל" מאפטא. זכר צדיקים לברכה.

<u>**מתלמידיו:**</u> ה"דברי חיים" מצאנז. הרה"ק רבי צבי אלימלך מדינוב. הרה"ק רבי מאיר'ל מאפטא, ועוד. זכר צדיקים לברכה.

<u>**על כסא מלכותו:**</u> לינסק. סטריזוב. סאנוק. ראפשיץ.

<u>**פטירתו:**</u> יום י"א אייר שנת תקפ"ז אויפ'ן וועג קיין לאנצוט, און ער איז דארט נטמן געווארן. זכר צדיקים לברכה.

### ובא השמש וזרח השמש

דער ראפשיצער רב איז געבוירן אין די שטאט לעשנוב ו' סיון, חג השבועות תק"כ (אינעם זעלבן טאג פון די פטירה פון מרן הבעש"ט זי"ע) האבן חסידים ממליץ געווען אויף דעם טאג וואס ער איז געבוירן: "ובא השמש וזרח השמש". צו זיין בר מצוה האט אים זיין פאטער גענומען צו לייגן תפילין ביי הרה"ק רבי מיכל זלאטשובער. דער ראפשיצער רב האט שפעטער עדות געזאגט אז הרה"ק רבי מיכל'ע האט אים אנגעבונדן צו א היכיל וועלט פון וואו ער וועט זיך קיינמאהלע נישט קענען אפרייסן. דער ראפשיצער רב איז געווען א תלמיד פונעם רבי ר' אלימלך, וועלן ער איז געקומען דאס ערשטע מאהל קיין ליזענסק האט אים דער רבי ר' אלימלך נישט געוואלט מקבל זיין ווייל ער איז א יחסן, ער האט געזאגט אז די מיוחסים האלטן זיך גרויס ביי זיך. דער ראפשיצער רב האט זיך געוויינט בדמעות שליש און געזאגט "וואס איז ער שולדיג אז זיין מאמע האט אים געבוירן", אזוי האט ער געוויינט בדמעות שליש ביז דער רבי ר' אלימלך האט אים מקבל געווען. דער ראפשיצער רב'ס טאטע איז געווען רב אין לינסק, און דער ראפשיצער רב איז געווען רב אין ראפשיץ נאך בחייו פון זיין טאטע, ווען זיין טאטע איז נסתלק געווארן איז אין לינסק געווען מענטשן וואס האבן נישט געוואלט אז דער ראפשיצער רב זאל דארט ווערן רב און ס'זענען געווען וואס האבן יא געוואלט, אין די ענדע האט מען אים יא געשיקט א כתב רבנות, אבער די ראפשיצער אידן האבן אים געבעהטן אז ער זאל בלייבן דארט ביי זיי, איז ער געבליבן אין ראפשיץ, אבער ער האט אנגעהאלטן דאס רבנות אין לינסק, און ער פלעגט צו פאהרן פון צייט צו צייט קיין לינסק, און ווען דער ראפשיצער רב איז נסתלק געווארן איז דער ראפשיצער רב'ס זון הגה"ק רבי אברהם חיים געווארן רב אין לינסק.



ספר

זרע קודש

הלולים לד' מאת הרב הקדוש איש אלקים

מופת הדור רבינו נפתלי צבי הורוויץ

נבג"מ מראפשיץ:

חלק ראשון

על חמשה חומשי תורה

לעמבערג

Sera Kodesch

Nachdruck wird Vorbehalten

### האיש מקדש

דער זיידע פונעם ראפשיצער רב, הגה"ק רבי יעקב רובין פון לינסק, האט זיך אמאהל געטראפן מיט הגה"ק רבי איציק'ל האמבורגער, און ער האט מיט זיך געהאט זיין אינגל ר' מענדל (דער פאטער פונעם ראפשיצער רב). האט רבי יעקב געבעהטן פון רבי איציק'ל אז ער זאל פארהערן זיין זוהן מענדל. ווען ער האט אים פארהערט האט ער געזעהן אז ער איז א גאר חשוב אינגל, האט ער געפרעגט זיין פאטער 'אויב ער קען נעמען זיין זוהן מענדל פאר א חתן פאר זיין טאכטער?' האט רבי יעקב גלייך מסכים געווען צו נעמען אלס שניר, די טאכטער פון רבי איציק'ל האמבורגער, אינדערהיים האט ער פארציילט וועגן דער שידוך וואס ער האט געשלאסן. האט זיין רעבעצין אים געפרעגט 'ווי אזוי קען מען נעמען א כלה פאר מ'זעהט איר?' און זי האט באלד געזאגט אז אויב ווען זי וועט איר זעהן, און ס'וועט איר נישט געפעלן איז דער שידוך אויס! ווען זי האט טאקע געזעהן די כלה פאר די חופה איז זי איר נישט געפאלן, און זי האט געוואלט אפלאזן דער שידוך. האט מען באשלאסן אז מ'וועט צום ערשט פרעגן דער חתן ר' מענדל וואס ער זאגט. ווען מ'האט געפרעגט דעם חתן, האט ער געזאגט 'ער איז מסכים צום שידוך כאטש זי געפעלט נישט פאר די משפחה'. דערנאך ווען מען איז געגאנגען זיך גרייטן צו די חופה, האט דער פאטער פון די כלה הגה"ק רבי איציק'ל געזאגט אז ער האט נישט צו געבן דעם נדן וואס ער האט צוגעזאגט פאר'ן חתן! האט די מאמע זיך אנגערופן: נישט נאר וואס די כלה געפעלט איר נישט געט ער אויך נישט דאס געלט! אבער מ'האט באשלאסן צו פרעגן דער חתן נאכאמאהל וואס ער האלט! דא האט דער חתן נאכאמאהל געזאגט 'ער איז מסכים צום שידוך ווייל ער האט נישט חתונה צוליעב'ן געלט, נאר ווייל זי און איר משפחה זענען ערהליך'. א טאג נאך די חתונה האט דער מחותן רבי איציק'ל האמבורגער געזאגט פאר'ן חתן, אז באמת האט ער יא דאס געלט, נאר ער האט אים געוואלט אויס פרובירן, און ער האט אים גלייך געגעבן דאפעלט געלט פון וואס ער האט פריער געהאט צוגעזאגט, און ער האט צוגעלייגט 'אז ווייל ער האט חתונה געהאט לשם שמים וועט ער זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער'. פון די ברכה איז טאקע געבוירן געווארן הרה"ק רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע.

### "תחלה למקרא' קודש זכר ליציאת מצרים",

דער ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט פשט אין דעם נוסח וואס מיר זאגן אין קידוש **"תחלה למקרא' קודש זכר ליציאת מצרים"** אז ווען א איד באקומט אמאל א הרהור תשובה, און דער בעל דבר רעדט אים איין אז ער קען נישט שוין תשובה טוען, זאגנדיג "דיר וועט שוין ממילא גארנישט העלפן' און נאך אזעלכע דיבורים, דארף דער איד דעמאלט ביי זיך טראכטן אז די אידן אין מצרים זענען געווען אין די מ"ט שערי טומאה און פונדעסטוועגן האט זיי דער באשעפער אויפגעהויבן אין איין רגע ביז צו די מ"ט שערי קדושה, אזוי קען דער באשעפער מיר אויך העלפן אז איך זאל נאך קענען תשובה טוען. דאס איז דער פשט אין די ווערטער "תחלה למקרא' קודש", און אנהייב וואס א מענטש וויל זיך הייליגן און תשובה טוען, און אויב דער יצר הרע רעדט אים איין אז ס'איז צו שפעט, "זכר ליציאת מצרים" זאל ער זיך דערמאנען אין די אידן וואס זענען ארויס פון מצרים, אז זיי זענען אויך געווען בשפל המצב און דער באשעפער האט זיי אויך געהאלפן תשובה טוען.

### די געהויבענע רגעים פאר 'כל נדרי'.

איין יאהר פאר 'כל נדרי', אין בית המדרש פונעם ראפשיצער רב, איז דער ציבור אנגעקומען צו 'כל נדרי', און מ'ווארט אז דער רבי זאל אריינקומען, אבער ער קומט נישט אריין. ס'גייט אריבער אביסל צייט, און ער איז נאך

<<<<<<<

## מַיין אוֹצָר "יומא דהילולא"

>>>>

# הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

- י"א אייר תקפ"ז -

אלס נישט דא. די חסידים האבן זיך געוואנדן צום רבין'ס זוהן הרה"ק רבי אליעזר'ל דזיקובער, ער זאל גיין זעהן וואס קומט פאר מיט זיין טאטע. מיט א ציטער איז ער אריין אין צימער און ער זעהט ווי דער טאטע וויינט מיט בכיות נוראות, עס האט גענומען עטליכע מינוט ביז דער זוהן וואגט זיך צוצוגיין צום טאטן, און ער זאגט אים: "טאטע, ס'איז שפעט, דער עולם ווארט". זאגט אים דער ראפשיצער רב: "דער אמת איז אז איך שעהם זיך פשוט אריין צו גיין אין בית המדרש, ווייל א גאנץ יאהר האלט איך אין איין צוזאגן אז מארגן וועל איך תשובה טוען, אזוי האב איך דאס אפגעשטופט ביז סליחות. און אזוי איז שוין פארביי געגאנגען ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יעצט האלט איך שוין פאר 'כל נדרי', און איך זעה אז איך האב נאכנישט ריכטיג תשובה געטוען, ממילא שעהם איך זיך אריין צו גיין אין בית המדרש צו 'כל נדרי'". האט אים זיין זוהן געטרייסט, און געזאגט: "די געהויבענע רגעים ווען ס'קומט אריין דער הייליגער טאג יום כיפור, איז דאך א גרויסער עת רצון אין הימל, דעריבער בין איך זיכער אז יעצט וועט דער טאטן'ס תשובה אנגענומען ווערן אין הימל". הערנ'דיג די ווערטער פון זיין זוהן, האט דער הייליגער ראפשיצער רב מסכים געווען אריינצוגיין אין בית המדרש צו 'כל נדרי'.

## "צדיק גוזר והקב"ה מקיים"

די געהויבענע חסידים פונעם הייליג'ן רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע, האבן אים געפרעגט, צו ווען זיי זאלן פאהרן נאך זיין פטירה. האט ער זיי געענטפערט: "ווען איר וועט אנטרעפן א רבי'ן וואס ער קען ארויסנעמען די נשמה פון א מענטש, איר אויסוואשן און אויסרייניגן, און דאס באלד צוריק שטעלן אויף איר ארט, אין דעם רבי'ן זאלט איר אייך באהעפטן". נאך רבי אייזיק'ל פטירה האבן זיך די דריי געהויבענע חסידים ארויסגעלאזט זוכן א רבי'ן, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין ראפשיץ. ווען זיי האבן איבערגעטרעטן די שוועל פונעם הייליג'ן ראפשיצער רב, איז דארט פונקט געשטאנען א איד און געוויינט, אז דער רבי זאל אים ארויסגעבן א תשובה אויף א הארבע עבירה. האט דער ראפשיצער רב זיך אנגערופן צו יענעם איד: "זאג מיר, איך בעהט דיך, ווי פאלט איין פאר א איד צו טוען אזא גרויסע עבירה?" דער איד איז באלד געפאלן אין חלשות, און מ'האט אים גלייך דערמינטערט. און דער ראפשיצער רב זאגט אים ווייטער: "אפשר קענסטו מיר זאגן וואס האט דיר דער באשעפער געטוען שלעכט'ס, וואס דו גיסט אים אפ מיט אזא נידעריגע עבירה?" דער איד איז ווידער צוזאמען געפאלן, און מ'האט אים נאכאמאהל געמוזט דערמינטערן. דערנאך האט אים דער ראפשיצער רב ווידער געפרעגט: "דער באשעפער גיט דיר געזונט, פרנסה, מיט אלעם גוט'ס, גייט מען און מ'טוהט אזא הארבע עבירה?" דער איד האט צום דריטן מאהל גע'חלש'ט, און מ'האט אים דאס מאהל קוים דערמינטערט. דערנאך האט דער ראפשיצער רב געזאגט צום איד: "דו קענסט שוין אהיימפאהרן". די דריי קאלובער חסידים האבן צוגעזעהן די גאנצע מעשה, און זיי האבן צווישן זיך געשמייכלט. רופט זיך אהן דער ראפשיצער רב צו זיי: "איר פריידט אייך אויף וואס איך בין אזא רוצח?" האבן אים די חסידים איבערגעגעבן דעם אנזאג פון זייער רבי'ן הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלובע'ער, צוגעבנ'דיג אז יעצט האבן זיי געזעהן ווי א רבי נעמט ארויס א נשמה, וואשט איר אויס, און לייגט איר צוריק אויף איר ארט. פארשטייט זיך אז זיי זענען געבליבן ראפשיצער חסידים.

## געזוארגט אינמיטן די הושענות

הרה"ק בעל 'רביד הזהב' זצ"ל [רבי ישראל דב גלרטנר



מיאשניצא] איז געווען פון די תלמידים מובהקים פונעם ראפשיצער רב. אמאהל ווען ער איז געווען הושענא רבא אין ראפשיץ, האט ער אינמיטן די הושענות פלוצלונג אנגעהויבן שפיהרן א שטארקע ווייטאג אין די פיס. די יסורים האבן זיך כסדר פארשטערקערט און פארערגערט, און דעריבער איז ער אפיהר געגאנגען פון וואו ער איז געשטאנען, אויס מורא אז ער זאל נישט צעדרוקט ווערן פון די אנדערע אנוועזנדע, און ער האט געוואלט גיין זיך שטעלן פון אונטן וואו ס'איז דא ברייטער פלאץ. דערווייל האט איינער בשעת'ן קלראפן די הושענות, בטעות געגעבן א טרעט ארויף אויף זיין ווייעדיגער פוס, אזוי אז דער 'רביד הזהב' האט געמיינט אז ער וועט צוזאמענפאלן פון די גרויסע שמערצן. קיין צווייטע ברירה האט ער נישט געהאט, ער האט זיך באלד געמוזט אוועק זעצן אין א זייט, ביז די יסורים וועלן אביסל נאכלאזן, ער זאל קענען ווייטער מיטהאלטן די עבודת הקודש. פלוצלונג זעהט ער ווי דער ראפשיצער רב שטייט נעבן אים, און הייסט אים אריינגיין אין די אנדערע שטוב, זיך צו דערכאפן דאס הארץ מיט אביסל לעקער און בראנפין, און אזוי צוריק קומען צו די כוחות. דאס איז געווען א גרויסער פלא, אז כאטש דער ראפשיצער רב האט געזאגט די הושענות מיט הויעכע כוונות און מדרגות, דאך האט ער אויך דאס מיטגעהאלטן, ווי זיינ'ס א תלמיד מאכט מיט יסורים, און ער האט זיך פאר אים געזארגט.

## "נישטא וואס יענעם מקנא צו זיין"

דער ראפשיצער רב דריקט זיך אויס אין זיין ספר "זרע קודש" (פ' בהעלותך) בזה"ל: ס'איז נישט מעגליך אויף די וועלט אז א איד א מאמין זאל זיך דאכטן אז ס'פעהלט אים עפעס. ער זאגט דאך יעדער אינדערפרי, "שעשה לי כל צרכי", וואס דארט דריקט ער אויס קלאהרע דיבורים, אז דער באשעפער גיט אים "אלעס", איז פארוואס קלערט ער דען אז ס'פעלט אים עפעס? פיהרט ער אויס, א איד דארף וויסן אז דאס וואס ער האט נישט, איז זיכער אז פון הימל וויל מען אזוי. פון די ווערטער לערנען מיר א מורא'דיגן מוסר השכל. ווען מיר זעהן אז דער ראפשיצער רב זאגט מיט אזא פשיטות אז ס'קען גארנישט זיין אז א איד זאל טראכטן אז ס'פעהלט אים עפעס, און ווען א איד חזר'ט זיך דאס גוט איין נאך פון יונגערהייט, אז מ'קוקט נישט אויף יענעם, און נישט אלעס וואס יענער האט, מיינט דאס אז איך דארף דאס אויך האבן, זאל מען וויסן אז קנאה שטאמט נישט פון חכמה, ווי דער "מסילת ישרים" דריקט זיך אויס אויף א פלאץ, הקנאה לא תמצא רק בחסרי דעת, די מדה פון קנאה געפינט זיך נישט נאר ביי די וואס האבן נישט קיין שכל, ווייל די וואס האבן יא שכל, וויסן און פארשטייען אז ס'איז נישטא וואס מקנא צו זיין יענעם

## א קוויטל פונעם דארפסמאן

דער רבי ר' אלימלך איז אמאהל געווען זייער פאר'דביקות'ט און פארקאכט אין הויכע ענינים, אינמיטן איז אנגעקומען א איד א קרעטשמער, וואס איז געקומען צום רבי ר' אלימלך מזכיר זיין אז דער פריץ וויל אים ארויסווארפן, דער ראפשיצער רב האט געזעהן ברוח קדשו אז דער איד קומט, האט ער אים אפגעווארט און זיך פארגעשטעלט פאר'ן איד אז ער איז דער רבי ר' אלימלך. דער איד איז נאך קיינמאהל נישט געווען אין ליזעסק און ער האט נישט געוויסט וויאזוי דער רבי ר' אלימלך זעהט אויס. ער האט אים געגעבן א קוויטל און דער ראפשיצער רב האט אים אנגעוויינטשן און דער איד איז געהאלפן געווארן. האט דער איד געשפיהרט אן הכרת הטוב פאר'ן רבי ר' אלימלך איז ער צוריק געפאהרן קיין ליזענסק זיך באדאנקען. דער ראפשיצער רב איז דעמאלט נישט געווען דארט. און ווען דער איד איז אריין געקומען צום רבי ר' אלימלך האט ער געזעהן אז דאס איז נישט דער זעלבער, איז ער געווארן פארלוירן, און ער האט זיך אנגערופן, "נישט דער רבי האט אים אנגעווינטשן". האט דער רבי ר' אלימלך געבעהטן ער זאל אים זאגן ווי אזוי יענער זעהט אויס, האט ער אראפגעלייגט ווי אזוי יענער האט אויסגעזעהן א היכרא א.א.וו. האט דער רבי ר' אלימלך גלייך פארשטאנען ווער דאס איז געווען, האט ער געלאזט רופן דעם ראפשיצער רב און געזאגט "איך זעה אז די קענסט שוין דעם קונץ", האט זיך דער ראפשיצער רב פארענטפערט, אז ער האט געזעהן אז דער רבי איז

<<<<<<





<<<<

# הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

## - י"א אייר תקפ"ז -

אזוי פאר'דביקות'ט האט ער נישט געוואלט אז דער דארפסמאן זאל אים שטערן פון די הייליגע מחשבות.

### געזעהן די אייניקלעך וואס וועלן זיין רבי'ס...

אמאהל איז דער ראפשיצער רב געקומען אין די שטאט דעמביץ. האט ער געהייסן מ'זאל מאכן א סעודה פאר די שטאט מענטשן, ווען ער האט באמערקט ווי די חסידים מיט זיינע שטוב מענטשן וואונדערן זיך, האט ער זיי ערקלעהרט און געזאגט אזו: וויבאלד איינע פון מיינע אייניקלעך וועט דינען דא אלס רב, דעריבער וויל איך אז מ'זאל אים מקרב זיין. און דער ראפשיצער רב האט ווייטער געזאגט בזה הלשון: "איך זעה אלע מיינע אייניקלעך וואס וועלן זיין רבי'ס ביז משיח וועט קומען, און ווער ס'וועט זיין זייערע חסידים, נישט מיט רוח הקודש נאר מיט חכמה". אינמיטן די סעודה האט דער ראפשיצער רב צוגערופן צוויי אינגלעך, וואס זענען דארט געווען און זיי דערלאנגט א גלאז וויין. יאהרן שפעטער האט מען אויף גענומען זיין אייניקל הרה"ק רבי ראובל'ע בן בנו רבי אליעזר'ל פון דזשיקוב אלס רב אין דעמביץ, און די אויבנדערמאנטע צוויי אינגלעך זענען געווען דעמאלט די ראשי קהילה. דאס האט פארציילט הרה"ק רבי יודל'ע הארוויץ, דער סטיטשינער רבי און ער האט אויסגעפיהרט "קומט דאך אויס אז דער ראפשיצער זיידע האט אונז אלע געזעהן זיצן דא היינטיג'ן טאג". *(מפי החסיד ר' תנחום פירסט ז"ל ששמע מרבו האדמו"ר מסטיטשין זצ"ל).*

### זיין שורש נשמה פון מצות סוכה

צדיקים האבן מעיד געווען אויפ'ן ראפשיצער רב, אז זיין שורש נשמה איז פון מצות סוכה, מ'האט געקענט באמערקן אז ס'איז נישט אדורך א טאג, וואס ער זאל נישט האבן געהאט דערמאנט עפעס וועגן 'סוכה'. ער האט יעדן טאג געלערנט מסכת סוכה, גערעדט וועגן די מצוה פון סוכה, און צומאהל האט ער געקענט בעהטן מ'זאל ארייגשטעלן א כלי אין די 'סוכה', אדער פרעגן אויב ס'איז נאך איבערגעבליבן גענוג מעהל אין די זעק וואס שטייען אין די 'סוכה'. אלס כדי צו דערמאנען די סוכה, ביי וואס ער האט געהאט א גרויס ענין דערביי, ווי ס'איז באקאנט אז דאסווארט 'סוכה' איז בגימטריא דאס זעלבע ווי דער צירוף פון די צוויי הייליגע שמות הוי"ה און אדנ"י.

### דאס הייסט דען גילוי אליהו?...

דעם ערשטן טאג סוכות האט זיך צווישן חסידים אין ראפשיץ פארשפרייט א קלאנג, אז דער ראפשיצער רב האט די ערשטע נאכט סוכות געהאט גילוי אליהו! דער קלאנג האט שטארק פארדראסן דעם ראפשיצער רב, ווייל ער איז געווען אן 'איש אמת', און ער האט נישט געקענט פארליידן אזעלכע נארישקייטן. האט דער ראפשיצער רב צווישן מנחה און מעריב צוגערופן עטליכע פון זיינע נאנטע מענטשן און זיי געזאגט: איר זאלט וויסן אז דער קלאנג וואס האט זיך פארשפרייט, אז איך האב געהאט די ערשטע נאכט סוכות גילוי אליהו, איז א גרויסע ליגנט... צום ערשט, ווי קום איך זוכה צו זיין צו גילוי אליהו? צווייטנס, ווי קומט דאס צו אייך איר זאלט גלייבן אויף מיר אזעלכע פוסטע איינרעדענישן? "וואס הייסט, רבי?" האט איינער צוריק געפרעגט, "ס'איז דאך דא אן עדות וואס איז געשטאנען אונטער'ן רבינ'ס סוכה און ער האט קלאהר געהערט ווי דער רבי שמועסט מיט איינעם אין די סוכה, אין די צייט וואס דער רבי איז געווען אליין אין סוכה! מיט וועמען דען האט דער רבי געקענט שמועסן, אויב




נישט מיט אליהו הנביא? "נארנים, וואס איר זענט!", זאגט זיי דער ראפשיצער רב מיט א שמייכל, "די ערשטע נאכט איז געווען שרעקליך קאלט אינדרויסן, און איך האב געציטערט פון קעלט. דערפאר האב איך גערעדט צו זיך אליין די גאנצע נאכט, אז מיינע ליפן זאלן נישט פארפרוירן ווערן... און אט דאס הייסט ביי אייך גילוי אליהו?...

### "נו, מיר וועלן גיין צום טיש"

הרה"ק רבי ר' אליעזר'ל פון דזשיקוב זצ"ל האט דערציילט פון זיין טאטע דער ראפשיצער רב: איינמאהל האט שרעקליך גערעגנט די ערשטע נאכט פון סוכות. ס'האט געגאסן ווי מיט קאנען, צום באדויערן פון אלע אידן וואס האבן געוואלט מקיים זיין די מצות סוכה די ערשטע נאכט יום טוב, ס'האט אזוי שטארק גערעגנט אז ס'איז קיינעם נישט איינגעפאלן אז ס'וועט מעגליך זיין צו עסן אין די סוכה. "מיין טאטע איז ארומגעגאנגען ביי זיך אין שטוב ארויף און אראפ, אנהאלטנדיג מיך ביי די האנט, און יעדעס מאהל ווען ער איז צוגעקומען צום פענסטער האט ער געווארפן א בליק וואס ס'טוהט זיך אינדרויסן. דערווייל האט געגאסן אן אויפהער. דער זייגער איז אויך נישט געשטאנען. וואס אמאהל ווערט שפעטער, און דא האט מען אפילו נישט געקענט גרייטן צום טיש. פלוצלונג זאגט דער טאטע, "נו, מיר וועלן גיין צום טיש". קיינער האט נישט פארשטאנען ווי אזוי מ'וועט קענען עסן אין די סוכה. אבער מ'גייט און מ'פרעגט נישט קיין שאלות. דער טאטע איז אריין אין די סוכה, און אינעם זעלבן מאמענט האט אויפגעהערט צו רעגענען. ארום די סוכה פון אלע פיר זייטן האט מען געזעהן ווי ס'רעגנט, אבער איבער די סוכה איז קיין טראפ רעגן נישט געפאלן. אפילו דער סכך, וואס איז אינגאנצן געווען אדורכגעווייקט פונעם גרויסן און שטארקן רעגן, האט אויך קיין טראפ נישט אראפגעלאזט. נאך דעם ווי דער טאטע איז אריין אין די סוכה, האט מען געגרייט צום טיש. מ'האט זיך נישט געאיילט, נאר געגעסן גענוי ווי אלעמאהל יום טוב. נאך די סעודה האט דער טאטע געהייסן מ'זאל אלעס ארויסנעמען פון די סוכה. מ'האט ארויסגענומען פון די סוכה אלע טישן און אלע בענק. אלע חסידים וואס האבן מיטגעגעסן זענען פריער ארויס געגאנגען פון די סוכה, און דערנאך האט דער טאטע מיך ווידער אנגענומען ביי די האנט און ארויסגעגאנגען פון די סוכה. "אזוי ווי ער האט נאר ארויסגעשטעלט דעם ערשטן טריט אינדרויסן, האט מען געהערט ווי ס'האט זיך מיט איינמאהל געגעבן א לאז אראפ דער גאנצער רעגן וואס האט זיך אויפגעהאלטן במשך די צייט וואס מ'האט געגעסן די סעודה.

### דעם ראפשיצער רב'ס ווערטלעך

**ווי באקאנט פלעגט דער ראפשיצער רב אפט זאגן ווערטלעך פון וואס די ארומיגע האבן פיין געשמייכלט, בפרט ביי משמח זיין חתן כלה ווי ער פלעגט אפט דינען אלס בדחן, אבער צדיקים האבן מעיד געווען אז דאס זענען נישט געווען קיין סתם ווערטלעך נאר ס'ליגט דערין גאר גרויסע זאכן און יחודים גבוהים. ווי ער זעלבסט פלעגט זאגן, נישטא קיין קרומערע זאך ווי א גלייך ווערטל, איי איך זאג דאך כסדר ווערטליך, זאג איך אייך אז איך האב נאך און מיין לעבן קיין גלייך ווערטל נישט געזאגט, א ראי' וועט איר האבן, אויב בעת יצאת נשמה וועל איך זאגן א ווערטל איז סימנא מילתא אז אלע מיינע ווערטליך זענען געווען ענינים גבוהים. וכך הווה, בעת יציאת נשמה האט ער אויסגערופן, יעדער זאל ארויסגיין פון שטוב ווייל די נשמה שעהמט זיך ארויסצוגיין ווען יעדער איז דא, און מ'האט דעמאלט געזעהן אז די אלע ווערטלעך זענעןווירקליך געווען הויכע ענינים.**

### אלס ארעמאן וועסטו נישט האבן דעם נסיון.

דער ראפשיצער רב האט געפרעגט אן עושר א קמצן פארוואס ער גיט נישט קיין צדקה? האט יענער געענטפערט, אז ער וויל נישט טוען א זאך קעגן דעם רצון פון באשעפער, אויב דער באשעפער האט זיי באשאפען צו זיין ארעם, דארף דאס זיין דער רצון ה'. האט דער צדיק

<<<<<<<

## מַיין אוֹצָר "יוֹמא דהילולא"

<<<<

# הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

### - י"א אייר תקפ"ז -

צוריק געענטפערט, אויב אזוי מיין איך אז דו דארפסט ווערן אן ארעמאן, ווייל קענסט דאך אמאהל פארגעסן און יא געבן צדקה אקעגן דעם רצון ה', און אז דו וועסט זיין א ארעמאן וועסטו נישט האבן דעם נסיון.

**ענדערש נישט רעדן ווי צו רעדן אהן יחודים...**

דער ראפשיצער רב האט אויף די עלטער אויפגעהערט צו רעדן, און ס'איז געווען זייער שווער פאר די שטוב מענטשן, וואס האבן זיך דערפון זייער מצער געווען, נישט וויסנדיג וואס ס'איז געשעהן, און נישט וויסן וואס ער דארף, איינמאהל האט זיין זוהן ר' אברהם חיים מלינסק געזאגט צום טאטן, איך ווייס אז די קענסט יא רעדן, נאר דו ווילסט נישט, זאג מיר פארוואס די ווילסט נישט רעדן? האט דער ראפשיצער רב געזאגט: מיום עמדי על דעתי האב איך נישט ארויס גערעדט א ווארט אהן מכוון זיין א יחוד, יעצט אבער, דער מח איז שוואכער, וויל איך ענדערש נישט רעדן ווי צו רעדן אהן יחודים.

**איך לויף קלויבן די עבירות וואס זענען מצוות...**

אמאהל איז דער ראפשיצער רב געווען אויף ראש השנה ביים רבי'ן פון לובלין. ווען דער רבי פון לובלין איז צוריק געקומען פון תשליך, האט ער באגעגנט דעם ראפשיצער רב ווי ער לויפט. האט ער אים געפרעגט: "ווי אהין לויפסטו?" האט דער ראפשיצער רב געענטפערט: "איך לויף צוזאמען קלויבן די עבירות וואס דער רבי האט אריין געווארפן אין טייך, ווייל וואס ביים רבי'ן איז אן עבירה, זענען ביי אנדערע מענטשן מצוות.

**צוריק געהאלטן פון זאגן א ליגנט...**

צום ראפשיצער רב איז אמאהל געקומען א איד, א בעל עבירה, און געזאגט איך וויל תשובה טוען אבער דער רבי זאל מיר געבן א לייכטע תשובה, איך האב נישט קיין כח צו קיין שווערע זאכן. האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט, "גוט, זיי מקבל אז דו וועסט מער נישט זאגן קיין ליגנט", האט דער איד געזאגט, אזא לייכטע תשובה דאס האב איך זיך גארנישט פארגעשטעלט, איך בין דאס מקבל! דער איד איז אהיים געגאנגען מיט א שמחה. אינדערהיים, האט ער ווידער געוואלט עובר זיין אויף אן עבירה, אבער, האט ער געקלעהרט, וואס וועט זיין אז מ'וועט מיך פרעגן וואס איך האב געטוען, טאר איך דאך נישט זאגן קיין ליגנט האט ער זיך צוריק געהאלטן. אזוי איז געווען ביי יעדער עבירה, מיט די צייט איז ער געווארן א גאנצע בעל תשובה.

**די קעלט וועט אנקומען צו די גבירים...**

מ'האט דערציילט פאר'ן ראפשיצער רב, אז האלץ איז זייער טייער דאס יאהר און די ארעמעלייט האבן נישט קיין האלץ אויף צום הייצן. האט ער שנעל גערופן זיין משמש און אים באפוילן ער זאל שנעל גיין צו די גבירים אין שטאט זיי זאלן געבן געלט פאר האלץ פאר די ארעמלייט, אויב זיי וועלן נישט וועלן געבן, זאג זיי אז איך וועל הייסן די ארעמעלייט זאלן עפענען די טיהרן פון זייערע הייזער און די קעלט פון זייערע הייזער וועט אנקומען ביז צו די גבירים...

**געטרינקן אין רבינ'ס בעכער...**

דער רבי פון לובלין האט געהאט א בעכער וואס ער האט קיינעם נישט געלאזט טרינקען פון דעם. דער ראפשיצער רב אבער, האט זייער געוואלט טרינטן פונעם בעכער. אמאהל פאר פסח איז נישט געווען צו באקומען קיין צוויבל, און דער רבי פון לובלין האט געהאט דערפון עגמת נפש. איז דער ראפשיצער רב געפארן אין א ווייטע פלאץ, און פארשאפט צוויבל און זיך פארשטעלט ווי א גוי און געקומען פרעגן דעם רבי'ן פון לובלין אויב ער וויל קויפן צוויבל? פרעגט דער רבי דער "גוי" וואס ער וויל פאר די צוויבל? האט ער געזאגט אז ער וויל נאר א פוהל גלעזל בראנפין, האט מען אים געגעבן.


ספר
אילה שלוחה
חדושי תורה ודרוש דאורייתא אמרות טהורות. מאת כ"ק הגאון הקדוש
דשכבתי"ג אספקלריא המאירה מנורה המהודרת איש אלקים
רבינו נפתלי אבד"ק ראפשיץ זללה"ה
אשר כבר נדפס פעם אחת. ומחמת שכעת אינו בנמצא כמעט
נתעוררתי להדפיסו מחדש
וגם ספחתי אליו קונטרס
תולדות רבינו הקדוש, רב רבנן, חכם הרזים, איש אלהים, קדיש הקדשים, בוצינא דנהורא, ג"יא רויא, ארי' דבי אילעי מפורסם בכל קצוי ארץ ה"ה אדונינו מורינו ורבינו
רבינו נפתלי אבד"ק ראפשיץ זללה"ה
וגם ספחתי אליו קונטרס
לקוטי מהרי"ם
דברים יקרים ונחמדים רמזי קדושים הנדפסים בסוף ספר זרע קודש להמחבר הנ"ל
מאת כ"ק אאז"ז הגאון הקדוש הצדיק המפורסי
מו"ה מנחם מענדיל זצ"ל אבד"ק ליסקא
אביו של הה"צ המחבר הנ"ל זי"ע ועכ"י

האט ער געוויזן אז ער וויל נאר טרינקען אינעם בעכער פונעם רבי'ן פון לובלין. אבער דער רבי האט נישט געוואלט לאזן. האט דער "גוי" (דער ראפשיצער רב) צוריק געבעהטן די צוויבל האט דער רבי מסכים געווען, און געהאט א שווער הארץ אז א גוי וויל טרינקען פון זיין בעכער. האט מען אים אנגעגאסן א פוהלער בעכער בראנפין און דער ראפשיצער רב האט געמאכט הויעך א ברכה. ערשט דעמאלט האט מען אים דערקענט... **יחיד בדורו בחכמת אלוקים ....**

## "ס'מאכט אונז א לאך אין הארץ..."

דער צאנזער רב, בענוותנותו הגדולה, האט אויף זיך געזאגט, אז ער קען זיך נישט רופן א 'תלמיד' פונעם ראפשיצער רב. כאטש ער איז אזויפיהל געווען אין ראפשיץ, און זיך געקלאמערט און געווייקט ביים ראפשיצער רב, דאך האט ער געשפיהרט אז ער איז נישט דערגאנגען זיינע באהאלטענע מדריגות, זאגנ'דיג, אז ער האט נישט געהאט קיין שום השגה אין אים. דערפאר האט אים דער דער צאנזער רב בלויז אנגערופן 'דער אלטער רב', און ער האט זיך נישט געוואגט אים צו רופן 'רבי'. נאך די פטירה פונעם ראפשיצער רב, איז דער צאנזער רב געפאהרן צו הרה"ק רבי הערשל'ע זידיטשובער. ווען ער איז געקומען דאס ערשטע מאהל, האט אים רבי הערשל'ע זידיטשובער געזאגט: "אונז פריי מיר זיך זייער אז איר זענט געקומען צו אונז, אבער אז מ'דערמאנט זיך פארוואס איר זענט געקומען, די סיבה וואס האט דאס צוגעברענגט, (צוליעב די פטירה פון ראפשיצער רב), מאכט דאס אונז א לאך אין הארץ".

## ובא השמש-לאנצוט

סוף ימיו ווען דער ראפשיצער רב איז געווארן נישט געזונט ל"ע, האבן די קינדער געוואלט ברענגן א דאקטאר אבער ער האט נישט געלאזט, ביז בנו הרה"ק רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער האט פארגעשלאגן פאר'ן טאטן, אז אין די שטאט לאנצוט איז דא א גרויסער דאקטאר און מ'זאל פאהרן צו אים, האט דער ראפשיצער רב געזאגט, אז ער ווייסט אז ער דארף אנקומען קיין לאנצוט און ער האט מסכים געווען צו גיין, אנקומענדיג אהין איז דער מצב ערגער געווארן ביז ער איז אריין און א צושטאנד פון גסיסה וואס איז אנגעגאנגן פאר גאנצע דריי טעג.

די גרויסע תלמידים, דער הייליגער "דברי חיים" פון צאנז מיט הרה"ק רבי שלום קאמינקא, נישט קענענדיג צוקוקן די אומגעהוירע יסורים וואס זייער גרויסער רבי ליידט, זענען אריין אין ביהמ"ד עפענדיג דעם ארון קודש און געזאגט, רבונו של עולם, אויב די האלטסט אויף דעם צדיק אויף דעם עולם צוליעב אונז, ווייל מיר דארפן א רבי'ן, זאגן מיר, אז מיר זענען מוחל א רבי'ן, האלט אים מער נישט צוריק וועגן אונז! דערנאך זענען זיי צוריק געגאנגען צום ראפשיצער רב און אנגעהויבן זאגן פסוקי יחוד, אבער וואס זיי האבן געזאגט האט דער ראפשיצער רב געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין, ווי צו זאגן אז ער איז נישט צופרידן, ביז ס'איז אנגעקומען דער הייליגער "בני יששכר" און האט אנגעהויבן זאגן די פסוקי השירה אויף וואס ער האט געשאקלט מיטן קאפ ווי צו זאגן אז אויף דעם האט ער געווארט. אנקומענדיג ביים סוף פונעם שירה, ביי די ווערטער "ד' ימלוך לעולם ועד" יצא נשמתו הטהורה לחיי העולם הבא, אין י"א אייר שנת תקפ"ז לפ"ק. זיעועכי"א. דער ראפשצער איז געקומען לקבורה דארט און לאנצוט, ווי מ'האט געבויעט אן אוהל על ציונו הק', און עד היום גייען הונדערטער אידן וואס געפונען זיך און די אומגעגענט דורכאויסן יאהר, ארויף על ציונו הק' און פועל'ן אלעס גוטס. **זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

(מקורות: אור הצפון. עלים לתרופה. זכרונם לברכה. תולדות וסיפורי צדיקים-"נר יהושע". מעשי אבות. הילולא קדישא. ימי זכרון. שיח זקנים. דברי תורה לפ' השבוע. ועוד ותשו"ח להם).

## מאוצרות הצדיקים

### חודש אייר

**• חודש אייר איז קעגן שבט שמעון.**

טייל זאגן אז חודש אייר איז קעגן שבט שמעון אזוי ווי דער ענין ווערט געברענגט אין יעב"ץ, אז די חדשים זענען מרמז קעגן די שבטים לויט'ן סדר פון זייער עלטער, און מ'הייבט אהן ביי חודש ניסן. לויט דעם איז דער חודש מרמז אויף שמעון. דער טעם איז, ווייל חודש ניסן איז מרמז אויף ראובן וואס ווייזט אויף די בחינה פון ריאה, זעהן, ווי די מאמע לאה האט געזאגט "כי ראה ה' את עניי..." און חודש אייר ווייזט אויף די שמועה, ווי דער פסוק זאגט "כי שמע..." די כוונה איז, אז אין חודש ניסן האבן אידן געזעהן די גרויסע התגלות אלקית, די אנטפלעקונג וואס דער באשעפער האט זיך אנטפלעקט צו אידן אין מצרים, און דאס חזר'ט זיך איבער יעדעס יאהר. און חודש אייר איז דער זמן פון שמועה, הערן, פארשטיין און זיך מתבונן זיין אין דעם וואס מ'האט זוכה געווען אין חודש ניסן. דעריבער איז דער חודש מסוגל צו השגה, פארשטיין צו וואס מיר קענען דערגרייכן, און וואס מיר זענען מחוייב צו טוען אלס דער עם סגולה. *(עשה ירח למועדים מבעל "שם משמואל")*

**• מ'ווערט אינגאנצען אויסגעהיילט**

**הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע** (היא"צ בדר"ח אייר)**:** צדיקים האבן געזאגט אז אי"ר, איז די ר"ת **א**'ני **י**' **ר**'ופאיך". דער ענין פון רפואה שטייט צוויי מאהל, א) **"ורפא ירפא"** (משפטים כא:יט). ב) **"כי אני ה' רופאך"** (בשלח טו:כו), און איינס איז נישט גלייך צום אנדערן, ווייל "ורפא ירפא", שטייט מיט א דגש, א פינטל אין די **פ**'. און ביי "כי אני ה' רופאיך", איז די פ' אהן א דגש, [אהן א פינטל אין די פ']. און דער אונטערשייד צווישן זיי איז אזוי: "ורפא ירפא",—רעדט פון רפואת הרופא, וואס דער דאקטער היילט, אזוי ווי חז"ל דרש'ענען **"ורפא ירפא"**,—מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות, דער דאקטער א בשר ודם, וואס כאטש ער היילט מיט רשות, פונדעסטוועגן איז נאך דא א געפאר, אז ער זאל איבערלאזן עפעס סימנים פון די קרענק ל"ע. אבער **"כי אני ה' רופאיך"**,—רעדט זיך אז דער באשעפער אליין בכבודו ובעצמו היילט אויס, וואס דעמאלט בלייבט נישט קיין זכר פון די קרענק. (וע"ע בעל הטורים על "כי אני ה' רופאיך") דעריבער אין אזא צייט פון חודש אי"ר וואס איז "אני ה' רופאיך", ווערן אוודאי אלע אידן אויסגעהיילט ווערן, מיט א א גאנצע און פולקאמע רפואה.

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

### ספירת העומר

**• הכנה צו קבלת התורה,**

• **מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע:** די ימי הספירה זענען אן הכנה צו קבלת התורה, און א איד דארף אנערקענען די גרויסקייט פונעם באשעפער און זעהן זיין אייגענע




שפלות, זיך צו האלטן קליין, פונקט אזוי ווי דער באשעפער האט אויסגעקליבן דעם בארג סיני צו געבן די תורה, ווייל ס'איז דער נידריגסטער בארג, און אזוי ארום וועט מען זיך קענען ריכטיג צוגרייטן צום יום טוב שבועות, און זיין פאסיג מקבל צו זיין די תורה.

**• די עבודה פון די ימי הספירה**

**כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א** (פ' קדושים תשנ"ב)**:** ביי אברהם אבינו שטייט אין פסוק (בראשית יז:א) "התהלך לפני והיה תמים". זאגן חז"ל (נדרים לב:) כתיב 'אברם' וכתיב 'אברהם': בתחלה המליכו הקב"ה על מאתים וארבעים ושלשה אברים, ולבסוף המליכו על מאתים וארבעים ושמונה אברים, אלו הן שתי עינים ושתי אזנים וכו',—פריער האט אים דער באשעפער געמאכט הערשן אויף זיינע רמ"ג אברים וואס זענען אין זיין רשות זיך צו קענען אפהיטן פון א זינד, און דערנאך האט אים דער באשעפער געמאכט הערשן אויף זיינע רמ"ח אברים,—וואס דאס זענען די צוויי אויגן, צוויי אויערן וכו' וואס זענען נישט אין זיין רשות, ווייל דער מענטש מיט געוואלד זעהט און הערט, און ס'ברענגט אים צו זינדיג'ן. אבער נאכדעם וואס אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט האט אים דער באשעפער געקעניגט אז ער זאל אויך הערשן אויף אלע אברים ער זאל נאר זעהן און הערן וואס מ'מעג. און דאס איז די עבודה פון "שבע שבתות תמימות",—פון די ספירה טעג איבערצודרייען די שלעכטע צו גוט'ס און דעם חומר לצורה, די גשמית צו רוחנית, אז אויך די שלעכטע טיילן פונעם מענטש זאלן גליסטן צו תורה, ומצוות און מעשים טובים.

**• וויפיהל האט מען געציילט נעכטן**

• **מרן מהר"א מבעלזא זי"ע:** יעדער נאכט נאכ'ן זאגן עלינו פון מעריב, האט מרן זי"ע בלי יוצא מן הכלל, מקפיד געווען זיכער צו מאכן וויפיהל מ'ציילט היינט ספירה. מרן זי"ע האט זיך געוואנדן צום גבאי'ן הרה"ח ר' שלו' פויגל ז"ל און געפרעגט, "וויפיהל מ'האט געציילט **אייער נעכטן**"? כדי צו וויסן גענוי וויפיהל מ'דארף היינט ציילן. [מרן זי"ע האט נישט געפרעגט דעם גבאי'ן וויפיהל מ'האט געציילט **נעכטן** אלס חשש ער זאל נישט ענטפערן בטעות דעם היינטיגן טאג אדער זיך טועה זיין מיט א טאג]. דערנאך האט מרן זי"ע אנגעהויבן בקול נעימה, "לשם יחוד" געמאכט די ברכה און הויך געציילט ספירה, און דער קהל נאך אים. דערנאך האט מרן זי"ע הויך געזאגט **"הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו"**, נאכ'ן ענדיגן די תפילות פון ספירת העומר האט מרן זי"ע אויסגעלאזט **"ואטהר ואתקדש בקדושתך העליונה"**. *(ספר "בקודש פנימה"-חלק א עמוד קלה)*

**הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש 'למקומה' במהרה בימינו.** (ספירת העומר).

מ'קען ערקלעהרן פשט דאס וואס מיר זאגן 'למקומה', לויט ווי ס'שטייט אין שו"ע (או"ח סי' ס"ב) אז ווען א איד דאווענט זאל ער טראכטן און אינזין האבן אזוי ווי ער שטייט אצינד אין בית המקדש. קומט אויס אז אויך בזמן הזה ווען א איד דאווענט ווערט דאס אים פאררעכנט ווי ער וואלט געטוען די עבודה אין בית המקדש, דורך זיין מחשבה וואס ער טראכט כאילו ער שטייט שן אויף אלע אברים ער זאל נאר זעהן און הערן וואס מ'מעג. און דאס איז די עבודה פון "שבע שבתות תמימות",—פון די ספירה טעג איבערצודרייען די שלעכטע צו גוט'ס און דעם חומר לצורה, דאס גשמית צו רוחנית, אז אויך די שלעכטע


<<<<<<<



מַיין אוֹצָר... חודש אייר... ספירת העומר... פסח שני... בה"ב

>>>>>>>

טייל פונעם מענטש זאלן גליסטן צו תורה, ומצוות און מעשים טובים. *(כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א-פ' קדושים תשנ"ב)*

## מאוצרות הצדיקים

### ספירת העומר

**• קדושת חול המועד**

• **רמב"ן** (אמור כ"ג): די טעג צווישן פסח און שבועות, זענען אזוי ווי חול המועד צווישן סוכות און שמיני עצרת, און דעריבער ווערט שבועות אנגערופן אין די תורה 'עצרת', צו ווייזן אז ס'איז ענהליך צו שמיני עצרת. דעריבער אז פסח איז די ערשטע טעג יו"ט, און שבועות איז די צווייטע טעג יו"ט זענען די טעג אינדערצווישן ווי חול המועד טעג. די ספירה טעג, זענען נאך א המשך פונעם יום טוב פסח, ווייל דורכ'ן יום טוב פסח, און די טעג פון ספירה ווערט מען געהייליגט און געריניגט, אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הק', כדי צו זיי ראוי מקבל צו זיי די תורה אינעם יום טוב שבועות. *(רבינו בחיי, ליקוטי מהרי"ח, טעמי המנהגים)*

**• מוסיף זיין אין לערנען הלכות**

**הרה"ק רבי ר' מענדל'ע מרימינוב זי"ע.** אין די טעג פון ספירה דארף מען מער מוסיף זיין מיט לערנען, בפרט צו לערנען הלכות. ווייל די דריי הונדערט הלכות וואס זענען פארגעסן געווארן אין די טעג וואס אידן האבן מספיד געווען און מתאבל געווען אויף משה רבינו, האט עתניאל בן קנז צוריק דערמאנט מיט זיין לערנען אין די טעג פון ספירה. דעריבער איז א מנהג אז אין די טעג איז מען מוסיף מיט לערנען, און בפרט הלכות. *(שו"ת מראה יחזקאל ס' ק"ד)*

**• לערנען מס' שבועות**

• **ליקוטי מהרי"ח:** ס'איז דא וואס פיהרן זיך צו לערנען מס' שבועות אין די ספירה טעג, ווייל די מסכת האט ניין און פערציג בלאט כמנין ימי הספירה. דארף מען אבער פארשטיין, וואס האט מסכת שבועות מיט'ן יום טוב שבועות א שייכות, ס'איז דאך נישט די זעלבע, ס'איז צוויי אנדערע ענינים. אבער איך האב געטראפן אין ספר 'זכרון יהודה', אז אזוי האט זיך געפיהרט דער גאון ישראל וקדושו בעל אמרי א"ש זצללה"ה. דער הייליגער '**חתם סופר**' האט זיך אויך אזוי געפיהרט. אבער ער אליין שרייבט (שו"ת "חתם סופר" אהע"ז חלק א' סי' ק') אז שוין דרייסיג יאהר איז אים שווער דער רמ"א וואס האט מעתיק געווען די הלכה כפשוטו, וואס לכאורה צריך עיון גדול, און יעדעס יאהר ווען איך לערן מס' שבועות מיט תלמידים זאג איך זיי איבער די קושיא עכ"ל.

• **דברי שיר** (לספירה): דער טעם פארוואס מ'האט געלערנט מסכת שבועות, כדי זיך אויסצורייניגן פון א שבועת שוא און שקר איידער ס'קומט דער יו"ט שבועות ווען מ'איז נאכאמאהל מקבל די תורה, ווי ס'שטייט אין פסוק (תהלים כד) "מי יעלה בהר ה'"—ווער קען זוכה זיין צו קבלת התורה וואס מ'האט געגעבן אויפ'ן בארג סיני, "נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה"—דער וואס איז אפגעהיטן פון שבועת שוא און שקר.

• '**ספר התודעה**': ווייל די מסכת האט דעם זעלבן




נאמען ווי דער יום טוב וואס איז נאך די ימי הספירה.

• **טעמי המנהגים**: איך האב געהערט א דבר נכון בשם דעם "חתם סופר" זי"ע אז מנהג ישראל איז צו לערנען בימי הספירה מס' שבועות. ווייל די מסכת האט ניין און פערציג בלאט כמנין ימי הספירה. און דאס האבן שוין די תנאים פון פריער געזעהן, ווי מ'זעהט אין מסכת שבועות דף ל"ד, אז ס'באלאנגט צו ל"ג בעומר. וואס באמת איז דאס דף ל"ג [ווייל די גמרא פאנגט זיך און פון דף ב'] וואס דארט שטייט אז מ'האט געלאכט פון רבי שמעון בר יוחאי, און די כוונה איז, ווייל ל"ג בעומר איז זיין יום הפטירה, צו ווייזן אז א מענטש האט נישט קיין שליטה אין דעם טאג פון זיין שטארבן, [דעריבער האבן חז"ל ברוח קדשם ארייגעשטעלט די ווערטער אויף דעם דף וואס מ'לערנט ל"ג בעומר]. זעהט מען אז דער ענין צו לערנען די מסכת איז אין די ימי הספירה, האבן זיי שוין אינזין געהאט.

**• לערנען מס' סוטה**

• **ספר 'מנחת העומר'**: ס'זענען דא וואס לערנען מסכת סוטה אין די ימי הספירה. ווייל א מנחת שעורים איז נישט כשר פאר א מנחה נאר פאר א סוטה, און פאר דעם עומר וואס איז געווען פון שעורים. דעריבער לערנט מען די מסכת אין די טעג.

• **מנהגי 'חתם סופר'**: ס'זענען דא וואס לערנען מס' ס' סוטה אין די ספירה טעג, ווייל די מסכת האט ניין און פערציג בלאט כמנין ימי הספירה, צו לערנען יעדן טאג א בלאט.

## במשנת רבוה"ק מבעלזא

### פסח שני

**• פסח שני בציבור**

• **אוצר יד החיים**: בשם **כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** אויף דעם וואס מ'זאגט אין די הגדה, '**זכר למקדש כהלל** וכו', **לקיים מה שנאמר על מצות ומרורים יאכלוהו**'. דארף מען פארשטיין ווייל דער פסוק שטייט דאך ביי פסח שני? נאר דאס איז א תפילה וואס מיר בעהטן אז מיר זאלן נאך דאס יאהר זוכה זיין צו עסן די מצה מיט'ן קרבן פסח שני. **אד"ק**. ווען דער בעל 'שואל ומשיב' זצ"ל האט געהערט דאס ווארט האט ער געפרעגט, דער רמב"ם פסק'נט דאך אז "יחיד נדחה ואין ציבור נדחין"? שפעטער ווען כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע האט געהערט די קשיא האט ער געזאגט ס'איז א פלא אז דער "שואל ומשיב" האט פארזעהן דעם ירושלמי (פסחים פרק מי שהי' ה"א) ניתן לבנות בית המקדש. "יחיד עושה פסח שני ואין ציבור עושין פסח שני. רבי יהודה אומר אף ציבור עושין פסח שני". דעריבער קען מען זאגן אז דער בעל הגדה האט מכוון געווען לשיטתו פון רבי יהודה...

## מאוצרות הצדיקים

### פסח שני

**• וואס איז פסח שני**

ס'שטייט אין פ' בהעלותך, ווען די אידן האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח אין מדבר, די צווייטע

<<<<<<<



# מײַן שבת אוצר



יאהר פון יציאת מצרים, זענען געווען געוויסע מענטשן וואס זענען געווען טמא צו א מת, און האבן נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח, זענען זיי געקומען צו משה און אהרן און האבן געפרעגט למה נגרע, פארוואס זאלן מיר פארמינערט ווערן און נישט קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח? כאטש די הלכה איז אז א טמא'נער מענטש טאהר נישט מקריב זיין קרבן, איז געווען זייער טענה, אז אזוי ווי דעם זיבעטן טאג פון זייער טומאה איז אויסגעפאלן אין ערב פסח, און ביינאכט, ווען ס'וועט זיין די זמן פון אכילת פסח, וועלן זיי שוין זיין טהור, זאלן טהור'ע כהנים שחט'ן און שפריצן די בלוט פון זייער קרבן פסח און זיי וועלן קענען עסן ביינאכט פון זייער קרבן.

משה רבינו האט נאכנישט געהערט פון באשעפער וואס דער דין איז אין אזא פאל, האט ער געענטפערט, זיי זאלן ווארטן, ער וועט פרעגן פון באשעפער וואס מ'זאל טוען? חז"ל זאגן, אז באמת וואלט די פרשה געדארפט געזאגט ווערן צו משה פונקט ווי אנדערע פרשיות, נאר די מענטשן האבן געהאט א זכי' אז די פרשה זאל געזאגט ווערן דורך זיי, מגלגלין זכות על ידי זכאי, א גוטע זאך קומט דורך ערליכע מענטשן.

האט דער באשעפער געזאגט צו משה, אז מ'קען נישט שפריצן די בלוט וועגן זיי, נאר די עצה איז, אז אלע מענטשן וואס זענען טמא אין י"ד ניסן, אדער זיי זענען געווען אינדרויסן פון די עזרה און האבן געהאט אן אונס אז זיי האבן נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח, זאלן דאס מקריב זיין י"ד אייר נאכמיטאג, און דאס עסן ביינאכט, ד.ה. ט"ו אייר. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: (במדבר ט) **"דבר אל בני ישראל לאמור איש איש כי יהיה טמא לנפש או בדרך רחוקה לכם או לדורותיכם ועשה פסח לד': בחודש השני בארבעה עשר יום בין הערבים יעשו אותו על מצות וממרורים יאכלוהו"**. דער טאג ווערט גערופן פסח שני, ווייל מ'איז מקריב דעם קרבן אין חודש אייר, דער צווייטער חודש וואס מ'ציילט פון חודש ניסן.

אין די גמרא איז דא א מחלוקת, ווער ס'זענען געווען די מענטשן וואס האבן געפרעגט די שאלה פון משה, טייל זאגן, אז דאס זענען געווען די וואס האבן געטראגן יוסף הצדיק'ס ארון (צו קענען אים באערדיגן אין ארץ ישראל), טייל זאגן, אז דאס זענען געווען מישאל און אלצפן, וואס האבן זיך מטמא געווען ארויסצונעמען נדב ואביהוא פון קדשי קדשים, ווען זיי זענען נפטר געווארן ביום הקמת המשכן.

ס'שטייט אין ספר החינוך, אז לכאורה פארוואס פונקט ביי די מצוה פון קרבן פסח האט די תורה געגעבן א צווייטער זמן, אז ווער ס'האט נישט געקענט ברענגען דעם קרבן דעם ערשטן זמן, זאל דאס קענען משלים זיין אין א צווייטער זמן, א זאך וואס מ'געפינט נישט ביי קיין שום מצוה. ענטפערט דער חינוך, ווייל די מצוה פון קרבן פסח איז דער יסוד פון אונזער אמונה, ווייל די ניסים פון יציאת מצרים האבן געוויזן אז ס'איז דא נאר איין איינציגער באשעפער וואס קוקט זיך אום אויף די גאנצע וועלט, און ער שטראפט די רשעים, און גיט שכר פאר די צדיקים, דעריבער האט דער באשעפער געוואלט אז ממש יעדער איד זאל מקיים זיין די מצוה, אפילו דער וואס האט נישט געקענט מקריב זיין דעם פסח ראשון צוליב א אונס, זאל דאס מקריב זיין אין פסח שני.

## פסח שני-א יום טוב

כאטש דער יום טוב איז דאך נאר פאר די וואס



האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח שני, שטייט אבער אין מגילת תענית (א ברייתא מתקופת בית שני פרק ב') דערמאנט דער טאג אלס, "פסח זעירא", —דער קלײנער פסח, "דלא למספד ודלא לאתענאה", —וואס אין דעם טאג איז מען נישט מספיד און מ'פאסט נישט.

• **'יעב"ץ'** (סידור "בית יעקב" לרבי יעקב עמדין, סדר חודש אייר אות כא:) מ'האט מיר מגלה געווען פון הימל דעם טעם פארוואס האט די תורה אויסגעקליבן פונקט י"ד אייר אויף מקריב צו זיין דעם קרבן פסח שני. ווייל די אידן האבן געגעסן פון די שיירי מצה ומרור ביז י"ד אייר און דעם אנדערן טאג איז שוין געפאלן דער מן. קומט אויס אז דער נס פון יציאת מצרים האט זיך געצויגן ביז י"ד אייר, דעריבער אז איינער האט נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן ביים אנהייב פונעם נס זאל דער דאס מקריב זיין ביים ענדע פונעם נס. (זעה פריער אין די כתבים פון בילגורייא רב זי"ע)

• **מדרש** (פסיקתא דר' כהנא פר' כ"ח): פסח שני איז א יום טוב, ווייל אין יעדן חודש פון יאהר האט דער באשעפער באשטימט א יום טוב פאר אידן [אויסער אין תמוז, אב, אלול, ווייל ס'איז אוועק גענומען געווארן צוליבן עגל וואס מ'האט געמאכט אין תמוז, און די ימים טובים פון די דריי חדשים וואס פעהלט האט מען משלים געווען אין תשרי, וואס האט אין זיך דריי ימים טובים, ראש השנה, יום כיפור און סוכות, און שמיני עצרת איז א פערטער יום טוב וואס איז פאר'ן חודש תשרי זעלבסט] און דער מדרש רעכנט אויס אז אין חודש אייר האט דער באשעפער באשטימט דעם יום טוב פון פסח שני.

אויך וויבאלד אין די צייטן פון ביהמ"ק איז געווען א פריילכער טאג פאר די וועלכע האבן דעמאלט געקענט מקיים זיין די מצוה פון קרבן פסח, איז געבליבן דער טאג אלס א יום טוב. ס'איז פאסיג אז מ'זאל אין דעם טאג לערנען די פרשת היום (במדבר ט:ט-יב) און די הלכות פון קרבן פסח שני.

## עסן מצה ביום ט"ו אייר

ס'איז א מנהג צו עסן פסח שני, י"ד אייר מצה אלס א זכר צו שחיטת קרבן פסח שני. פרעגן די ספרים, לויט דעם וואלט מען געדארפט עסן די מצה ט"ו אייר ביינאכט, ווייל דעמאלט האט מען געגעסן די פלייש פון קרבן פסח שני און מ'האט געדארפט עסן א כזית מצה צוזאמען מיט די פלייש, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (במדבר ט:יא) "על מצות ומרורים יאכלוהו", און נישט י"ד אייר ווען מ'האט מקריב געווען דעם קרבן?

דער **'כלי חמדה'** (פ' ואתחנן) וויל ענטפערן בדרך אפשר, פארוואס מ'עסט מצה י"ד אייר, און נישט ט"ו וואס איז דער זמן אכילת פסח שני. ווייל ס'קען זיין א חשש צו עסן מצה ווען מ'איז נישט מחוייב צוליב 'בל תוסיף', —אז מ'איז מוסיף אויף די מצוה פון מצה. ווייל אינמיטן יאהר ווען ס'איז נישט דער זמן פון די מצוה איז נישטא קיין 'בל תוסיף' נאר ווען מ'האט אינזינען צו עסן לשם מצוה, אבער אין ט"ו אייר וואס איז יא שייך ס'זאל זיין דער זמן פון די מצוה, ווייל בזמן הבית, זענען די וואס האבן געגעסן דעם פסח שני אויך געווען מחוייב מיט צו עסן מצה, קען דעמאלט זיין א שאלה פון 'בל תוסיף', דערפאר עסט מען נישט מצה אין ט"ו באייר, נאר אין י"ד וואס דעמאלט איז געווען דער זמן פון די הקרבה, נישט פונעם עסן די מצה, ממילא איז נישטא קיין שאלה פון 'בל תוסיף'.

<<<<<<<

"דכפין" אזוי ווי ביי פסח ראשון, און מיין טאטע דער אביר יעקב ז"ל, האט געהאט א ספק צו מ'דארף מפקפק זיין צו עסן צלי בפסח שני.

## • עת רצון

ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז פסח שני גייט ארויס א כרוז (מ'רופט אויס) פון הימל, אז ווער ס'האט נאכנישט געקענט זעהן די שכינה ביז יעצט, זאל קומען און זיך דערנענטערן צו די שכינה פאר מ'פארשליסט די טויערן, ווייל נאך זיבן טעג פארשליסט מען די טויערן. ווענגן דעם שטייט פון הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאבעל זי"ע אז די זיבן טעג נאך פסח שני, זאגט מען נישט קיין תחנון, וויבאלד די טויערן זענען אפן, זענען דאס ימי שמחה.

## • די מעלה פון פסח שני

דער הייליגער זיידע דער 'דברי חיים' פון צאנז זי"ע האט נישט געזאגט תחנון אלע זיבן טעג, (אזוי ווי ס'שטייט אין זוה"ק, אז די זיבן טאג פון פסח שני זענען אלע טויערן אין הימל אפען). דארף מען פארשטיין וואס איז אייגנטליך די שמחה? ס'איז דאך נישט א קרבן ציבור, איז וואס דארפן מיר זיך פרייען צוליעב די מועטין וואס האבן נישט מקריב געווען דעם קרבן פסח בזמנו? ווען רוב ישראל האבן יא מקריב געווען דעם פסח כדת וכדין?

נאר מ'קען דאס פארשטיין אזוי: ווען א איד האט מקריב געווען דעם פסח ראשון, און ער האט זיך מתבונן געווען אז דער אכילת הפסח, איז נישט געווען אזוי ווי ס'דארף צו זיין, נאר אן אכילה גסה וכדו', איז ווען ס'קומט פסח שני, און ער זעהט ווי די טמאים זענען מקריב דעם פסח שני, איז ער זיי מקנא, און ער זאגט: הלואי וואלט איך צינד געקענט מקריב זיין נאכאמאהל דעם קרבן פסח, און די דאזיגע מחשבה טובה איז דער באשעפער מצרף למעשה. קומט אויס אז אלע אידן מאכן דעם קרבן פסח שני, ווייל אלע אידן האבן דאך די דאזיגע גוטע מחשבה, און דעריבער זענען אלע טויערן אפען אין הימל אין די דאזיגע טעג. און צוליעב דעם טעם איז דער מנהג צו עסן פסח שני מצות, מתקן צו זיין דעם אכילת המצה פון פסח ביינאכט וואס מ'האט נישט געגעסן כראוי, און דאס איז די מעלה פון פסח שני. *(כ"ק אדמו"ר מצאנז-קלויזנבורג זצוק"ל)*

## • ס'איז נישט א מקרה אבוד

צדיקים האבן געזאגט אז פון פסח שני, קען מען לערנען אז ס'איז נישטא א "מקרה אבוד"—א פארלוירענער פאסירונג, און מ'קען שטענדיג פאררעכטן. ווייל אפילו דער וואס איז געווען טמא אדער בדרך רחוקה, און אפילו 'לכם', אז די זאך איז געווען געוואנדן אין אים [ווייל די אידן זענען געקומען בעהטן פון משה רבינו אז זיי ווילן מקריב זיין דעם קרבן פסח] פונדעסטוועגן קען מען שטענדיג מתקן זיין.

## • תנחום און חתן

הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע פלעגט פארציילן מילתא דבדיחותא וואס פאר'ן המון עם האט דאס אויסגעזעהן ווי פשוט'ע ווערטלעך, אבער ער האט דערין מכוון געווען גאר גרויסע זאכן. איינמאהל י"ד אייר, פסח שני, איז דער צאנזער רב דער "דברי חיים" זי"ע, געשטאנען אונטער די טיהר, און געהערט ווי דער קאמינקער רב פארציילט א מעשה מיט א דארפסמאן וואס



האט געהייסן תנחום, און וויאזוי ער איז געווארן אן חתן, און אזוי האט ער פארציילט די מעשה מיט פארשידענע ווערטלעך און דער עולם האט הנאה געהאט און געלאכט. דער הייליגער "דברי חיים" וואס האט פארשטאנען זיינע ווערטלעך האט זיך אנגערופן צו די אנוועזנדע: "איר האט געהערט? דער קאמינקער רב איז דאך אייך מגלה גרויסע סודות, אז אינעם היינטיגן טאג (פסח שני) דארף מען אינזין האבן מיט א כוונה, און ווען מ'זאגט נאך ספירת העומר דער מזמור 'למנצח בנגינות', ביים ווארט 'תנחם', און אין די תפלה 'אנא בכח' ביים ווארט 'חסין'. און דאס פארציילט אייך דער קאמינקער רב איבער א מעשה פון א 'תנחום' און א 'חסין' וואס הערט זיך ווי 'חתן'..." *(אוהב שלום פ' עמ' קכ"ד)*

## • די טויערן פון הימל זענען אפען

די הייליגע ספרים ברענגען פון זוהר הק' אז די וואך פון 'הוד' ביי ספירת העומר "**תרעין פתיחין**"—זענען די טויערן אין הימל אפען, ווייל פסח שני גייט ארויס א כרוז פון הימל אז די קומענדיגע זיבן טעג זענען די טויערן אפען. די ספרים הק' פרעגן אז באמת שטייט פון פסח ראשון זענען שוין אפען די טויערן, וואס איז די וואך פון הוד אנדערש פון די פריער'דיגע טעג. נאר ס'שטייט אין ספר "עבודת ישראל" פונעם קוזשניצער מגיד, אויפ'ן פסוק "החיים והמות נתתי לפניכם וגו' ובחרת בחיים"—אז מיט די ווערטער 'ובחרת בחיים' וואס דער באשעפער האט געזאגט פאר אידן, האט ער אריין געגעבן אין די אידן דער כח צו קענען טאקע בוחר זיין בטוב, בוחר זיין בחיים. אזוי אויך דא, דער כרוז [אויסרופינג] וואס ס'גייט ארויס פסח שני דאס גיט אריין א כח אין אידן אז זיי זאלן זיך קענען אריין כאפ'ן אויף צוריק בשעת ס'איז נאך 'תרעין פתיחין'. א פתח איז סיי אויף הכנסה און סיי אויף הוצאה, ביי פסח שני שטייט: "איש איש כי יהיה טמא לנפש או בדרך רחוקה לכם ועשה פסח לה'",—"פסח"—איז פונעם לשון דילוג,—איבערשפרינגען. אפילו דער וואס זיין נפש איז נישט ריין אדער דער וואס ער שטייט פון דערווייטענס, קען ער זיך אויך יעצט אומקערן אויף צוריק צום באשעפער, אז ס'איז תרעין פתיחין קען ער געבן א שפרינג אויף צוריק צו די קדושה. ס'איז א גרויסע וואך, די וואך פון הוד, תרעין פתיחין ובפרט ל"ג בעומר, דער באשעפער זאל טאקע העלפן ס'זאל זיך עפענען שערי רחמים און פון די אפענע טויערן זאל אויך ארויסגיין א שפע רב און מ'זאל אויספועלן אלעס גוט'ס מיט א ישועה פאר כלל ישראל. *("שפע חיים"-ליל פסח שני)*

## • "קדושה פון פסח ראשון האט זיך צעשפרייט ביז פסח שני..."

**אנחנו טמאים לנפש אדם, למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו...". (בהעלותך ט:ז)**

פרעגט דער "חידושי הרי"ם" וואס איז געווען זייער טענה "למה נגרע"?—זיי זענען דאך געווען אנוסים, און א אונס האט דאך די תורה גע'פטר'ט. נאר דער אמת איז, אז זיי זענען טאקע געווען פטור פון מקריב צו זיין א קרבן פסח. אבער זייער השתוקקות צו קענען מקיים די מצוה פון מקריב זיין דעם קרבן פסח איז געווען אזוי גרויס, אז ס'איז זיי ממש געגאנגען אין לעבן, און די השתוקקות האט מיט זיך געברענגט א נייע מצוה, די מצוה פון פסח שני. זייער טענה "למה נגרע"—האט ארויסגעשריגן פון זייער הארץ, און דאס

<<<<<<<

>>>>>>>

האט געברענגט, אז די קדושה פון פסח ראשון האט זיך צעשפרייט ביז צו פסח שני.

## מאוצרות הצדיקים

### י"ד אייר

**• הילולא התנא רבי מאיר בעל הנס...**

י"ד באייר איז אנגענומען, איז די הילולא פונעם הייליג'ן תנא רבי מאיר בעל הנס זי"ע ועכי"א. טייל זאגן אז ער איז טאקע נפטר געווארן אין דעם טאג, אנדערע זאגן אז די תושבי טבריא, האבן אויסגענוצט די נאענטקייט פון י"ד אייר צו ל"ג בעומר די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, ווען ס'געפונען זיך דעמאלט



מאסן מענטשן אין צפון טייל פון ארץ ישראל, האט מען דעריבער 'באשטימט' י"ד אייר [פסח שני] אלס דער יום ההילולא פון רבי מאיר בעל הנס.

**• אלקא דמאיר ענני**

די גמרא (עבודה זרה יח.) דערציילט אז מ'האט געכאפט און אייגעשפארט אין תפיסה די שוועסטער פון די פרוי פונעם תנא רבי מאיר, און ער האט איר געוואלט אויסלייזן פאר אסאך געלט. האט ער געגעבן פאר'ן היטער פון די טורמע אויסלייז געלט א האלבן סאה דינרים, און אים געזאגט אז פון די האלבע סומע געלט זאל ער משחד זיין יעדן וואס וועט אויף אים מלשין זיין. פרעגט אים דער היטער, און וואס וועל איך טוען ווען דאס געלט וועט זיך ענדיגן, מ'וועט דאך מיך כאפן און ארייווארפן אין א גרוב מיט געפערליכע הינט וואס וועלן מיך פארציקן? האט רבי מאיר אים געזאגט, ער זאל זאגן "אלקא דמאיר ענני", [ג-ט פון רבי מאיר העלף מיר] און ער וועט געראטעוועט ווערן פון אלעס שלעכט. זאגט דער היטער, "פון וואו ווייס איך אז ס'איז טאקע אזוי?" האט רבי מאיר געווארפן א שטיין אויף די הינט, און זיי זענען געשפרינגען אים צו אטאקירן, אבער אזוי ווי ער האט געזאגט 'אלקא דמאיר ענני', האט גארנישט פאסירט. ווען דער היטער האט דאס געזעהן, האט ער באפרייט די שוועסטער פון זיין פרוי די כשרה און הצנועה. א צייט שפעטער האט זיך דער קיסר דערוואוסט אז דער היטער פון די תפיסה האט באפרייט די שוועסטער פון די פרוי פון רבי מאיר, האט ער געהייסן מ'זאל אים הענגען. ווען מ'האט געלייגט דעם שטריק ארום זיין האלדז, האט דער היטער געזאגט: 'אלקא דמאיר ענני', און מ'האט אים נישט געקענט הענגען. האט זיך דער קיסר געוואונדערט דערויף און געפרעגט דעם היטער דעם סוד פון די זאך, האט אים דער היטער דערציילט די גאנצע מעשה.

**• כל "אחרים" שבש"ס - הוא רבי מאיר**

ס'איז באקאנט אז ווי ס'שטייט אין ש"ס "אחרים אומרים", איז די כוונה אויף רבי מאיר בעל הנס. טייל זאגן ווייל ער האט געלערנט תורה פון אלישע וואס ווערט גערופן 'אחֵר'. אנדערע זאגן צוליעב א מעשה וואס האט מיט אים פאסירט: ווען דער קיסר האט געהערט אז רבי מאיר האט געראטעוועט דעם היטער פון די תפיסה, איז ער אנטלאפן. האט דער קיסר באפוילן אז מ'זאל אויסקריצן דאס געשטאלט פון רבי מאיר אויף א בלעך (ס'איז דערמאלט נאכנישט געווען פאטאגראפיע), און מ'האט דאס אויפגעהאנגען ביים טויער פון רומי, און געמאלדן אז דער וואס וועט זעהן דעם געשטאלט זאל באלד מעלדן פאר'ן קיסר. אמאהל האבן די פאליציי אים באמערקט און זענען אים נאכגעלאפן, איז רבי מאיר אריינגעלאפן אין א גוי'אישע רעסטאראנט, און געהייסן מ'זאל אים סערווירן עסן פון א חזיר. און רבי מאיר האט איינגעטינקען זיין פינגער אין די זאפט פונעם עסן, אויפגעהויבן זיין פינגער צום מויל און געגעבן אן אנדערן פינגער. ווען די פאליציי האט דאס געזעהן האבן זיי באשלאסן אז ס'איז זיכער נישט רבי מאיר, נאר 'אחֵר'—אן אנדערער. [ווייל א איד עסט נישט חזיר] און זיי האבן אים אפגעלאזט. דעריבער ווערט רבי מאיר אנגערופן מיט'ן נאמען "אחרים".

## מאוצרות הצדיקים

### מברכין תענית בה"ב

**• "מי שבירך-תענית בה"ב"**

דעם שב"ק פ' אחרי- קדושים, פאר תפילת מוסף, בענטשט מען תענית בה"ב. מ'מאכט א "מי שבירך" פאר די וואס האבן זיך אונטערגענומען צו פאסטען **תענית בה"ב**. נאכ'ן זאגן יהללו...כי נשגב ה' לבדו. זאגט דער חזן: "**מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן דוד ושלמה, הוא יברך את כל מי שיקבל עליו להתענות תעניות שני וחמישי ושני. בשכר זה הקב"ה ישמרם**




**ויצילם מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם, ויקבל תפילותיהם ויאזין שוועותיהם עם כל ישראל אחיהם ונאמר אמן**". דערנאך זאגט מען ווייטער דעם פסוק "הודו על ארץ ושמים וגו'" און מ'שטעלט צוריק אריין די ספר תורה אין ארון קודש. דער וואס ענטפערט אמן נאך דעם "מי שבירך" און ער האט אינזין צו פאסטען איז פונקט ווי ער וואלט אויסדריקליך גענומען אויף זיך דעם תענית. ווייל דער תענית דארף מען מקבל זיין פון פריער, און נישט שפעטער ווי מנחה פון א טאג פריער.

### די סליחות פון בה"ב

די וואכן טעג **מאנטאג, דאנערשטאג און מאנטאג**, וואס זענען נאך ראש חודש אייר זענען טעג פון תפלה, סליחות און תענית, זיי ווערן גערופן "**תענית בה"ב**". אויף די נעמען פון די טעג ווען זיי זענען בעשטימט. **ב**,—מאנטאג. **ה**,—דאנערשטאג און **ב**,—מאנטאג, א

<<<<<<<

<<<<<<<

וואך שפעטער. אין די סליחות וואס מ'זאגט אין בה"ב, זענען דא וואס בייטן דעם פיוט פון "מכניסי רחמים" און זאגן אנשטאט דעם, "ישראל נושע",—א פיוט וואס שטייט ביי דאנערשטאג. און "מכניסי רחמים", זאגן זיי דאנערשטאג. ווייל אין מאנטאג זענען באשאפן געווארן די מלאכים, וויל מען זיי נישט דערמאנען דירעקט אין דעם טאג, ס'זאל נישט אויסקומען אז די תפלה איז געווענדן צו זיי, ווייל אין די צייט האבן זיי א שטארקייט, און אונזערע תפלות און אויגן זענען געווענדן נאר צום באשעפער אליין. "**ישראל נושע בה'**",—קיינער אויסער דער באשעפער.

## • פארוואס זענען די טעג באשטימט פאר תפלה ותענית?

**אין די ראשונים איז דא פארשידענע טעמים פארוואס מ'פאסט תענית בה"ב. א)** דער **טור** (סי' תצ"ב) זאגט, וויבאלד אין די יום טוב טעג איז מען עוסק במשתה ושמחה,—מ'עסט און מ'טרינקט און מ'פרייט זיך, איז מעגליך אז אפשר איז מען דורכדעם געקומען צו לייכטזיניגקייט און צו קלות ראש. פאסט מען ס'זאל מכפר זיין דערויף. מ'שטעלט דאס צו צום פסוק (תהלים ב:יא), "**עבדו את ה' בשמחה, וגילו ברעדה**",—דינט דעם באשעפער מיט פרייד, פרייט זיך מיט ציטער. דארט וואו ס'איז דא שמחה, דארף זיין רעדה,—מיט פאסטן. דאס זעלבע האט איוב געזאגט, ווי ס'שטייט: (איוב א:ה) "ויהי כי הקיפו ימי המשתה וישלח איוב ויקדשם והשכים בבוקר והעלה עולות מספר כולם כי אמר איוב אולי חטאו בני וגו'"—ווען ס'איז געקומען די צייט פון סעודות מיט פרייד, האט איוב זיך אויפגעהויבן גאנץ פרי, געברענגט קרבנות, זאגנדיג, אפשר האבן מיינע קינדער געזינדיגט.

**ב) תוספות** (קידושין פא.) זאגט: וויבאלד אין די ימים טובים איז דער מנהג אז יעדער גייט אין שוהל לכבוד יום טוב, איז אפשר איז מען נכשל געווארן בהסתכלות אסורות.

**ג)** וויבאלד יום טוב זענען א טייל מלאכות מותר און א טייל אסור, ובפרט אין די טעג פון חול המועד, איז זייער לייכט נכשל צו ווערן אין אן איסור מלאכה.

דער '**מרדכי**' זאגט: מ'פאסט חודש חשון צוליעב 'יורה',—דער ערשטער רעגן וואס קומט אראפ אויף די געוויקסן וואס מ'האט איינגעזייעט, ס'זאל זיין לברכה, און חודש אייר פאסט מען כדי די תבואה אין די פעלדער זאלן נישט געשלאגן ווערן און זיך גוט צייטיגן.

## מאנטאג און דאנערשטאג זענען ימי רצון

און ווייל די טעג פון מאנטאג און דאנערשטאג פון יעדע וואך זענען ימי רצון, און מ'לייענט דעמאלט אין די תורה, האט מען אויסגעקליבן די טעג צו פאסטן. [מ'איז אויך מאריך בתחנון און מ'פאסט, ווייל ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל מקבל זיין די לוחות אחרונות, איז ער ארויף ביום חמישי, און אראפגעקומען ביום שני, און די פערציג טעג זענען דאך געווען ברצון, דעריבער זענען יום ב' וה' געבליבן ימי רצון פאר אידן. (תוס' ב"ק דף פ"ב.)].

נאך א טעם ווערט געברענגט: אין די טעג פון נאך פסח




און נאך סוכות טוישן זיך די וועטערן, איז מען מתפלל און מ'פאסט אז דער באשעפער זאל שטארקן אונזערע קערפער'ס.

דער '**לבוש**' זאגט: מ'זאל פאסטן צוועלף תעניות-ציבור דורכ'ן יאהר, א טאג פאר יעדן חודש. יום כיפור, שבעה עשר תמוז. תשעה באב. צום גדלי', עשרה בטבת, תענית אסתר, און צוויי מאהל בה"ב, לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען וועט דער באשעפער איבערדרייען די טעג לששון ולשמחה.

## • מ'הויבט אהן דעם תענית פון מאנטאג

פארוואס הויבט זיך אהן דער תענית פון מאנטאג און נישט פון דאנערשטאג? ווייל די משנה (תענית ב:ט) זאגט: "אין גוזרין תענית על הציבור בתחילה בחמישי שלא להפקיע השערים",—מ'איז נישט גוזר תענית אנגעהויבן פון דאנערשטיג, ווייל אויב ס'וועט זיך אנהויבן דאנערשטיג, וועלן די מענטשן וואס קויפן שפייז אויף אויסצופאסטן, אויך איינקויפן זייערע שבת געברויכן, וועט דער פארלאנג פאר שפייז ווערן גרויס, און מ'וועט מיינען אז ס'איז א הונגער ח"ו, און די פרייזן וועלן זיך שטארק הויבן.

## • נישט עסן פלייש בימי בה"ב

כ"ק **מרן מהר"א מבעלזא זי"ע** האט מקפיד געווען מ'זאל נישט עסן פלייש אין די טעג פון בה"ב. הרה"ח ר' מענדל'ע לוריא ע"ה האט דערציילט: ווען ער איז געווען דער אחראי אויפ'ן עסן פאר די תלמידי הישיבה, [אין ישיבה דחסידי בעלזא, ירושלים] האט מרן זי"ע געשיקט אים זאגן: "**מ'זאל נישט געבן צו עסן פלייש פאר די תלמידים אין די טעג פון בה"ב**".

## • אכילת בשר

דער משמש בקודש הרה"ח רבי יצחק לאנדא ז"ל שרייבט: (ספר 'בקודש פנימה' חלק א'). יחידי סגולה האבן זיך געפיהרט צו פאסטן, תענית בה"ב נאך סוכות און נאך פסח. אמאהל אין איינע די בה"ב טעג האט מיך מרן [מהר"א] זי"ע, געפרעגט וואס איך האב היינט געגעסן? האב איך געזאגט אז איך האב געגעסן בשר עוף. האט מיר מרן זי"ע מיט א קרעכץ געזאגט: "**אה, אידן פאסטן און עטס עסט פלייש???**

## • סליחות

בימי תענית בה"ב, און ביי אנדערע תעניות, האט מרן זי"ע געזאגט אין זיין צימער א טייל פון די באשטימטע סליחות פאר יענעם טאג.

## • דער אפטער רב איז מכריז א תענית בה"ב

אין יאהר תקפ"ד האט דער אפטא רב אויסגערופן א תענית בה"ב. אין יענער תקופה, ווי מ'איז זיך משער, איז געווען די ספעציעלע געזעצן פאר אידן רעכטן, וואס האט געהאט אין אסאך סעיפים, וועגן באגרעניצן רעכטן פון אידישע קינדער, אוועקנעמען זייערע קרעטשמעס און אז זיי טאהרן מער נישט וואוינען אין די דערפער, נאר אין שטעט. דער אפטער רב האט דעמאלט אויסגערופן א תענית. דער בריוו איז ארומגעשיקט געווארן צו פיהלע אידישע קהילות, נאך צדיקי ורבני דורו האבן זיך מצטרף צום תענית, און ס'איז אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל. טראץ וואס דער אפטער רב איז געוועהנליך געווען א קעגנער פון תעניתים, אבער דא ביי דעם תענית האט ער

<<<<<<<

## מײַן אוֹצָר... ספירת העומר... פסח שני... בה"ב

<<<<<<<

זייער מחמיר געווען, און געהייסן אפילו שוואכע מענטשן זאלן אויך נישט מקיל זיין דערין. ווען דער אפטא רב האט מיט א צייט שפעטער זיך געטראפן אין בארדיטשוב מיט הרה"ק רבי איציק'ל פון נעסכיז, האט ער אים געפרעגט צו מ'האט געפאסט אין בארדיטשוב אינעם טאג פונעם תענית. האט ער געענטפערט: יא, אין בארדיטשוב האט מען דאס אנגענומען, מ'האט געפאסט, זיך מתודה געווען און געזאגט מעמדות. האט אים דער אפטא רב געזאגט: "אויב וואלט איך געהאט כח גוזר צו זיין נאך א תענית בה"ב, וואלט זיכער געווען גאר גאר גוט".

### מכתבי הגה"ק מבילגורייא זי"ע



הייליגע טכועסן און דערציילונגען פון רבותינו הק' מבעלזא ארויס געטעפט פון די הייליגע כתבים פונעם בילגורייא רב זי"ע

### י"א אייר

#### יו"ד של הרה"ק רבי נפתלי מראפשיץ זי"ע

אין שנת תרנ"א לפ"ק איז נפטר געווארן דער גאון רבי יצחק אהרן איטינגא זצ"ל אב"ד לבוב וואס איז געווען דער נשיא פון ארץ הקודש, און דעמאלט איז פארגעקומען די אסיפה אין לאנצוט יצ"ו ווי דער זיידע ז"ל [מרן מהר"י זי"ע] האט אנטייל גענומען, און הג"ד יצחק לייב סופר איז באשטימט געווארן אלס דער נייער נשיא פון ארץ הקודש. האט מיר דערציילט ר' מאיר שטיינבאק נ"י [ע"ה] פון ליזענסק, אז די אסיפה איז פארגעקומען י"א אייר, וואס אין דעם טאג איז די יאהרצייט פון הרה"ק מראפשיץ זי"ע ועכ"י וואס ליגט אויך אין לאנצוט, און דער זיידע ז"ל איז געווען אויף זיין ציון.

### פסח שני

דער מנהג אין בעלזא איז צו עסן מצה פסח שני אויך אין די נאכט פון ט"ו אייר. [אין צוגאב צו י"ד אייר], ווייל דער וואס האט מקריב געווען א קרבן פסח אין פסח שני, האט דאס געגעסן בליל ט"ו אייר פסח מיט מצה (פסחים צה.).

דער טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] האט געזאגט א טעם פארוואס מ'פיהרט זיך צו עסן מצה ביום י"ד אייר? לויט וואס רש"י זאגט (שמות טו:א) "אז די אידן האבן געגעסן פון די איבערגעבליבענע טייג אדער איבערגעבליבענע מצה, וואס מ'האט ארויסגענומען פון מצרים, איין און זעכציג סעודות, (עיין עוד קידושין לח. מכילתא פ' בשלח) און ס'שטייט אז יום י"ד באייר איז געווען דער לעצטער טאג וואס אידן האבן געגעסן, פון וואס זיי האבן ארויסגענומען פון מצרים, עסט מען דעריבער מצה אויך י"ד באייר, צו מאכן אן אנדענק צו די עוגות מצות וואס מ'האט ארויסגענומען פון מצרים. אדקז"ל.

האט רבי יוס'לע יארטשובער [ז"ל הי"ד] געזאגט אויף די דברי תורה פונעם טאט'ן ז"ל, אז דער 'יעב"ץ' (סידור "בית יעקב" לרבי יעקב עמדין, סדר חודש אייר אות כא:) זאגט, אז אויך ט"ו באייר האבן אידן געגעסן פון די עוגות מצות וואס זיי האבן ארויסגענומען פון מצרים, און דעמאלט איז געווען די לעצטע סעודה פון די דאזיגע עוגות מצות. אבער מ'קען פארשטיין די כוונת הדברים פונעם טאט'ן ז"ל, פארוואס מ'עסט צוויי מאהל מצה פסח שני, יום י"ד אייר און ביינאכט ט"ו אייר. ער האט געזאגט, אז דאס איז צו מאכן א זכר פאר די לעצטע סעודה וואס מ'האט געגעסן פון די מצה וואס מ'האט ארויס גענומען פון מצרים, און אויך לזכר די מצה וואס מ'האט געגעסן מיט'ן קרבן פסח וואס מ'האט מקריב געווען פסח שני.

*(פארזעצונג אי"ה)*

## מײַן אוֹצָר... מורא מקדש

**את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו אני ה' (קדושים כו:ב)**

דער 'ילקוט הגרשוני' ערקלעהרט די סמיכות פון שבת מיט מורא מקדש,—הייליגקייט פון א שוהל. אידן ווערן אנגערופן בנים למקום,—קינדער צום באשעפער, און שמירת שבת איז א באווייז דערצו, ווייל א קענכט טאהר זיך נישט באנוצן מיטן 'שרביטו של מלך' נאר א איד און שבת איז שרביטו של מלך, דעריבער מעגן נאר אידן היטן שבת אבער נישט קיין גוים, ווייל זיי הייסן נישט בנים למקום. דער חיד"א זאגט אז מ'קען טרעפן א לימוד זכות אויף די וואס וואַגען זיך צו רעדן אין ביהמ"ד, וואס דאס איז א איסור חמור ונורא, און דאס ערוועקט ח"ו א קטרוג אויף אידן, ווייל די גוים אין זייערע תיפלות פיהרן זיך אויף מיט דרך ארץ און יראת הכבוד. און ווייל אידן זענען בנים למקום און א קינד וואגט זיך צו רעדן ביי א טאטן אין שטוב. דאס זאגט דער פסוק "**את שבתותי תשמורו**",—איז דא א באווייז אז מ'האט א דין בנים למקום, וועסטו דאך מיינע ח"ו אז מ'מעג רעדן אין ביהמ"ד, זאגט אונז די תורה "ומקדשי תיראו",—אז מ'זאל נישט רעדן אין ביהמ"ד ווייל דאס איז זייער א הארבע זינד.

## צדיקים האבן געזאגט:

### • ער אליין איז אויך נישט גוט...

**דער הייליגער "בעש"ט"** האט געטייטשט: חז"ל זאגן "הכל אדם רואה חוץ מנגעי עצמו". "**הכל אדם רואה חוץ**",—ווען א מענטש זעהט עפעס אינדרויסן, ביי יענעם, נישט גוט. "מנגעי עצמו",—זאל ער וויסן אז ער אליין איז אויך נישט גוט אין דעם!

### • דער מדת הרחמים זאל חל זיין...

**דער הייליגער "תולדות יעקב יוסף"** האט געזאגט: ווען דער באשעפער וויל זיך מרחם זיין אויף א מענטש, שיקט ער אים צו א פאל אויף וועלכער ער אליין זאל זיך מרחם זיין, ערוועקט ער אין זיך אז דער מידת הרחמים זאל חל זיין אויך אויף אים.



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## מַיין אוֹצָר... אבות: פרק ג'

### • פארוואס מיר לערנען פרקי אבות צווישן פסח און שבועות?

ווייל אין די וואכן גרייט מען זיך מיט א ריכטינע הכנה צו "קבלת התורה", און דער עיקר תכלית פון לערנען די תורה איז דאך אויף אויסצופיהרן "למעשה", וואס אויף דעם דארף מען לערנען "פרקי אבות" צו קענען צוקומען צו "יראת שמים" און מקיים זיין די מצות התורה ווי ס'דארף צו זיין, ווייל אז מ'האט תורה אבער מ'האט נישט קיין יראה, זעהט דאס אויס ווי אן ארבייטער פון אן אוצר (ווערהויז) וואס מ'האט אים איבער געגעבן די שליסלעך פון די אינעווייניגסטע טיהרן פון די שטובער אבער מ'האט אים נישט איבערגעגעבן די שליסלעך אריינצוקומען אינעם ערשטן טויער, ממילא שטייט דער מענטש נאך אלץ אינדרויסן. דאס זעלבע איז ביי תורה אהן יראה, אפילו ער האט טאקע תורה אין זיך, אבער אויב ער האט נישט קיין יראה קען ער נישט זוכה זיין צו תורה, און דעריבער לערנט מען פריער "מסכת אבות" איידער קבלת התורה, צו ווייזן אז נאר אזוי קען מען מקבל זיין די תורה נאר אויב מ'לערנט זיך אויס די הדרכה אויף יראה פון פריער. *('קומץ המנחה' להגה"ק מפלאצק זי"ע - יומד"ה ד' אייר)*

### עקביא בן מהללאל אומר: הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. (אבות ג:א)

***—עקביא דער זוהן פון מהללאל זאגט: טראכט אריין אין די דריי זאכן, וועסטו נישט צוקומען צו טוען ח"ו אן עבירה...***

### הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. (אבות ג:א)

דער ראפשיצער רב זי"ע [יומד"ה י"א אייר] פלעגט זאגן אויף דעם מאמר חז"ל (ברכות ה.), [די גמרא רעכנט אויס דריי עצות צו באזיגן דעם יצר הרע. די דריטע עצה איז "יזכור לו יום המיתה",—ער זאל זיך דערמאנען דעם טאג פון שטארבן.] און דערפאר איז די עצה פון **"יזכור לו..."**, געגעבן געווארן צום לעצט, ווייל צו דערמאנען זיך אין "יום המיתה" ווארפט אהן פארכט און טרויער אויפ'ן מענטש, און דער באשעפער וויל נישט מ'זאל אים דינען מיט עצבות, נאר מתוך שמחה, דעריבער הייסט מען אים פריער זיך באנוצן מיט די אנדערע מיטלן, נאר באין ברירה ווען דאס העלפט נישט, דעמאלט **"יזכור לו יום המיתה"**.

### הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. (אבות ג:א)

אין ספר 'בית שמואל' אחרון שטייט: זיך איבערטראכטן אין די דריי זאכן, קען ברענגען דעם מענטש ער זאל ווערן צובראכן און פארביטערט, דעריבער קען דאס נישט העלפן נאר אויף אפצוהיטן פון זינדיגן, און נישט צו ברענגען דעם מענטש צו קיום התורה והמצוות וואס דארף געטוען ווערן מיט א שמחה של מצוה.

### הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. (אבות ג:א)

דעריבער נוצט דער תנא דעם אויסדרוק **"ידי"** עבירה, און נישט 'ואין אתה בא לעבירה', ווייל 'יד' איז טייטש נאהנט, [זעה רש"י (במדבר ב:יז) "על ידו הסמוכה לו"], וויל דער תנא זאגן אז דורכ'ן מתבונן זיין אין די דריי זאכן וועט א מענטש קענען אכטונג געבן נישט צוצוקומען צו אן עבירה, נאר אפילו נישט נאהנט צו אן עבירה. *(ספר 'דרך החיים')*

### הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. (אבות ג:א)

ס'איז באקאנט אז ווען א מענטש זינדיגט קומט די עבירה אליין און באשטראפט אים, אזוי ווי ס'שטייט (ירמי' ב:יט) "תיסרך רעתך". זאגט דער תנא מ'זאל אריינטראכטן אין די דריי זאכן, וועט מען נישט זינדיגן און מ'וועט נישט אריינפאלן אין די הענט פון די עבירה. *(כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל)*

### "הסתכל בשלשה דברים"




#### "זיי זענען ביי דיר נישט קיין מחשבות זרות..."

**א** חסידישער אינגערמאן איז אמאהל געקומען צום ראפשיצער רב זצוק"ל און זיך באקלאגט, אז ס'קריכן אים כסדר אין קאפ 'מחשבות זרות',—אומריינע, זינדיגע געדאנקען, פון וועלכע ער קען נישט פטור ווערן. האט אים דער ראפשיצער רב געגעבן פארשידענע עצות. דער אינגערמאן אבער איז יעדער מאהל צוריק געקומען און געקרעכצט, אז ס'העלפט נישט, אזוי טאג איין און טאג־אויס. ביז דער ראפשיצער רב איז שוין ארויס פון געדולד און זאגט אים: הער אויס, אינגערמאן! 'מחשבות זרות', הייסט, אז א מענטש איז שטענדיג פארטועט אין הויכע, הייליגע רעיונות, נאר טיילמאהל טרעפט זיך, אז דער יצר־הרע לאזט אין אים פלוצלינג אריינדרינגען אומריינע געדאנקען, צו וועלכע ער איז אינגאנצן נישט צוגעוואוינט, דעמאלט הייסט דאס 'מחשבות זרות',—פרעמדע געדאנקען... דו אבער, ווי איך זעה, ביסטו אריינגעטועט גאנצע טעג מיט אלע חושים אין די דאזיגע אומריינע געדאנקען, און זיי זענען ביי דיר אינגאנצן נישט קיין 'מחשבות זרות'...

***

### רבי חנניא בן תרדיון אומר: שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה, הרי זה מושב לצים, שנאמר 'ובמושב לצים לא ישב'. (אבות ג:ב)

***—רבי חנינא בן תרדיון זאגט: ווען צוויי מענטשן זיצן צוזאמען און זיי רעדן נישט צווישן זיך רייד פון תורה, איז דאס פאררעכנט פאר א פארזאמלונג פון לצים [שפאט מאכער], און מ'טאהר נישט זיצן מיט זיי, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, (תהלים א:א) [די מעלות פון אן ערליכער איד] "ובמושב לצים לא ישב",—אין א פארזאמלונג פון שפאט מאכער איז ער נישט געזיצן, נאר אין די תורה פון באשעפער איז זיין באגער. איז א באווייז אז אין דעם ארט ווי מ'לערנט נישט די תורה איז דאס פאררעכנט ווי א פארזאמלונג פון לצים.—***

### שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה... (אבות ג:ב)

**"שנים שיושבים"**, ווען צוויי אידן זיצן אינאיינעם, **"ואין"** און די מידה פון **"אין"** [וואס באדייט ענוה] **"ביניהן"**, געפונט זיך צווישן זיי, און זיי פיהרן זיך מיט ליעבשאפט און פריינדשאפט, דעמאלט, **"דברי תורה"**, ווערט דאס גערעכנט ווי דברי תורה. אבער אויב ס'איז פארקעהרט, יעדער האלט זיך פאר א **"יש"**, דעמאלט, **"הרי זה מושב לצים"**,—איז דאס א זיצונג פון לצים. *(הרה"ק רבי מנחם מנדל מווארקא זי"ע)*

### שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים. (אבות ג:ב)

ווי קען זיין אז צוויי אידן זאלן זיצן אינאיינעם און נישט רעדן דברי תורה? דערפאר זאגט די משנה: "הרי זה מושב לצים",—די סיבה איז ווייל אויף דעם פלאץ ווי זיי זיצן אצינד, זענען אמאהל געזיצן לצים, און דאס ארט איז געווארן אנגעזאפט מיט דער קליפה פון שפאט און ליצנות, אז אפילו אויב אנדערע מענטשן זיצן אויף דעם ארט, קענען זיי נישט לערנען, און די משנה ברענגט א ראי' פונעם פסוק אין תהלים: "אשרי האיש... ובמושב לצים לא ישב",—ווייל איז דער מענטש וואס איז געווארנט פון צו זיצן אויף א פלאץ ווי לצים זענען געזיצן, כדי נישט צו ווערן נאכגעשלעפט צו זייערע שלעכטע וועגן. *(הרה"ק רבי ר' זושא מאניפאלי זי"ע)*

### שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה (אבות ג:ב)

כאטש וואס יעדער פון זיי לערנט באזונדער פאר זיך, אבער אויב זיי לערנען נישט צוזאמען איז דאס נישט ריכטיג, ווייל איינער וואס האלט זיך גרויס דער קען נישט לערנען מיט זיין חבר, און דער בעל גאוה איז "אין אני והוא יכולים לדור",—דער באשעפער קען נישט מיט אים זיין צוזאמען, דעריבער איז דאס א מושב לצים. *(מדרש שמואל)*

### "הרי זה מושב לצים"

#### "דרוש נוי ואולמי"..

**ה** רה"ק רבי ברוך'ל פון מעזיבוזש זי"ע, איז אמאהל איינגעשטאנען שבת אין אן אכסניא, און ער האט בשום אופן נישט געקענט זאגן דברי תורה, האט רבי ברוך'ל געזאגט: "זיכער האט אין דעם הויז געוואוינט א רשע"! מ'האט זיך נאכגעפרעגט און אזוי איז טאקע געווען. און ער האט געזאגט, אז ס'איז מרומז אין די שבת'דיגע זמירות: "דרוש נוי ואולמי",—אויב דו וועסט אויספארשטן מיין וואוינונג, וועסטו פארשטיין די סיבה פארוואס איך בין שטום געווארן און נישט געקענט זאגן קיין דברי תורה.

***

## מַיין אוֹצָר... אבות: פרק ג'

<<<<<<<

**רבי שמעון אומר שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו עליו דברי תורה כאלו אכלו מזבחי מתים...אבל שלשה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה כאלו אכלו משלחנו של מקום ברוך הוא...(אבות ג:ג)**

***—רבי שמעון [בר יוחאי] זאגט: דריי מענטשן אדער מער וואס האבן געגעסן ביי איין טיש, און זיי האבן נישט גערעדט רייד פון תורה, [פאר אדער נאכ'ן עסן] איז דאס גלייך ווי זיי וואלטן געגעסן פון קרבנות פון טויטע [פון עבודה זרה]... אבער ווען דריי מענטשן האבן געגעסן ביי איין טיש, און זיי האבן גזאגט ביים טיש רייד פון תורה, איז דאס גלייך ווי זיי וואלטן געגעסן ביים טיש פון באשעפער.—***

### שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו דברי תורה... (אבות ג:ג).

פארוואס פונקט ביי דריי איז די משנה מקפיד מ'זאל רעדן דברי תורה? נאר ווען א מענטש איז מקיים מצות און מעשים טובים איז דא אן ענין ס'זאל זיין ברבים, ברב עם הדרת מלך, יעדער זאל זעהן און זיך אפלערנען. אבער ווען א מענטש איז פארנומען מיט גשמיות'דיגע ענינים אזוי ווי עסן און טרינקען איז בעסער ס'זאל זיין ביחיד, א מענטש פאר זיך, ווייל אסאך רוחניות'דיגע פראבלעמען קענען זיך מאכן ווען מ'עסט, און מ'טרינקט און מ'פארברענגט צוזאמען, אבער אויב מ'רעדט דברי תורה ביים טיש, ראטעוועט דאס און ס'העלפט אז מ'זאל נישט געשטרויכלט ווערן מיט קיין זינד. *(ילקוט מעם לועז)*

### שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו דברי תורה... (אבות ג:ג).

אמאהל האט איינער פון תלמידים פון הגר"א נאכגעזאגט ביי די סעודה די מימרא פון די משנה **"שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו עליו דברי תורה, כאלו אכלו מזבחי מתים"**. האט דער הגר"א געזאגט: אצינד זענט איר שוין פטור פון צו זאגן דברי תורה, ווייל די מימרא אליין איז שוין דברי תורה.

### שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו דברי תורה... (אבות ג:ג).

פארוואס דוקא ביי דריי איז די משנה מקפיד מ'זאל רעדן דברי תורה און נישט ביי צוויי. ווייל די הלכה איז אז ווען מען משפט דיני ממונות דארף זיין דריי דיינים, ווייל צווישן דריי איז זיכער דא איינער וואס קען די הלכות. דעריבער ווען צוויי מענטשן עסן קענען זיי זיך פארענטפערן אז קיינער פון זיי קען נישט קיין לערנען דעריבער רעדן זיי נישט קיין דברי תורה, ביי דריי איז אבער נישטא דער תירוץ. *(ספר "עולת חודש")*

### "כאילו אכלו משלחנו של מקום

**"דער תענית אדער'ן קרבן בשעת'ן עסן...?"**

הרה"ק רבי דוד משה פון טשארטקוב זי"ע פלעגט פאסטן גאר אסאך תעניתים, די שטוב מענטשן

האבן אבער נישט געוואוסט ווען ער פאסט, און זיי האבן זיך שטארק געזארגט צו ער ווערט נישט צו שוואך פון די אלע תעניתים וואס ער פראוועט. אמאהל האט די רעבעצין זיך געמאכט א צייכן צו וויסן צו ער פאסט אדער נישט, זי האט געטראכט אז אויב דער טעלער איז אינגאנצן ליידיג האט דער רבי מן הסתם אוועק געשיקט דאס עסן פאר איינעם, די זעלבע זאך אויב דער גלאז טיי איז אינגאנצן ליידיג האט דאס דער רבי מן הסתם אויסגעגאסן, ווייל ווען ער עסט אדער ער טרינקט דאס אליין, וואלט ער זיכער עפעס איבערגעלאזט אויפ'ן טעלער. די רעבעצין האט אריינגעברענגט א גלאז טיי, ווען זי איז געקומען נעמען דעם גלאז האט זי געזעהן, אז ס'איז אינגאנצן ליידיג, האט זי פארשטאנען אז דער צדיק פאסט, האט זי אים געבעהטן, "ביזט דאך אזוי שוואך, וואס וויל דער באשעפער ענדערש, דעם תענית אדער דעם קרבן פון בשעת'ן עסן?" דער רבי האט אויסגעהערט אירע ווערטער, ער האט געטראכט א מינוט, דערנאך האט ער



געהייסן אריינברענגען א סעודה צו עסן.

***

**רבי חנינא בן חכינאי אומר: הנעור בלילה, והמהלך בדרך יחידי, ומפנה לבו לבטלה, הרי זה מתחייב בנפשו. (אבות ג:ד)**

***—רבי חנינא דער זוהן פון חכינאי זאגט: ווער ס'איז אויף ביינאכט און ווער ס'גייט אליין אין וועג און ער האט אינזין פוסטע זאכן, ער קעהרט אפ זיין הארץ צו דברים בטלים, און ער טראכט נישט פון לערנען תורה, פארשולדיגט ער זיך אליין.—***

### הנעור בלילה, והמהלך בדרך יחידי, והמפנה לבו לבטלה... (אבותג:ד)

דער הייליגער **רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע** זאגט: **"הנעור בלילה"**, דאס מיינט א צדיק וואס איז וואַך (ער שלאפט נישט) אינעם פינסטערן גלות וואס איז געגליכן צו די נאכט, און ער איז שטענדיג מתפלל אז אידן זאלן זיין בשמחה. **"והמהלך יחידי בלילה"**,—ער גייט אינעם באשעפער'ס וועגן **"אליין, שטילערהייט"** קיינער זאל נישט וויסן דערפון. **"והמפנה לבו"**,—און זיין הארץ טוהט ער אינגאנצן אוועק געבן, **"לבטלה"**,—אויף מבטל צו זיין שלעכטע גזירות אויף אידן. זאלסטו וויסן, **"הרי זה מתחייב בנפשו"** -ער טראכט אלעמאהל ביי זיך אין הארץ אז ער איז א שולדיגער מענטש, און ער האט נאכנישט אנגעהויבן צו דינען דעם באשעפער.

### הנעור בלילה (אבות ג:ד)

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע זאגט פשט: א מענטש דארף ערוועקט ווערן צו תשובה אין זיינע יונגע יאהרן. די יונגע יאהרן זענען צוגעגליכן צו די ליכטיגקייט פון טאג ווען די זון שיינט. די יאהרן אויף די עלטער ווערן צוגעגליכן צו די נאכט. דעריבער זאגט דער תנא, "הנעור בלילה",— דער וואס וועקט זיך אויף הערשט אין די עלטערע יאהרן, און דעמאלט דערמאנט ער זיך תשובה צו טוען, "הרי זה מתחייב בנפשו"!

### הנעור בלילה, והמהלך בדרך יחידי, והמפנה לבו לבטלה... (אבותג:ד)

דוד המלך פלעגט אויפשטיין ביינאכט צו דינען דעם באשעפער, אזוי ווי ער האט געזאגט (ברכות ג:) "חצות לילה אקום להודות לך", דאמאלט האט דוד המלך געזאגט "וחטאתי נגדי תמיד",—אפילו ער האט געטוען אזויפיהל גוטע מעשים, האט ער געהאלטן אז ער איז זיך מתחייב בנפשו ווייל ער האט גארנישט יוצא געווען געגוג פאר'ן באשעפער. דאס קען זיין פשט אין די משנה. "הנעור בלילה",—איינער וואס איז אויף ביינאכט און לערנט תורה, "והמהלך בדרך יחידי",—ער גייט אויפ'ן וועג פונעם 'יחידו של עולם',—דאס איז דער באשעפער. "והמפנה לבו לבטלה",—ער דרייט אוועק זיין הארץ פון אלע ליידיגע זאכן, "הרי זה מתחייב בנפשו",—אזא מענטש זעהט נאר וויפיהל ער איז נאר שולדיג פאר'ן באשעפער. *(ספר פרקי מהריא"א)*

### "הנעור בלילה

**"בעסער צווי שעה א מענטש, ווי צעהן שעה א פערד!**

רבי אלכסנדר פון קאמארנא זצ"ל האט פארציילט: איך האב געזעהן א מענטש וואס האט זיך מסגף געווען זייער פיהל, ער איז כמעט נישט געשלאפן, ווייל ער האט געוואלט אויסנוצן זיין צייט צו דינען דעם באשעפער. איך האב אים געזאגט: ס'איז בעסער צו זיין צוויי שעה א מענטש, ווי איידער צו זיין צעהן שעה גלייך צו א פערד, ווייל דו דרימעלסט דיינע אלע טעג. אזרי שרייבט זיין זוהן רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זצ"ל: אז דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע איז קיינמאהל נישט געשלאפן ביי חצות פון דיר נאכט, ער האט זיך אבער געפיהרט צו שלאפן אין אנדערע צייטן, און האט אויך באפוילן פאר זיינע תלמידים זיך נישט צופיהל מסגף צו זיין מיט'ן שלאפן, ווייל דעמאלט איז מען נישט קיין מענטש נאר אן אייזל. רבי יצחק אייזיק זצ"ל זאגט אז דאס לערנט אונז דער תנא פון די משנה אז אויב זעסטו א מענטש וואס איז אויף א גאנצע נאכט, און ער גייט אליין אויף זיין וועג, דאס מיינט ער פיהרט זיך מיט התבודדות און ער חבר'ט זיך נישט מיט קיין שום איד, זאלסטו וויסן אז ער איז "מפנה לבו לבטלה",—אז אין אלע זיינע מעשים זענען דא א קליינע פנימית'דיגע כוונה "לבטלה",—נישט ריין לשם שמים.

ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תש"פ
הילולא קדישא
שנת תשפ"ג לפ"ק

## גליון מוגדל לקראת יומא דהילולא של רביה"ק בעל ברך משה זצוקללה"ה - כ"ו ניסן תשפ"ג לפ"ק (ב)

ו' שכב) עס האט דערציילט אונזער זיידע
### כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע

### המן, פסח, ביזן הייליגן רב...

בימי בחרותי בשנת תרצ"ו לפ"ק בין איך געפארן קיין צאנז מיטן זיידן **הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט זצוקלה"ה.** דארט אין צאנז איז געווען א מקום פון אומצאליגע עניים ואביונים וואס זענען געשטאנען אויפן וועג ארויף צום ציון הק' און געזאמעלט געלט, בפרט אין די טעג נאך יו"ט פסח ווען יעדער האט אזויפיל הוצאות זענען די ארימעלייט געבליבן מיט א ליידיגע קעשענע נאך יו"ט. (דער רבי מרן הברך משה ז"ל פלעגט אלס דערמאנען אז די הונדערטער מקבצי נדבות אום כ"ו אב ביים ציון הק', דערמאנט אים פון די מראה קודש ביים ציון הק' אין צאנז ביי די הילולא קדישא)

סוף טאג האט די מומע די צדיקת נחמה'לע ז"ל די טאכטער פון הייליגן דברי חיים זי"ע, צוגערישט א סעודה פאר די קרובי המשפחה, וואס נאר די צאנזער אייניקלעך זענען דארט געווען געלאדענט, מען האט נישט יעדן אריינגעלאזט...

איך בין מיטגעגאנגען מיטן זיידן הרה"ק **רבי שלום אליעזר'ל זי"ע,** וועלכער איז געזעסן אינאיינעם מיט זיין שוואגער **הרה"ק רבי אלעזר אושפיצינער ז"ל.**

האט זיך ר' אלעזר אנגערופן:

**"האסט געהערט וואס איך האב היינט געהערט פון א געלט גייער ביים ציון הקדוש?! "וואס דער 'צדיק המן' האט אונז געגעבן, האט אונז דער 'רשע פסח' אוועק גענומען, איז געקומען דער 'הייליגער רב' און ער האט אונז דאס צוריק געגעבן"...**

ו' שכג) עס דערציילט אונזער זיידע
### הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א חדב"נ רב ביהמ"ד אבני צדק

### וזאת הברכה אשר "ברך משה"

עס איז געווען בשנת תשנ"ג, שב"ק ויחי איז געווען די שבת שבע ברכות פון רבי'נס אייניקל הרה"ג ר' סיני טייטלבוים שליט"א בן הגה"צ רבי שלום אליעזר שליט"א.

יענע וואך ביי שלש סעודות האט דער ציבור ערווארטעט צו הערן א 'שובבי"ם תורה', צו די התחלת ימי השובבי"ם, און עס איז געווען א ריזן ציבור אין ביהמ"ד סיי צוליב די שבת שבע ברכות, און עקסטער איז דער עולם געקומען הערן די דברי כיבושין צו די הייליגע שובבי"ם טעג.

דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן ווארימע דיבורים, און אינמיטן האט ער זיך אפגעשטעלט... נאך לאנגע סעקונדעס זאגט דער רבי 'כ'האב פארגעסן וואס כ'האב געוואלט זאגן, זעהט אויס אז מ'דארף זיין ראוי צו זאגן פאר אידן'...

מ'האט אנגעצינדן די לעקטער, און מ'האט געזינגען 'ידיד נפש'.

נאך 'ידיד נפש' האט זיך דער רבי דערמאנט וואס ער האט געוואלט זאגן האט ער געזאגט בקיצור דעם רעיון וואס ער האט געוואלט זאגן, אבער כמובן אז עס איז געווען נאר א תמצית הדברים, און ער האט בכלל נישט געזאגט קיין דברי מוסר והתעוררות וואס דער ציבור האט ערווארטעט צו הערן.

אהיימקומענדיג נאך מעריב האט דער רבי אויסגעזעהן זייער צובראכן פון די פאסירונג, ער האט זיך ארומגעדרייט אין צימער א היבשע ווילע זייער פארטראכט, פארוואס ער האט נישט געקענט זאגן קיין דברי מוסר פארן ציבור וואס האט משתוקק געווען צו הערן.

ווען ער האט זיך אראפגעזעצט אין ספרים שטוב, האב איך זיך אנגערופן אז כ'האב געהערט אמאל א מעשה פון אבי מורי **הגה"צ מאלעסק ז"ל** אז **הגה"ק רבי איציקל האמבורגער ז"ל** האט אמאל געזאגט א דרשה אין א גרויסע שטאט, און אינמיטן די דרשה האט ער פארגעסן וואס ער האט געוואלט זאגן, און ער איז געווארן זייער פארלוירן וואס צו טוהן. האט ער באקומען א גילוי מן השמים, אז אדער דערמאנט מען אים וואס ער האט געוואלט זאגן, אדער וועט ער באקומען א זכות צו קענען ארויסגעבן זיינע חיבורים וואס ער האט געהאט אפגעשריבן בכתב.

אבער שטייענדיג ברבים, צווישן אזויפיל מענטשן האט ער בוחר געווען אז מ'זאל אים דערמאנען די דרשה וואס ער האט געהאלטן אינמיטן זאגן, און ער האט טאקע געענדיגט די דרשה. אבער דאס כלל ישראל האט דערלייגט, ווייל עד היום הזה איז נישטא ביי אידן קיין חיבורים פונעם **גאון ישראל רבי איציקל האמבורגער.**

פרעגט מיך דער זיידע ז"ל "פון וואו האסטו געהערט די מעשה?", האב איך געזאגט אז מיין טאטע האט מיר דאס דערציילט.

שפעטער ווען די קינדער זענען אריינגעקומען האט דער זיידע אנגעהויבן צו איבער דערציילן די מעשה, און עס האט אויסגעזעהן ווי דאס האט אים זייער שטארק בארוהיגט.

כהיום הזה, ווען מיר זעהן ווי די ספרי ברך משה, וואס זענען בעיקר דעם רבי'נס חידושי תורה וואס ער האט מחדש געווען נאר אויף די עלטערע יארן, האבן זוכה געווען צו ווערן אנגענומען מקצה העולם ועד סופו. און אין גאר ווייטע פארשטופטע פלעצער איז דא שיעורי תורה אין ספר ברך משה, אפילו אין ספרדי'שע ישיבות אין אלע עקן אר"י. אפגערעדט פון וויפיל רבנים, מגידים, און דוברי מישרים, האלטן די ספרים ווי נכסי צאן ברזל פאר זייערע שיעורים, קען מען פארשטיין אז דער רבי ז"ל האט בוחר געווען זיין כח השפעה פאר כלל ישראל דורך די ספרי ברך משה.

ו' שכד) עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' שלמה מענדלאוויטש הי"ו מנהל עזר הצלה

### ספר הקדוש 'ברך משה' מאיר לארץ

מיט עטליכע וואכן צוריק בין איך געווען אין ארה"ק, און איך בין ארומגעפארן באזוכן די מוסדות הק' על טהרת הקודש אין ארץ ישראל. אנקומענדיג קיין 'בית שאן' האט איך געטראפן דעם מסי"נ'דיגן מנהל הרה"ג ר' שלמה חביבא שליט"א וועלכער שטייט בראש פון א ישיבה גדולה ווי בחורים לערנען על טה"ק.

דארט האב איך באמערקט אז די שטאט בית שאן איז א גרויסע שטאט, עס וואוינען דארט ארום 20 טויזנט אידישע משפחות, אבער ליידער זענען רובם ככולם פרייע ל"ע וואס ווייסן נישט פון שמירת התורה והמצוות. עס איז דא א קומץ קטן פרומע אידן וואס זיי זענען אונטער די השפעה פון א געהויבענעם איד הרה"צ ר' פנחס באדוש שליט"א - אן אפשטאמיגער פון מאראקא - וואס ער גיט זיך אפ מיטן פארשפרייטן אידישקייט אין בית שאן שוין איבער 20 יאר, און יעדן שב"ק זיצן ביי זיין טיש אידן פון בית שאן בזמירות שירות ותשבחות מתוך דברי תורה במשך שעות ארוכות, פון 8 אזייגער ביינאכט ביז 4 אזייגער פארטאגס, און עס זענען דא מערערע אידן וואס קומען אריין אינמיטן די סעודה, זיי ווילן נהנה זיין מחנות של בושם, און גייען אוועק, זיי ווילן נאר הערן א אידיש ווארט, אזוי אז אין א געווענליכן שבת דרייען זיך אריבער זיין דירה עטליכע הונדערט אידן וואס האלטן מיט זיין סעודה למחצה לשליש ולרביע.

עס זענען שוין היינט דא דורות פון די פעולות פון רבי פינחס, לעכטיגע בחורים'לעך אין ישיבה, וואס קיינער וועט נישט קלערן אז זיי שטאמען פון בעלי תשובה.

עס איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט צו הערן איבער דעם איד, בין איך אריבער געגאנגען צו אים אין שטוב, מיט די מטרה צו הערן איבער זיינע פעולות, מיר האבן געהאט א לענגערן שמועס, ווען בתוה"ד האב איך אים געפרעגט "וואס האט איר צו זאגן יעדע וואך ליל שב"ק ביי א סעודה פון אכט שעה?".

זאגט ער מיר "איך האב איין ספר וואס איך לערן דורך מידי שבוע בשבוע אויף די סדרה, און פון דעם האב איך גענוג חומר צו רעדן פאר אכט שעה". און ער נעמט מיר

הגליון נתנדב ע"י ידידינו הרה"ח **ר' יהושע שמואל ווידער** שליט"א • לע"נ כ"ק מרן רבינו הק' מרן **משה** בן מרן **חיים צבי** זיעועכי"א - היארצייט כ"ו ניסן

ארויס פון שאנק דעם ספר "ברך משה".

עס איז מיר געווען א איבערראשונג צו הערן פון א ספרדי'שן משפיע אין בית שאן אז ער ווייסט בכלל צו זאגן פון ספה"ק ברך משה, אבער ארייגגייענדיג אינעם ארטיגן ביהמ"ד האב איך דארט געזעהן די ספרי ברך משה על התורה אנגעשריבן מיט זיינע הערות פון אלע זייטן.

ער האט געוואוסט צו דערציילן אז ער האט אפילו איינמאל געזעהן דעם רבי'ן ז"ל ביי א חתונה פון רבי'נס איניקל בשנת תשנ"ה, ווען ער איז געווען אין אמעריקע, און ער איז דוקא געקומען קיין וויליאמסבורג צו די חתונה, דער רבי האט אים דעמאלטס געגעבן א ווארימע ברכה, און דאס טראגט אים עד היום הזה.

רבי פינחס האט מיר געזאגט "יעדע תורה עקסטער איז געפלאכטן מיט מאמרי חז"ל, עס האט דברי הדרכה ומוסר, ווען איך הייב נאר אן נאכצוזאגן פון דעם ספר האב איך צו זאגן כסדר, ובזכות פון דעם ספר האב איך שוין מקרב געווען הונדערטער אידן צו אידישקייט"...

יעצט פאר יו"ט האב איך אים געשיקט אן 'הגדה ברך משה', און נאך ספרים פון **רבינו הק' מרן משה בן חיים צבי זי"ע**, אז ער זאל קענען ווייטער משפיע זיין און אויפטוהן גדולות ונצורות.

וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל.

ו' שכה) עס דערציילט אונזער טאטע

**הרה"ח ר' יצחק נתן גאנדל הי"ו**

## לייג אוועק דאס געלט פאר א שמירה

אין די לעצטע יארן פון **כ"ק מרן רבינו הגה"ק זלה"ה** פלעגט ער אלעמאל צוריק געבן די קוויטל געלט פאר 'כולל אינגעלייט'.

עס איז געווען איינמאל ווען איך בין אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל, האב איך געטראכט בעפאר, היות איך בין א 'כולל אינגערמאן', און דער רבי וועט מיר מסתמא צוריק געבן די קוויטל געלט, וואס זאל איך טוהן דערמיט, צי איז דאס צדקה געלט, אדער אפשר זאל איך דאס אוועק לייגן למשמרת נצח אלס א שמירה. האב איך געקלערט אז אויב דער רבי וועט מיר צוריק געבן דאס געלט, וועל איך אים פרעגן וואס צו טוהן מיט דאס געלט.

למעשה, ווען איך בין אריינגעקומען צום רבי'ן און געגעבן דאס קוויטל, האט מיך דער רבי געפרעגט וואס איך טוה פאר פרנסה, האב איך געזאגט אז איך בין א כולל אינגערמאן, האט מיר דער רבי צוריק געגעבן דאס געלט, און זיך אנגערופן בלש"ק "נעם דאס געלט, לייג דאס אריין אין לעדל, עס וועט דיר זיין צו הצלחה"...

ויהי לפלא, אז פון דעמאלטס אן, ווען איך בין אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל האט ער מיר גארנישט געפרעגט, און ער האט מיר מער נישט צוריק געגעבן דעם פדיון.

ו' שכו) עס דערציילט ידידינו וידיד נפש כל חי

**הב' החשוב אליעזר פרידריך שליט"א**

## מיינע שענסטע יארן מיטן רבי'ן ז"ל

איך האב זוכה געווען צו א קרבות יתירה ביי **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה.**

איך קען זאגן אז מיינע שענסטע יארן אין מיין לעבן זענען געווען די יארן פון תש"נ-תשנ"ד לפ"ק, ווען איך האב זוכה געווען צו דאווענען אין גרויסן ביהמ"ד אין וויליאמסבורג, און דער רבי האט מיך ארויסגעוויזן א חיבה יתירה עד אין לשער, און איך האב געהאט די זכי' צו קענען רעדן מיטן רבי'ן ז"ל.

מן השמים איז מיר באשערט געווען צו זיין אלע יארן באגרעניצט און צוגעבינדן צום ראד-שטול (ווילטשער) ל"ע, פלעגט מיך מיין טאטע הרב ר' שלמה לייב שליט"א אלס ברענגען די לעצטע אין די רייע צו זאגן 'גוט שבת' פארן רבי'ן. (מיר האבן ביז דעמאלטס געהאט א שיעור אין חסיד'ישע ספרים יעדן פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען).

יעדעס מאל ווען מיר זענען אנגעקומען צום רבי'ן, האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט פון בענקל, און מיט א לעכטיגן שמייכל און מיט א שמחה האט ער מיך מיך געגריסט 'גוט שבת', וואס עד היום הזה ווען איך דערמאן זיך דערפון גיט דאס מיר חיות דקדושה.

אזוי אויך ראש השנה ביי 'לשנה טובה' - און אלע ימים טובים - פלעגט מיר דער רבי וואונטשן מיט גרויס חביבות. אפילו שמחת תורה ביי די הקפות האט זיך דער רבי עטליכע מאל אפגעשטעלט דארט וואו איך בין געזעסן מיטן 'וויל-טשער', און ער האט דעמאלטס געענדיגט די הקפה.

ב. עס איז געווען בשנת תשנ"ב לפ"ק, האב איך געדארפט זיין אין שפיטאל א לענגערע צייט, מיין טאטע שליט"א האט זיך מתייעץ געווען מיטן רבי'ן צו וועלכן דאקטער צו גיין, אזוי איז אויסגעקומען אז איך בין געווען אינעם זעלבן שפיטאל וואו עס איז דעמאלטס געלעגן על ערש דוי דעם רבי'נס טאכטער - אבדלחט"א - הרבנית חי' ע"ה. אזוי האב איך געהאט די זכי' אז דער רבי איז מיך געקומען מבקר חולה זיין און ער האט מיך גאר שטארק מחזק געווען. דעם גוטן געפיל פון דעמאלטס שפיר איך עד היום הזה איבער 30 יאר שפעטער.

ג. איך האב אויך געהאט די זכי' זייענדיג א תלמיד אין ישיבה קטנה ח"ב - תחת הנהלת הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א - אז דער רבי ז"ל האט מיך פארהערט בעל פה אויף פרק 'כלל גדול' אין מסכת שבת, דער רבי האט מיך דעמאלטס געפרעגט עטליכע שאלות, און ער האט מיך זייער מחזק געווען אז איך זאל ממשיך זיין בהתמדת התורה. - זכותו הגדול יגן עלינו.

עד היום הזה בין איך ווייטער זוכה צו אסאך חיזוק פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, ער האט מיר געזאגט אז ער בעט אלעמאל פאר מיר, און איך בין אויך מתפלל פאר אים יעדן איינציגן טאג.

ו' שכז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א** ר"מ בישיבה"ק

## דער הייליגער רבי מרן הברך משה זי"ע

עס איז געווען בשנת תשנ"ב ווען דער רבי האט געפירט די מערכה קעגן די ווייסע היטלעך ביי די פרויען, ביי די דרשת כל נדרי האט ער אנגעכאפט די ווייסע בארד און ער האט געזאגט "איך וויל נישט אז אין מיינע טעג זאל חרוב ווערן אלעס וואס דער פעטער האט געבויעט"... עס איז געווען א פחד ביים ציבור ווי אזוי דער רבי האט געזאגט די ווערטער.

ב. דער רבי האט אין יענע צייט לכה"פ צוויי מאל נאכגעזאגט די גמרא אין מס' ברכות אז ווען דער אייבערשטער קומט אינדערפרי אין ביהמ"ד און ער טרעפט נישט קיין צען מענטשן 'מיד הוא כועס'. האט דער רבי נאכגעזאגט די ווערטער פון רבי עקיבא אייגער ז"ל וואס צייכנט צו א רשב"א אז ווען עס איז דא א מנין עשרה איז השי"ת דארט פריער, האט דער רבי געזאגט אז עס קען זיין א ביהמ"ד פון טויזענטער אידן אבער אז מ'איז נישט ערליך איז נישטא אפילו קיין מנין עשרה.

דער רבי האט זיך אזוי צעוויינט ביי די ווערטער אז עס איז געווארן בכיות נוראות אין ביהמ"ד וואס אריינגעדרונגען בלבות הציבור "עס קען זיין טויזענטער אידן אין בית המדרש, און דער אייבערשטער קומט און ער טרעפט נישט קיין מנין"...

די הייליגע ריינע ווערטער האבן אזוי מעורר געווען דעם ציבור, אז ווען ער האט געזאגט די דיבורים האט דער ציבור געגאסן טרערן און געוויינט בקול רם.

ג. עס איז געווען איינמאל הושענא רבה ביינאכט ווען איך בין אריין מיט א קוויטל צום רבי'ן ז"ל, און איך האב אים געפרעגט וואס עס איז ביי אונז אנגענומען איבער שניידן די פיאות.

האט ער אנגעכאפט מיינע צוויי פיאות ביזן שיעור, און געוויזן "דער שינאווער רב האט געזאגט ביז דא איז דער שיעור פיאות"...

ג. ווען דער **רבי מרן הברך משה זלה"ה** איז געקומען באזוכן קיין ארץ ישראל בשנת תשנ"ד לפ"ק, איז ער געקומען ערב שב"ק פארהערן די קינדער אין תלמוד תורה. נאכדעם איז דער רבי ז"ל ארויפגעגאנגען אין די ישיבה גדולה, און דער ראש ישיבה מו"ר **הגה"ק רבי משה ארי' פריינד ז"ל דער ירושלימ'ער רב** איז דערביי געווען די גאנצע צייט. און פון דארט איז דער רבי צוריק געגאנגען לבית האכסניא ביי הרה"ג ר' ליפא שווארץ ז"ל מנהל המוסדות בירושלים עיה"ק.

ווען דער רבי איז ארויסגעגאנגען פון די ישיבה אויפן וועג צו די אכסניא איז דער ירושלימ'ער רב ארויסגעגאנגען אים באגלייטן, דער רבי האט נישט געקלערט קיין רגע אז דער ירושלימ'ער רב וויל אים באגלייטן, איז ער געגאנגען לויט זיין שטייגער מיט שנעלע טריט, נאך א היבשע צייט האט עמיצער א זאג געגעבן פארן רבי'ן אז דער ירושלימ'ער רב לויפט אים נאך... דער רבי האט זיך אפגעשטעלט ווארטן אז דער ירושלימ'ער רב זאל אים קענען נאכקומען.

האב איך געהערט ווי דער רבי האט א זאג געגעבן 'דער זיידע אין ייטב פנים ברענגט דעם חובת הלבבות אז א חסיד איז געגאנגען שנעל אין גאס מחמת חשש גאוה, און אויך עס זאל נישט קומען צו מחשבות לא טהורות'...

דער רבי האט זיך דערנאך זייער מתנצל געווען פארן ירושלימ'ער רב "אנטשולדיגט, כ'האב נישט געוואוסט אז איר זענט געקומען מיך באגלייטן", און פון דארט איז דער רבי געגאנגען ווייטער שטאטליך אז דער רב זאל אים קענען באגלייטן. אבער פאר אונז איז דאס געווען א פארדינסט צו הערן פונעם רבי'ן דעם חובת הלבבות וואס איז אימער געשטאנען לנגד עיניו הטהורים.

ד. איך האב זוכה געווען אין יענע טעג צו באגלייטן דעם **רבי'ן זלה"ה** ווען ער איז געגאנגען באזוכן ביי **כ"ק הרה"ק רבי יודא'לע מדזיקוב ז"ל**, עס איז געווען אין יענע יארן ווען רבי יודא'לע איז רוב טאג געלעגן אין בעט, און ער האט גארנישט גערעדט.

עס איז דערביי געווען אויך חדב"נ **הגה"צ רבי חיים יושע האלבערשטאם שליט"א אב"ד ויואל משה סאטמאר מאנסי**, דער רבי האט דערציילט פאר רבי יודא'לע צוויי מעשיות פונעם ראפשיצער רב זלה"ה, און ער האט געזאגט אויך 'מיין איידעם איז א ראפשיצער אייניקל'...

דערויף האט מען אלעמען ארויסגעשיקט און דער רבי איז געבליבן פריוואט פארמאכט מיט רבי יודא'לע, ווען קיינער האלט נישט מיט דעם סוד שיח שרפי קודש.

ווען דער רבי איז ארויסגעקומען האבן די גבאים פון רבי יודא'לע געצייגט פארן רבי'ן די ספרי החתם סופר פון רבי יודא'לע מיט זיינע הגהות והערות אנגעשריבן ביי אלע זייטן, דער רבי איז געשטאנען א היבשע צייט און מעיין געווען אין די הערות. כהיום הזה זענען שוין א גרויס טייל פון די הערות געדרוקט אין די נייע מהדורות פון ספרי החת"ס ז"ל.

ו' שכח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א** רב ביהמ"ד ישמח משה מאנסי

## רשימא קדישא

איך וועל דא ממשיך זיין איבערגעבן פון די רשימות וואס איך האב פארצייכענט פון יענע תקופה וואס כ'האב זוכה געווען צו זיין נאנט אל הקודש ביי **מרן רביה"ק הברך משה זלה"ה** בשנת תשמ"ו לפ"ק.

א. עס איז געווען מוצש"ק ביי מלוה מלכה ביי א שבע ברכות פון אן אייניקל, און מ'האט געזינגען די זמירות למוצש"ק, ווען מ'האט געענדיגט זינגען דעם זמר 'איש חסיד היה', האט זיך דער רבי אפגעשטעלט און געפרעגט "פארוואס זאגט מען דא 'זה קימו באמת ופרח לו איש האמת', עס איז די איינציגסטע מאל וואס מיר געפונען אז אליהו הנביא ווערט אנגערופן 'איש האמת'.

האט דער רבי געזאגט "מיר זעהן דא ביי דעם זמר א מורא'דיגע זאך, אליהו הנביא איז געקומען העלפן דעם 'איש חסיד', ער האט זיך געלאזט פארקויפן פאר א עבד, און ער האט מתפלל געווען 'שוע בחצי הלילה ענינו נורא עלילה, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין', און דער רבש"ע האט אים געהאלפן, און געשיקט די מלאכים, אינמיטן די נאכט האט מען אויפגעבויעט די אלע בנינים 'כלולת מגדלים נאים לפי ענין הבנאים', דאך האט ער נישט געמאכט פליטה ווען די ארבעט איז פארטיג געווארן, ער איז נישט צוריק ארויפגעפלויגן אין הימל ווען ער האט געענדיגט טוהן זיין ארבעט, נאר ער האט זיך געוואנדן צום בעל הבית 'חפשני בוודאי ובבירור כנמת לענין שחרור', דאס איז אן "איש האמת"...

ב. אין יענע תקופה איז דער רבי אהיים געקומען פון א לויה פון א אדם מסוים, האט דער רבי ז"ל אונז געזאגט א מורא'דיגן טייטש (קהלת א' ד') דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת, מיר האלטן מיט און מיר זעהן די ירידת הדורות ווי די דורות פאלן אלס מער און מער, אבער **'והארץ לעולם עומדת'**, יעדער בלייבט שטיין אויפן פלאץ, קיינער ציטערט נישט, קיינער נעמט זיך נישט צום הארצן זעהנדיג דעם ביטערן מצב העולם, אלעס גייט ווייטער אן ווי נארמאל".

ג. א בחור איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן זיך אפרעדן אז ער קען נישט איינשלאפן ביינאכט, האט אים דער רבי געזאגט "זאלסט קריאת שמע ליינען אינעווייניג אין א סידור". דער בחור האט מיר שפעטער געזאגט אז פון דעמאלטס און ווייטער איז ער זייער גוט איינגעשלאפן.

ד. יענעם זומער האט מען גערופן פון בחורים קעמפ אז מ'וויל קומען צום רבי'ן קיין קרית יואל ער זאל פארהערן די ישיבה קטנה בחורים הלכות ברכות הפירות וואס זיי האבן געלערנט במשך די ווינטער חדשים. דער רבי האט מיר דעמאלטס געזאגט אז די מנהלים האבן אים נישט געזאגט וועלכע סימנים די בחורים האבן געלערנט און אויף וואס ער וועט דארפן פארהערן - קיין סעלפאונס זענען נאכנישט געווען, און כאפן א מנהל אויפן טעלעפאן אין קעמפ איז געווען כמעט אוממעגליך - האט ער זיך אוועק געזעצט במשך עטליכע שעה און איבערגע'חזר'ט גאנץ הלכות ברכת הפירות מיט אלע נו"כ ראשונים ואחרונים מהחל ועד כלה.

ה. עס זענען אריינגעקומען צום רבי'ן א קבוצה ליטווישע אידן וואס האבן באלאנגט צום מנהיג פון די 'דגל התורה' פארטיי, און זיי האבן דערציילט איבער זייערע פעולות וואס זיי טועהן אויף אין ארץ ישראל צו מקרב זיין אידישע קינדער צו אידישקייט.

דער רבי האט זיי געגעבן חיזוק און שטיצע, אבער ער האט זיי דערציילט בשעת מעשה אז עס איז געווען אמאל ווען מ'איז געקומען צו איינעם פון די די גדולי ישראל און געפרעגט א שאלה צי מ'מעג געבן צו עסן חזיר פלייש פאר א חולה שיש בו סכנה, און אן דעם קען ער נישט לעבן, האט ער געגעבן א היתר, אבער ווען מ'האט אים געזאגט אז דער חולה האט פארלאנגט אז די פלייש זאל זיין גע'שחט'ן כדין, און דער מעסער זאל זיין כשר און מהודר, האט ער געזאגט "סוכ"ס איז דאס א חזיר, און אפילו אויב במקום פיקוח נפש איז דאס מותר פאר א חולה, קען מען דערויף נישט זאגן מותר, ווייל א חזיר קען נישט זיין כשר".

האט דער רבי געזאגט "איר טוט טאקע גוטע פעולות צו מקרב זיין פרייע אידן צו אידישקייט, איר זאלט מצליח זיין במקום פיקוח נפש, אבער כל זמן עס איז א טייל פון די ממשלת הציונית איז דאס חזיר, און אויף חזיר קען מען נישט זאגן 'כשר'".

ו. א אינטערעסאנטע זאך האט מיר דער רבי אמאל געזאגט בדרך צחות בנוגע די וויכוחים וואס טוט זיך ביי די דיני תורה וכדומה, ווען יעדער האלט אלעמאל אז זיין מיינונג איז גערעכט. אז איינער פון זיינע מלמדים אין די קינדער יארן האט אמאל געזאגט 'פארוואס האבן אידישע קינדער נישט קיין מיליטער?', ווייל די ערשטע זאך וואס פעלט זיך אויס ביי א מיליטער איז ווען דער גענעראל גיט א זאג 'דאם', דארפן אלע סאלדאטן בלייבן שטיין און זיך נישט רירן פון פלאץ, און אויף לשון הקודש איז נישט דא אזאווארט 'דאם', וועט ער דאך מוזן זאגן למשל "עמדו ביושר!", אויב זאל מען זאגן פאר אידישע קינדער "עמדו ביושר", וועט יעדער שטיין ווי אזוי ער וויל און ער וועט טענה'ענען אז דאס איז יושר... ממילא קענען אידן נישט האבן קיין מיליטער...

ז. איינמאל איז דער רבי געווען אפגעשוואכט, האט די רביצין ע"ה געזאגט אז זי לאזט קיינעם נישט אריין צום רבי'ן ביז דער רבי וועט קודם עסן נאכטמאל, הרבני הנגיד רבי לייבוש לעפקאוויטש ז"ל ראה"ק ומנהל המוסדדות האט דארט געווארט, אבער ער האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געמוזט ווארטן.

נאך נאכטמאל איז דער רבי ארויס געקומען פון ספרים שטוב, און ער זעהט א אינגערמאן ווארט מיט א קליין קינד, האט ער געהייסן מ'זאל קודם אריין לאזן דעם אינגערמאן מיטן קינד, ווען ר' לייבוש איז אריינגעקומען האט זיך דער רבי פארענטפערט פאר אים און געזאגט: איך ווייס אז איר ווארט שוין לאנג, אבער ס'איז דא א ווארט פונעם בעלזער רב **הרה"ק רבי ישכר דוב זצ"ל**, אויפן מאמר חז"ל (שבת קיט:) "אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן, אז יעדעס קינד איז ראוי צו זיין משיח, האט דער רבי געזאגט, איך האב געזעהן א קינד ווארטן, ס'איז דאך מעגליך אז ער וועט זיין משיח, פאר משיח מוז מען האבן דרך ארץ".

ח. דעם רבי'נס אימת הדין אין די ימי חודש אלול איז געווען עד אין לשער, מיר פלעגן לערנען מיטן רבי'ן במשך דעם גאנצן זומער, ווען עס איז געקומען חודש אלול, יעדעס מאל אינמיטן לערנען ווען מ'האט זיך אפגעשטעלט עפעס נאכקוקן וכדומה, האט דער רבי געגעבן א טיפן קרעכץ מנהמת לבו, וואס האט אונז מורא'דיג צונומען. דאס געדענקען אויך די אנדערע אינגעלייט וואס האבן זוכה געווען צו לערנען מיטן רבי'ן ווי גאנץ חודש אלול האט זיך געשפירט די אימת הדין אויף טריט און שריט.

ט. איך האב מיטגעהאלטן די פריוואטע שבע ברכות וואס דער רבי פלעגט מאכן ביי זיך אין שטוב ביי די חתונות פון די אייניקלעך. וואס פלעגט געווענליך זיין בהשתתפות ש"ב כ"ק האדמו"ר מהר"ש מבאבוב זצ"ל, עס פלעגט דארט זיין זייער שיינע שמועסן בדברי תורה וסיפורי צדיקים. (געווענטליך פלעגט הר"ר מרדכי שטויבער שליט"א איבער זאגן די שמועסן אויפן גראם, ביי איינע פון די שבע ברכות האט ר' מרדכי געדארפט אהיים פארן נאך בעפאר דעם רבינ'ס שבע ברכות, ווי נאר דער באבוב'ער רבי איז אנגעקומען צום שבע ברכות, האט דער רבי אים געזאגט: "דער מארשאלניק וואס גראמט איבער די תורה האט שוין געמוזט אהיים פארן, איך ווייס נישט צי איך האב א צווייטן אים צו ערזעצן").

ביי די אויבנדערמאנטע שבע ברכות האט דער רבי מכבד געווען מיט בענטשן איינעם פון די בני המשפחה, זאגט אים דער רבי "אין סיגוט האט מען געזאגט 'דוי הסר', און צאנז האט מען עס געזונגען, ביי מיר איז ביידע מנהגים חשוב, אז איר וועט עס זאגן וועט איר זיין א 'סיגוטער' אז איר וועט זינגען וועט איר זיין א 'צאנזער'.

ו' שכט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' עקיבא הירש הי"ו**

## לעכטיגע זכרונות פון רבי'ן ז"ל

איך האב זוכה געווען צו הערן פונעם רבי'ן **מרן הברך משה זלה"ה** מערערע פנינים יקרים הייליגע ווערטער וואס איז כדאי עס זאל פארבלייבן למשמרת נצח.

א. מיין טאטע הרה"ח ר' יוסף הירש ע"ה איז געווען א נאנטער תלמיד פון **הגה"ק רבי הילל ליכטענשטיין ז"ל אב"ד קראסנא**. איז געווען איינמאל ווען דער קראסנער רב איז אהיים געקומען פון א קאכענדיגע אסיפה וואס איז געווען ביי די 'התאחדות הרבנים', ביי יענע אסיפה האט מען דן געווען צווישן די רבנים איבער גאר הייקעלע

יסודות'דיגע ענינים, האט ער געזאגט פאר מיין טאטן **"א רב מיט א שכל הישר אין די התאחדות הרבנים, איז דער סיגעטער רב... נאר איין זאך, ער איז א סיגעטער קינד, און ער איז זייער באהאלטן"...**

ב. עס איז געווען אמאל ווען מען האט גערעדט ביים רבי'ן איבער די ספרי ברך משה האט דער רבי געזאגט בענוות קדשו "מיינע תורות זענען גוטע הקדמות"... (מיינענדיג צו זאגן אז דער עיקר חשיבות פון די ספרים זענען די הקדמות אויף וואס ער האט געבויעט זיינע חידושי תורה).

ג. אמאל אין א שמועס מיט **כ"ק אדמו"ר מהרצ"ה מקרעטשניף זלה"ה** האט ער מיך געפרעגט צי איך ווייס אויב דער רבי קוקט אויפן ציבור ביים טיש פרייטאג צונאכטס ביי 'אשת חיל', האב איך געזאגט אז איך האב דאס באמערקט אז דער רבי פירט זיך אזוי, ביי 'אשת חיל' קוקט ער זיך אים אויפן ציבור. האט ער געזאגט "דאס איז א סיגוטער זאך".

ד. ביי א געלעגנהייט האט דער רבי גערעדט איבער די מידת ענוה פון די צאנזער אייניקלעך וועמען ער האט זוכה געווען צו קענען, האט דער רבי געזאגט אן אויסדרוק "עס איז נישט געווען ווייל זיי זענען געווען ענוים, נאר עס איז זיי נישט בייגעפאלן אז זיי זענען עפעס... זיי האבן געהאט אזא זיידן ווי דער צאנזער רב, נו, וואס זענען זיי?!..."

ה. אמאל ווען דער רבי האט גערעדט בפרטיות פון די צאנזער אייניקלעך, האט זיך דער רבי צוקאכט און געזאגט 'זעהסט דעם טישטוך, זיי האבן זיך נישט געהאלטן קיין משהו מער ווי דעם טישטוך'... (מפי הגה"צ רבי ברוך טייטלבוים שליט"א חדב"נ רב ביהמ"ד ברך משה)

ה. דער רבי האט אמאל געזאגט "עס איז א חידוש דער דרך פון צדיקים וואס זיי האבן געוויינט ביי 'ומפני חטאינו', דער זמן צו וויינען אויפן חורבן בית המקדש איז תשעה באב, נישט יו"ט ביי מוסף, נאר עס קען זיין דאס ענין דאס אליין אז מ'וויינט אויפן חורבן איז גורם א שמחה, ווייל דאס איז א ראי' אז מ'וועט אויסגעלייזט ווערן, ווייל 'על החי אין מקבלים תנחומין', ממילא ברענגט דאס א שמחת יו"ט".

ו. עס איז געווען אמאל ווען איך בין געגאנגען אינעם רבי'נס שליחות נאך געלט מיט הרה"ח ר' משה הכהן גלאנצער הי"ו, ווען מיר זענען געקומען ברענגען דאס געלט פארן רבי'ן האב איך געזאגט פאר ר' משה, אז ער זאל אריינגיין פריער צום רבי'ן, ווייל ער איז דאך א כהן.

ווי נאר מיר זענען אריינגעקומען האט זיך דער רבי אנגערופן "אזוי איז ריכטיג, 'וקדשתו', קודם דארף גיין דער כהן"...

ז. דער רבי ז"ל פלעגט אלס רעדן פון נפלאות הבורא, עס איז געווען אמאל חודש ניסן ווען דער רבי איז געגאנגען אויפן גאס האט ער זיך אנגערופן "אה, מוציא אסירים בכושרות, לא חמה ולא צינה", אזוי איז געווען חסדי ה' ביי יציאת מצרים, עס איז געווען אזא בא'טעמ'טער וועטער, נפלאות הבורא, נפלאות הבורא!".

ח. עס איז געווען אמאל ווען די מלמדים מיט זייערע משפחות זענען ארויסגעפארן אויף זומער אין קעמפ, געווענליך איז דאס געווען עטליכע טעג בעפאר די קינדער זענען ארויסגעפארן, און די לאנגע שורה באסעס זענען געשטאנען אויף בעדפארד עוו. ביים קעמפ אפיס, קעגן איבער ביתו נאוה קו דש.

דער רבי האט געזעהן די מערערע באסעס אויסגע'שורה'עט, האט ער זיך אנגערופן "ווען דער רשע (היטלער) ימ"ש ווייסט ווען וואס עס וועט זיין 50 יאר ארום, וואלט ער ווען קיינמאל נישט אנגעהויבן"...

ט. עס איז געווען א תקופה וואס דער רבי האט נישט געפירט קיין טיש אין ביהמ"ד, נאר בביתו נאוה קודש, איך בין געווען מסופק צי איך זאל גיין מיטהאלטן דעם ערשטן חלק טיש ביז נאך קידוש, אדער זיך צואיילן מיט די סעודה אינדערהיים, און קומען צו די צווייטע העלפט טיש. האב איך געפרעגט **כ"ק הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זלה"ה** וואס צו טוהן (דער ספינקער רבי האט געהאט באפוילן צו גיין יעדע וואך צום רבי'נס טיש) האט ער מיר געזאגט "גיי נישט צום אנהייב און נישט צום סוף, אז ער פירט נישט טיש דעמאלטס גיי נישט".

האב איך געזאגט אז דער רבי דערציילט סיפורי צדיקים ביים טיש אינדערהיים, האט ער געזאגט "ס'איז נישט קיין ראי', אוודאי דערציילט ער, אז מענטשן קומען דערציילט ער, אבער אז דער רבי פירט נישט קיין טיש ברבים זאלסטו נישט גיין".

י. שבת שקלים תשמ"ו לפ"ק איז דער רבי געווען אין אנטווערפן, דעמאלטס איז **כ"ק הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק ז"ל** געווען זייער נישט געזונט, דער רבי האט נישט געהאט קיין מנוחה דערפון ער האט ממש געהאט קאפ ווייטאג דערפון, ער האט געזאגט דעם מאמר חז"ל 'צריך שיחלה עצמו עליו', און ער האט נאר געוואלט גיין אים באזוכן אין שפיטאל.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין שפיטאל, האט דער רבי געזאגט די ווערטער פון די גמרא (ברכות דף ה' ע"ב) רבי חייא בר אבא חלש, על לגביה ר' יוחנן, א"ל חביבין עליך יסורין, א"ל לא הן ולא שכרן. א"ל הב לי ידך. יהב ליה ידיה, ואוקמיה". און דער רבי איז ארויסגעגאנגען.

א קורצע תקופה שפעטער איז דער רבי געווען אין א שווערן מצב, ווען ער האט געהאט א מסוכנ'דיגע אפעראציע אויף די פיס, איז רבי יענקעלע ארויסגעפארן צום ציון פון זיין שווער **הרה"ק רבי איציקל זלה"ה** קיין פיטע-האלאנד, זאגנדיג "איך בין אים שולדיג אן הכרת הטוב, ער האט מיך אויסגעבעטן"...

יא. עס איז געווען עש"ק ראה כ"ז מנחם אב תשנ"ז לפ"ק, ווען דער **ספינקער רבי זלה"ה** איז ארויסגעקומען צום ציון הק' אין קרית יואל, און ער האט זיך איינגעמאלדן אז ער וויל קומען באזוכן ביים **רבי'ן מרן הברך משה זלה"ה** בביתו נאוה קודש אין קרית יואל.

במשך דעם גאנצן ערב שבת האט דער רבי כסדר געפרעגט "ווען קומט דער ספינקער רבי?! ער קומט שוין?! ער איז שוין אויפן וועג?! ווען וועט ער זיין דא?!", עס איז געווען זייער אויפפאלענד פאר די מקורבים דעם רבי'נס אויסטערלישע אינטערעסע אינעם ספינקער רבי'נס באזוך, אז ער האט זיך כסדר נאכגעפרעגט דערויף.

למעשה איז געווען א גרויסער טראפיק אויפן וועג, און דער ספינקער רבי האט זיך אויסגעדרייט אינמיטן וועג און ער איז נישט אנגעקומען קיין קרית יואל יענעם עש"ק צום ציון הק', און ער האט נישט באזוכט ביים רבי'ן.

מיט געציילטע שעות דערויף, ליל שב"ק פרשת ראה כ"ז מנחם אב, אינמיטן די דברי תורה בשולחנו הטהור איז דער ספינקער רבי ז"ל פלוצלונג נסתלק געווארן לחה"ה.

די ביטערע בשורה איז אנגעקומען קיין קרית יואל דורך די פאליצייט נאך שבת ביינאכט, און נישט וואוסנדיג קיין פרטים האט מען מזכיר געווען ביים רבי'ן 'שמואל צבי בן הינדא שינדל' לרפוה שלימה, איז געווען א פלא אז דא האט דער רבי בכלל נישט רעאגירט, ער האט געפרעגט עטליכע מאל פון וועמען מ'רעדט וכדומה, כאטש וואס מיט עטליכע שעה פריער האט דער רבי נישט אויפגעהערט זיך פאראינטערעסירן איבערן ספינקער רבי'ן, האט ער זיך דא כמעט נישט וואוסנדיג געמאכט פון די הזכרה.

שפעטער איז מען געוואויר געווארן אז עס איז שוין געווען נאך די הסתלקות לחה"ה.

ו' של) עס האט געזאגט ברבים

## הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

### שימוש תלמידי חכמים ביים סאטמארער רבי'ן

אין א שמועס וואס **הגאון רבי אביגדור מיללער ז"ל** האט געזאגט איבערן די חשיבות פון משמש זיין גדולי ישראל תלמידי חכמים, דאס ברענגט נאנט צום רבש"ע, זאגט ער בתוך הדברים בזה"ל:

"פארשטייט זיך אז תלמידי חכמים קענען זיין גאר פארנומען, מעגליך אז וועט מ'וועט זוכן צו פארברענגען מיט זיי וועלן זיי דיך אפשטויסן, אבער דאס איז דיין עבודה, צו טוהן וואס דו קענסט צו זיין נאנט מיט זיי".

"לאמיר נעמען א ביישפיל דער סאטמארער רבי (מרן הברך משה זי"ע) ער איז א ערליכער איד, איך קען אים פערזענליך, אבער ער איז זייער א פארנומענער מענטש, ער לערנט א גאנצע צייט, און מענטשן קומען צו אים נאכאנאנד מיט שאלות. אבער, לאמיר זאגן, דו גייסט צו אים און דו זאגסט "איך האב געהערט א דרשה פון הרב מיללער, און איך וויל ווערן נאנט מיט אייך", און ער ענטפערט 'איך האב נישט צופיל צייט', וועסטו זאגן "עס איז מעגליך כאטש צו טראגן פאר אייך אייער טלית צום שוהל?!", וועט דער רבי ענטפערן "עס פעלט נישט אויס, איך טראג עס אליין", וועסטו זיך בעטן ביי אים "ביטע רבי, טוט מיר א טובה, לאזט מיר טראגן אייער טלית".

ער וועט זיכער נישט פארברענגען קיין צייט זיך צו טענה'ענען מיט אייך אינמיטן די גאס, וועט ער אייך צוליב טוהן, אזוי גייט איר אונטער אים טראגנדיג זיין טלית, און איר רעדט נישט מיט אים, אבער איר גייט נאר נאנט צו אים, דארפט איר וויסן אז איר האט דערגרייכט א געוואלדיגע זאך. אפילו מ'איז נישט קיין חסיד פונעם סאטמארער רבי'ן, אבער אויב האט מען א זכי' צו טראגן זיין טלית, ווערט מען דורכדעם נענטער צום באשעפער, אן קיין ספק! (תורת אביגדור פר' ויקרא).

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**

כל הזכויות שמורות להמו"ל


# אז תתענג

**דברי תורה וחסידות ועניני מוסר מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע**
**יוצא לאור מדי שבוע בשבוע וליומא דפגרא להתענג בתענוג רוחני במילי דחדוותא**

## פרשת אחרי-קדושים תשפ"ג לפ"ק - כיתה ו'


בעזהשי"ת

לע"נ אאמו"ר מו"ה **אברהם** ב"ר **משה זאב** ז"ל (ראזענבערג) - ב' מנחם אב תשע"ה
ולע"נ אחי מו"ה **יצחק** ב"ר **אברהם** ז"ל - ז' ניסן תשפ"ב
ולע"נ מו"ה **משה זאב** ע"ה ב"ר **מיכאל דוב** שליט"א (פישער) - ולע"נ מו"ה **אליעזר צבי** ע"ה ב"ר **יום טוב הלוי** שליט"א (יאזשעף)

**איש אמו ואביו תיראו.**

די תורה שרייבט, **איש אמו ואביו תיראו**, אז יעדער מענטש זאל זיך פארכטן פון זיין מוטער (מאמע), און פון זיין פאָטער (טאטע).

מ'קען מרמז זיין אין דעם פסוק, אז די תורה שרייבט, אז א מענטש זאל מורא האבן צו טאן, אפילו אזעלכע זאכן וואס מ'מעג טאן, אויב דאס קען חלילה צוברענגען צו טאן אן איסור.

אזוי ווי די גמרא זאגט, אז מ'זאגט פאר א נזיר - וועלכער טאר נישט עסן קיין טרויבן און טרינקען וויין - אז ער זאל אפילו נישט דורכגיין נעבן א וויינגארטן, ווייל אפשר וועט ער צוקומען צו אַן איסור, אז ער וועט עסן טרויבן, אדער טרינקן וויין.

דאס קען זיין א רמז אין פסוק, **איש**, יעדער מענטש, **אמו**, פאר'ן **מותר**, אז זאך וואס מ'מעג טאן, (דאסווארט **מותר** מיט א תי"ו, וואס ס'מיינט, א זאך וואס מ'מעג, זאגט זיך די זעלבע ווי דאס ווארט **מוטער**, מיט א טי"ת, וואס ס'מיינט, א מאמע), **ואביו**, און פאר'ן **פטור**, א זאך וואס ס'מאיז נישט חייב אויב מ'האט דאס געטאן, (דאס ווארט **פטור**, וואס ס'מיינט, א זאך וואס מ'איז נישט חייב, זאגט זיך ענליך ווי דאס ווארט **פאָטער**, וואס ס'מיינט, א טאטע), **תיראו**, זאלט איר מורא האבן, אז אפילו אזעלכע זאכן, וואס ס'איז נישט ממש קיין איסור, דאך זאל מען דאס נישט טאן, אויב דאס קען צוברענגען אן איסור חלילה.

(הרה"ק ר' נח מלעכעוויטש זצ"ל)

* * *

**איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס שטייט נאנט די מצוה פון מורא האבן פון די עלטערן, צו די מצוה פון שבת.

מ'קען דאס פארענטפערן, אז דער רמב"ן איז מסביר דעם טעם פארוואס די תורה האט באפוילן אז מ'דארף מכבד זיין און מורא האבן פון א טאטע און א מאמע, ווייל די עלטערן זענען שותפים אין די באשאפונג פון א מענטש, דעריבער קומט זיך פאר די עלטערן, אז דאס קינד זאל זיי חשוב האלטן.

אבער לכאורה איז שווער, די גמרא זאגט דאך אין מסכת עירובין (דף י"ג:) נוח לו לאדם שלא נברא משנברא, אז ס'איז בעסער פאר א מענטש, אז ער וואלט נישט באשאפן געווארן, ווייל דורכדעם וואס ער איז באשאפן געווארן, קען ער חלילה זינדיגן, אויב אזוי, איז דאך לכאורה נישט קיין טובה אז דער מענטש איז געבוירן געווארן, איז דאך שווער צו זאגן די סברא פון רמב"ן, אז דערפאר דארף מען מכבד זיין די עלטערן, ווייל זיי זענען שותפים אין די באשאפונג פון א מענטש.

נאר, מ'קען פארענטפערן, אז תוספות זאגט דארט, אז דאס וואס מ'זאגט, אז ס'איז בעסער אז מ'וואלט נישט באשאפן געווארן, איז נאר ביי סתם א מענטש, אבער ביי א צדיק איז נישט אזוי, נאר פארקערט, ס'איז בעסער אז ער איז יא באשאפן געווארן.

די גמרא זאגט אין מסכת שבת (דף קי"ח:) אז א מענטש וואס היט אפ דעם שבת אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז אים הקב"ה מוחל אלע זיינע עבירות, קומט אויס, אז דורך היטן שבת, איז מען א צדיק, און ביי א צדיק זאגט מען דאך, אז ס'איז בעסער אז ער איז יא באשאפן געווארן.

מיט דעם קען פארשטיין, פארוואס די תורה שרייבט נאנט די צוויי מצות **איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו**, ווייל נאר אויב מ'היט אפ דעם שבת, דעמאלט איז שייך צו זאגן אז מ'דארף מורא האבן פון די עלטערן, ווייל דורך היטן שבת ווערט מען דאך א צדיק, ממילא איז דאך א גוטע זאך אין דעם וואס זיינע עלטערן זענען שותפים אין זיין באשאפונג, ממילא דארף מען זיי מכבד זיין.

(חתם סופר)

* * *

# פסח שני

ענינים ומנהגים לי"ד אייר - פסח שני
וואס געפאלט אויס קומענדיגן
**פרייטאג פר' אמור**

## פסח שני

ס'שטייט אין פרשת בהעלותך, ווען די אידן האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח אין מדבר, די צווייטע יאר פון יציאת מצרים, זענען געווען געוויסע מענטשן וואס זענען געווען טמא צו א מת, און האבן נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח, זענען זיי געקומען צו משה און אהרן און האבן געפרעגט למה נגרע, פארוואס זאלן מיר פארמינערט ווערן און נישט קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח.

כאטש די הלכה איז אז א טמא'נער מענטש טאר נישט מקריב זיין קרבן, איז געווען זייער טענה, אז אזוי ווי דעם זיבעטן טאג פון זייער טומאה איז אויסגעפאלן אין ערב פסח, און ביינאכט - ווען עס וועט זיין די זמן פון אכילת פסח - וועלן זיי שוין זיין טהור, זאלן טהור'ע כהנים שחט'ן און שפריצן די בלוט פון זייער קרבן פסח און זיי וועלן קענען עסן ביינאכט פון זייער קרבן.

משה רבינו האט נאכנישט געהערט פון הקב"ה וואס דער דין איז אין אזא פאל, האט ער געענטפערט, זיי זאלןווארטן, ער וועט פרעגן פון הקב"ה וואס מ'זאל טאן.

חז"ל זאגן, אז באמת וואלט די פרשה געדארפט געזאגט ווערן צו משה פונקט ווי אנדערע פרשיות, נאר די מענטשן האבן געהאט א זכיה אז די פרשה זאל געזאגט ווערן דורך זיי, מגלגלין זכות על ידי זכאי, א גוטע זאך קומט דורך ערליכע מענטשן.

האט הקב"ה געזאגט צו משה, אז מ'קען נישט שפריצן די בלוט וועגן זיי, נאר די עצה איז, אז אלע מענטשן וואס זענען טמא אין י"ד ניסן, אדער זיי זענען געווען אינדרויסן פון די עזרה און האבן געהאט אן אונס אז זיי האבן נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח, זאלן דאס מקריב זיין אין י"ד אייר.

אין די גמרא איז דא א מחלוקת, ווער עס זענען געווען די מענטשן וואס האבן געפרעגט די שאלה פון משה, טייל זאגן, אז דאס זענען געווען די וואס האבן געטראגן יוסף הצדיק'ס ארון (צו קענען באערדיגן אין ארץ ישראל), טייל זאגן, אז דאס זענען געווען מישאל און אלצפן, וואס האבן זיך מטמא געווען ארויסצונעמען נדב ואביהוא פון קדשי קדשים, ווען זיי זענען נפטר געווארן ביום הקמת המשכן.

ס'שטייט אין ספר החינוך, אז לכאורה פארוואס פונקט ביי די מצוה פון קרבן פסח האט די תורה געגעבן א צווייטע זמן, אז ווער ס'האט נישט געקענט ברענגען דעם קרבן דעם ערשטן זמן, זאל דאס קענען משלים זיין אין א צווייטע זמן, א זאך וואס מ'געפינט נישט ביי קיין שום מצוה.

ענטפערט דער חינוך, ווייל די מצוה פון קרבן פסח איז דער יסוד פון אונזער אמונה, ווייל די ניסים פון יציאת מצרים האבן געוויזן אז ס'איז דא נאר איין איינציגער באשעפער וואס קוקט זיך אום אויף די גאנצע וועלט, און ער שטראפט די רשעים, און גיבט שכר פאר די צדיקים, ממילא האט הקב"ה געוואלט אז ממש יעדער איד זאל מקיים זיין די מצוה, אפילו דער וואס האט נישט געקענט מקריב זיין דעם פסח ראשון צוליב א אונס, זאל דאס מקריב זיין אין פסח שני.

## מנהגים

עס ווערט געברענגט, אז ס'איז א מנהג א מנהג צו עסן מצה אין פסח שני.

דער לקוטי מהרי"ח ברענגט, אז זענען דא וואס עסן די מצה, די נאכט פון ט"ו אייר, ווייל דעמאלס האט מען געגעסן די פלייש פון קרבן פסח שני און מ'האט געדארפט עסן א כזית מצה צוזאמען מיט די פלייש, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (במדבר ט' י"א) על מצות ומרורים יאכלוהו, און ביי אנדערע צדיקים - בפרט ביי די תלמידי בעל שם זי"ע - האט מען זיך געפירט צו עסן די מצה י"ד אייר, אויך זענען דא מענטשן וואס מאכן אין דעם טאג א סעודה.

פסח שני פירט מען זיך, אז מ'פאסט נישט, און מ'זאגט נישט קיין תחנון.

## עת רצון

ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז פסח שני גייט ארויס א כרוז (מ'רופט אויס) פון הימל, אז ווער ס'האט נאכנישט געקענט זען די שכינה ביז יעצט, זאל קומען און זיך דערנענטערן צו די שכינה פאר מ'פארשפארט די טויערן, ווייל נאך זיבן טעג פארשפארט מען די טויערן.

וועגן דעם שטייט פון הרה"ק ר' מרדכי מ'טשערנאבעל זצ"ל אז די זיבן טעג נאך פסח שני, זאגט מען נישט קיין תחנון, וויבאלד די טויערן זענען אפן, זענען דאס ימי שמחה.

* * *

# ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון

## משנה א'

[עקביא בן מהללאל זאגט, זאלסט אריינקלערן אין דריי זאכן וועסטו נישט צוקומען צו טאן אן עבירה. זאלסטו וויסן פון וואו דו קומסט, און וואו דו וועסט גיין (נאך די הונדערט און צוואנציג יאר), און **פאר וועמען דו וועסט דארפן אפגעבן א דין וחשבון** (אויף יענע וועלט)]

### מ'האט אים געגעבן גן עדן פאר אלעם

דער הייליגער צאנזער רב בעל מחבר ספה"ק דברי חיים זי"ע האט דערציילט אז אין די זעלבע צייט ווען הרה"ק רבי שמשון ווערטהיימער זי"ע אב"ד וויען איז נפטר געווארן, י"ז מנחם אב אין יאר תפ"ד, איז אויך נפטר געווארן א פשוט'ער איד וועלכער האט נישט צופיל געלערנט און זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, איין גוטע זאך וואס ער האט געטאן איז, אז ער האט אנגעפירט א גמ"ח וואו ער פלעגט טוישן געלט פאר מענטשן.

ביידע זענען צוזאמען ארויפגעקומען פאר'ן בית דין של מעלה, קודם האט מען געפרעגט ר' שמשון, וואס ער האט געטאן אויף דער וועלט, האט ר' שמשון דערציילט זיין סדר היום, יעדע נאכט איז ער אויפגעשטאנען און געזאגט תיקון חצות ווי ער האט געקלאגט און געוויינט אויף גלות השכינה, דערנאך האט ער זיך געזעצט לערנען ביז אינדערפרי, דערנאך האט ער געטרונקען א קאווע, און געדאווענט שחרית, דערנאך האט ער געגעסן פת שחרית, און ער האט געמאכט זיכער אז נאך עטליכע ארימעלייט זאלן עסן צוזאמען מיט אים, דערנאך האט ער זיי געגעבן א שיינע נדבה, און דערנאך איז ער געגאנגען צו דער ארבעט.

נאך עטליכע שעה האנדלן, האט ער זיך געזעצט לערנען ביז מנחה מעריב, דערנאך איז ער אהיימגעגאנגען מיט עטליכע געסט וועלכע האבן נישט געהאט ווי איינצושטיין, און ער האט אלע שיין מכבד געווען, דערנאך האט ער זיך געלייגט שלאפן, און דעם אנדערן אינדערפרי האט ער ווידער געפירט דעם זעלבן סדר היום, פארשטייט זיך אז פאר אזא ערליכע פירונג האט מען גלייך געפסק'נט גן עדן.

### ער וועט מסתמא באקומען מער גן עדן

דער פשוט'ער איד וועלכער האט אלעס מיטגעהאלטן, ווען ער האט געהערט אז מ'האט גע'פסק'נט פאר ר' שמשון גן עדן, איז ער געווארן מלא שמחה, אויב בלויז פאר'ן טרינקען איין קאווע און עסן פרישטאג און ארבעטן עטליכע שעה באקומט מען אזויפיל גן עדן, איז דאך זיכער אז ער וועט באקומען אסאך מער גן עדן, ווייל ער האט געטאן אסאך מער גשמיות'דיגע צרכים.

שטייענדיג פאר'ן בית דין של מעלה, האט מען אים געפרעגט וואס ער האט געטאן אונטן אויף די וועלט, האט ער געענטפערט מיט א זיכערקייט, יעדן אינדערפרי האב איך געטרינקען עטליכע קאוועס, דערנאך בין איך געפארן צו מיין ארבעט מיט א פראכטפולן וואָגן, איך האב אנגעפירט גרויסע געשעפטן, ביינאכט האב איך געגעסן א רייכן נאכטמאל, דערנאך בין איך געגאנגען שלאפן און זיך געגרייט צום קומענדיגן טאג.

פארשטייט זיך אז מ'האט גע'פסק'נט גיהנם, ווען דער איד האט דאס געהערט, האט ער זיך אנגעהויבן צו טענה'ן, פרעגענדיג איז דען דא אן עולם האמת, מיט עטליכע מינוט צוריק האט מען געגעבן פאר א איד גן עדן פאר כמעט די זעלבע זאכן וואס איך האב געטאן, און מיך שיקט מען אין גהינם.

### נאר צוזאמען מיט מעל קען מען פארקויפן שטרוי

האט מען אים געענטפערט, אז מ'וועט דיר דאס ערקלערן מיט א משל, ס'איז אמאל געווען א שטאט וואו

מ'האט געזוכט צו קויפן פיינע מעל, איז אנגעקומען א סוחר מיט צוויי הונדערט טויזנט פונט מעל, אבער די זעק זענען געווען אויסגעמישט מיט נאך צוויי הונדערט טויזנט פונט שטרוי, אין יענע צייטן איז די פרייז פון מעל געווען זעקס רובל א פונט, ווען די מענטשן האבן אים געפרעגט וויפיל ער בעט פאר א פונט מעל, האט ער געענפערט דריי רובל, ווען די סוחרים האבן געהערט אז ער בעט בלויז האלב פרייז, האבן זיי שנעל געוואלט אלעס אפקויפן, ווייל ס'איז דאך א מציאה רבה, האט זיך דער סוחר אנגערופן, איך האב אויך מיטגעברענגט צוויי הונדערט טויזנט פונט שטרוי, און איך פארקויף די מעל נאר צוזאמען מיט די שטרוי, האבן זיי אים געפרעגט וויפיל ער בעט פאר די שטרוי, האט ער געענטפערט דעם זעלבן פרייז ווי פאר די מעל, דריי רובל, האבן זיך די סוחרים אויפגערעגט אויף אים און געפרעגט, פאר די שטרוי וואס מ'קען גארנישט טאן מיט דעם בעטסטו דעם זעלבן פרייז ווי פאר די מעל, אבער דער סוחר האט בשום אופן נישט געוואלט מוותר זיין, ער האט געזאגט, איך פארקויף נאר ביידע צוזאמען, דעריבער זענען רוב סוחרים אוועקגעגאנגען פון אים.

אבער איין סוחר א חכם האט זיך געמאכט א חשבון, אז סוף כל סוף דארף איך דאך די מעל, וואס שטערט מיך אז ער בעט אויך געלט פאר די שטרוי, ס'איז דאך ממילא נישט טייערער, אנשטאט ער זאל בעטן זעקס רובל פאר א פונט מעל, בעט ער דריי רובל פאר א פונט מעל און דריי רובל פאר א פונט שטרוי, עס לוינט זיך מיר צו קויפן די מעל, און דערנאך וועל איך אוועקווארפן די שטרוי, ער האט טאקע אפגעקויפט די גאנצע מעל, און ער האט דאס דערנאך ווייטער פארקויפט און געמאכט שיין ריוח.

ווען דער סוחר האט געזען אז ער האט באוויזן צו פארקויפן אויך די שטרוי, איז ער געווארן זייער פרייליך, אויפ'ן וועג צוריק צו זיין שטאט, האט ער געטראפן זיין חבר אן אנדערע סוחר וועלכער האט אים געפרעגט אויב ער האט מצליח געווען, האט ער געענטפערט, זיכער האב איך מצליח געווען, איך האב אפילו פארקויפט מיין שטרוי, און איך האב פארדינט דערויף פונקט אזוי ווי די מעל.

ווען דער צווייטער סוחר האט דאס געהערט, האבן זיינע אויגן אויפגעלאכטן, אויב אזוי, האב איך דאך א גאלדענעם געשעפט, עס זעט אויס אז די מענטשן פון יענעם שטאט נויטיגן זיך אין שטרוי, און זיי צאלן דערפאר א טייערען פרייז, אויב אזוי וועל איך אהין ברענגען עטליכע וואגאנען מיט שטרוי און איך וועל ווערן אן עושר.

ער האט טאקע געטאן, ער איז שנעל צוריקגעפארן צו זיין שטאט און ער האט אנגעלאדנט עטליכע וואגאנען מיט שטרוי, און איז געפארן צו יענעם שטאט פון וואו זיין חבר איז געקומען, און זיך געשטעלט אין מארק פארקויפן.

אסאך קונים האבן אים ארומגענומען און געוואלט זען וואס ער האט געברענגט, אבער ווי נאר מ'האט געזען אז ער פארמאגט נאר שטרוי, זענען זיי אלע אוועקגעגאנגען, זעענדיג אז קיינער וויל נישט קויפן, האט ער זיך גענומען שרייען, איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאָר, מיט עטליכע טעג צוריק האט מיין חבר מיר דערציילט אז איינער האט דא געצאלט פאר שטרוי דעם זעלבן פרייז ווי מעל, און פארוואס יעצט קויפט קיינער נישט.

האבן אים די מענטשן אויסגעלאכט, יענער סוחר האט געברענגט מעל צוזאמען מיט די שטרוי, און וויבאלד ער האט דאס נישט געוואלט פארקויפן עקסטער, האט מען אים אויך געצאלט פאר די שטרוי, אבער דו האסט דאך נאר געברענגט שטרוי, ווער ברויך דאס.

**די גשמיות איז נישט דער עיקר**

האט דער הייליגער דברי חיים אויסגעפירט, דער פשוט'ער איד האט נעבעך געמיינט, אז פאר'ן פריערדיגן צדיק ר' שמשון פון וויען, האט מען געגעבן גן עדן פאר'ן ארבעטן און טרינקען קאווע, ס'איז אבער נישט אזוי, דער עיקר איז געווען ביי אים תורה און עבודה, און אגב האט ער שוין אויך באקומען שכר פאר די איבריגע זאכן וועלכע האבן אים צוגעהאלפן צום לערנען און דאווענען, אבער דער פשוט'ער מענטש וואס דער עיקר איז געווען טרינקען קאווע און פארברענגען, און נאר אגב האט ער אביסל געהאלפן אידן, אויף דעם באקומט נישט נאר גן עדן.

האט דער הייליגער צאנזער רב אויסגעפירט, אז דער עיקר ביי א איד דארף זיין תורה און עבודת השם, דאס איז דער עיקר חשיבות אויף יענע וועלט, און אלע צרכי עולם הזה זענען נאר א טפל.

# ואהבת לרעך כמוך

### נאר אויב מ'איז אייניג מיט'ן חבר, דעמאלט איז אני ה'

ווען דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע איז געווען א יונג קינד, האט אים זיין מלמד אויסגעלערנט א כלל, אז איבעראל וואו ס'שטייט צוויי מאל דאס אות יו"ד, איינער נעבן דעם אנדערן, איז דאס א שם (הקב"ה'ס נאמען).

ווען ער איז אנגעקומען צו א ווארט וואס האט געהאט אונטער זיך א שו"א, האט ער געזאגט דעם שֵׁם, מיינדיג אז דאס איז אויך הקב"ה'ס נאמען.

האט אים זיין מלמד געזאגט, אז איך האב דיר געגעבן דעם סימן נאר אויב ס'שטייט צוויי מאל די אות יו"ד איינע נעבן די אנדערע, אבער אויב ס'איז איינס העכער די אנדערע, ווי א שו"א, איז דאס נישט קיין שֵׁם.

דאס קען זיין מרומז אין פסוק, ואהבת לרעך כמוך אני ה', אויב א איד האט ליב א צווייטן איד, און איז אייניג מיט אים, דעמאלט, אני ה', איז דאס א שֵׁם, הקב"ה איז דארט, אבער אויב איינער האלט זיך העכער ווי דעם צווייטן (אזוי ווי א שו"א, וואס איין נקודה איז העכער דעם צווייטן), דעמאלט איז ח"ו נישט אזוי.

### הקב"ה פירט זיך מיט דיר, אזוי ווי דו צו דיין חבר

דער הייליגער ר' בונם מפרשיסחא זי"ע, האט געטייטשט פשט אין פסוק ואהבת לרעך כמוך אני ה', פונקט ווי דו פירסט זיך אויף צו דיין חבר, אזוי פירט זיך הקב"ה צו דיר, למשל, אויב דו ווערסט נישט אין כעס אויף דיין חבר אפילו ווען ער האט דיר שלעכטס צו דיר, וועט הקב"ה אויך אזוי טאן צו דיר, אפילו אויב דו האסט זיך חלילה נישט גוט אויפגעפירט, וועט דיר הקב"ה מוחל זיין, און אזוי ווייטער, אויב דו האסט ליב דיין חבר, וועט הקב"ה דיך ליב האבן.

דאס איז מרומז אין פסוק ואהבת לרעך, דו זאלסט ליב האבן דיין חבר, ווייל כמוך, אזוי ווי דו פירסט זיך צו דיין חבר, איז אני ה', וועט זיך הקב"ה פירן מיט דיר.

### דער קעניג האט געבעטן צו ווערן זייער חבר

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט דערציילט, עס זענען אמאל געווען צוויי גאר גוטע חברים, וואס זענען געווען צוגעבינדן איינער צום צווייטן מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, איינמאל האט מען געמאכט א בלבול אויף איינעם פון די צוויי אז ער איז א שפיאנער, און מ'האט אים פאראורטיילט צו טויט.

אין יענע צייטן איז געווען איינגעפירט אז אויב מ'האט איינעם גע'הרג'ט אויף שפיאנאש, האט מען אויסגערופן אין גאנצן לאנד, אז אין יענעם טאג וועט מען אויפהענגען יענעם מענטש, און יעדער איז זיך צוזאמענגעקומען אינמיטן די שטאט, כדי קיינער זאל מער נישט אזוי טאן.

פאר'ן אויספירן דעם שטראף פלעגט מען אים פרעגן זיין לעצטע ווּאונטש, און דער מענטש האט געבעטן, אז מ'זאל אים לאזן אהיימפארן, זיך צו קענען געזעגענען פון זיין משפחה, האט מען אים געפרעגט, ווער וועט זיין דער עָרֵב (האפטן) וואס זאגט צו, אז דו וועסט צוריקקומען צום באשטימטן טאג, האט ער געענטפערט, מיין חבר, מ'האט אים נאכגעגעבן זיין בקשה, און מ'האט גענומען זיין חבר אלס משכון.

ווען ס'איז אנגעקומען דער באשטימטער טאג, איז דער וועמען מ'האט געדארפט הרג'ענען נאכנישט צוריקגעקומען, האט מען זיך געגרייט אויפצוהענגען זיין חבר, אבער אינמיטן די לעצטע הכנות, איז דער ערשטער שנעל געקומען צו לויפן, און זענענדיג פונדערווייטענס ווי מ'האלט שוין ביים ארויפלייגן דעם שטריק אויפ'ן האלז פון זיין חבר, האט ער זיך גענומען שרייען, אז מ'זאל ווארטן, ווייל ער איז דא, אבער דער חבר האט געשריגן, ניין, וויבאלד יענער איז נישטא געווען צום באשטימטן צייט, זאל מען אים אויפהענגען אנשטאט זיין חבר.

ס'איז געווארן א גרויסער טומל, אלע מענטשן האבן צוגעקוקט מיט שטוינונג די אומגעווענליכע ערשיינונג וואס ס'האט זיך אפגעשפילט פאר זייערע אויגן, יעדער איז געווען נייגעריג צו זען ווי אזוי ס'וועט זיך ענדיגן, אינמיטן די טענה'רייען האט דער קעניג זיי ביידע צוגערופן, זאגענדיג, מ'זאל קיינעם נישט אויפהענגען, ווייל אויב זיי האבן אזעלכע אייד'לע מידות, איז זיכער אז קיין איינע פון זיי איז נישט קיין שפיאנער, און דער קעניג האט זיי געבעטן, נעמט מיך אויך אריין אין אייער בונד, און ער וויל אויך זיין א חבר מיט זיי.

מיט דעם האט דער הייליגער ריזשינער געטייטשט דעם פסוק, ואהבת לרעך כמוך אני ה', זאלסט ליב האבן דיין חבר אזוי ווי דיר אליין, און אויב דו וועסט צוקומען צו די געהויבענע מדריגה אז דיין חבר וועט זיין ממש אזוי חשוב ווי דיר, דאן אני ה', זאגט הקב"ה וועל איך אויך רוען צווישן ענק, און ווערן א שותף צו אייער בונד.

### שפירן וואס עס פעלט פאר יענעם

הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זי"ע האט געזאגט, איך האב זיך געלערנט אמת'ע אהבת ישראל פון א פויער, אמאל האט ער געזען ווי א פויער זיצט מיט אן אנדערן פויער אין א קרעטשמע, און ווען זיי האבן זיך אביסל אנגע'שיכור'ט, האט איינער געפרעגט דעם צווייטן, זאג נאר, דו האסט מיך ליב, ענטפערט יענער, יא, פרעגט דער ערשטער, דו ווייסטו וואס עס פעלט מיר, ענטפערט יענער, פון וואו זאל איך וויסן וואס עס פעלט דיר, זאגט דער ערשטער, אויב אזוי, ווי אזוי זאגסטו אז דו האסט מיך ליב, ווען דו שפירסט נישט וואס עס פעלט מיר.

האט רבי משה לייב אויסגעפירט, אז פון דעם זעט מען אז אמת'ע אהבת ישראל מיינט, אז מ'שפירט וואס יענעם פעלט און וואס עס טוט אים וויי, און מ'האט מיטלייד מיט'ן חבר.

### ס'איז גלייך ווי דו שטראפסט דיך אליין

ס'שטייט אין ירושלמי (נדרים דף ל.) א משל, צו פארשטיין ווי אזוי א מענטש קען מוחל זיין פאר א חבר אויף א שלעכטס וואס יענער האט אים געטאן, א מענטש זאל גוט אריינטראכטן, וואס וועט ער טאן אויב ער שניידט א שטיקל פלייש מיט א מעסער, און נישט וועלענדיג האט ער אריינגעשניטן אין זיין האנט, איז דען שייך צו זאגן אז ער וועט באשטראפן די האנט וועלכע האט צושניטן די אנדערע האנט, זיכער אז נישט, ביידע הענט זענען ביי אים ווי איינס.

דאס זעלבע זאל א מענטש טראכטן ווען זיין חבר טוט אים עפעס שלעכטס, אז ס'איז דא א מצוה ואהבת לרעך כמוך, דיין חבר זאל זיין ווי דיר אליינס, ממילא איז נישט שייך צו זיין ברוגז אויף יענעם.

מיט דעם טייטשט הרה"ק רבי ר' יהונתן אייבשיץ זי"ע פשט אין פסוק, לא תקום ולא תטור, זאלסט נישט נקמה נעמען פון דיין חבר, פארוואס, ווייל ואהבת לרעך כמוך, מ'דארף יענעם ליב האבן ווי זיך אליין, און אויב דו וועסט יענעם שטראפן איז דאך גלייך ווי דו נעמסט נקמה פון דיר אליין.

### זאלסט אבער נישט טרעטן אויף יענעם

כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק זצ"ל פלעגט נאכזאגן בשם צדיקים בדרך צחות, פארוואס ווערט דער אות 'צ' אנגערופן מיט'ן נאמען צדיק.

ווייל ער טראגט אויף זיין פלייצע צוויי יודי"ן, (ביים אויבערשטן חלק פונעם אות 'צ' זענען דא צוויי מאל די אות יו"ד), און איינער וואס טראגט א יו"ד אויף זיך, איז ראוי צו ווערן אנגערופן מיט'ן טיטול "צדיק".

אויב אזוי דארף מען פארשטיין, פארוואס ווערט דער אות 'א' נישט אנגערופן מיט'ן נאמען "צדיק", ס'איז דאך אויך דא העכער אים די אות יו"ד.

דער תירוץ איז, אז דער אל"ף טראגט טאקע א יו"ד פון אויבן, (ביי די רעכטע זייט) אבער ער האט אויך די אות יו"ד פון אונטן, (אויף די לינקע זייט פון אונטן), דאס אז מ'טראגט א יו"ד העכער זיך און בשעת מעשה צוטרעט מען א צווייטן יו"ד איז גארנישט ווערד.

איינער וואס קען נישט טראגן קיין יו"ד נאר ווען ער טרעט אויף א צווייטן יו"ד, קען נישט זיין קיין צדי"ק...

# הכנה צו מתן תורה

## אײדלקײט

דער הײליגער בני יששכר (מאמר חודש ניסן מאמר י"ב) ברענגט פון חיד"א, אז דערפאר האבן די אידישע קינדער געדארפט דורכגײן דעם שווערן גלות מצרים פאר זײ האבן מקבל געווען די הײליגע תורה, ווײל זײ זענען נאכנישט געווען גענוג אײדל צו קענען מקבל זײן אזא הײליגע תורה, ווײל די תורה איז נאר רחניות, נאר הײליגקײט, און ס'קען נישט ארײנגײן, נאר אין אײדעלע און רײנע הערצער, דערפאר האבן די אידן געדארפט ווערן אויסגערײנגט אינעם שווערן גלות, און דערנאך זענען זײ געווארן ראוי מקבל צו זײן די תורה.

## א גוט הארץ

מיט דעם פארשטײט מען, פארוואס פאר קבלת התורה צײלט מען, נײן און פערציג טעג, ווײל די ווערטער **לב טוב**, איז בגימטריא נײן און פערציג, דאס קומט דערמאנען, אז צו קענען מקבל זײן די תורה דארף מען האבן א גוט הארץ, און אָן דעם קען מען נישט קונה זײן תורה.

אזוי ווי די משנה אין אבות רעכנט אויס דעם ענין פון **לב טוב** אלס אײנע פון די אכט און פערציג קנינים, וואס מ'דארף קונה זײן, צו קענען זוכה זײן צו פארשטײן די הײליגע תורה.

אויך שרײבט דער הײליגער בני יששכר (מאמרי חודש אייר מאמר ג') אן אינטערעסאנטע רמז אויף דעם ענין, אז ווען מ'צײלט פון אנפאנג פרשת בראשית צוויי און דרײסיג ווערטער - אזויפיל ווי דאס ווארט **ל"ב** באטרעפט, וועט דאס אויסקומען בײם ווארט **טוב** [**וירא אלקים את האור כי "טוב"**], דאס ווײזט אז צו קענען אנקומען צו די תורה הקדושה וואס ווערט אנגערופן **טוב**, פעלט זיך אויס א **לב טוב**, א גוט הארץ.

די ספרים הקדושים זענען מבאר, אז דאס איז דער פשט, אויף דעם וואס חז"ל זאגן אויפ'ן פסוק **ואהבת לרעך כמוך**, זה כלל גדול בתורה, ווײל צו קענען זוכה זײן צו לימוד התורה, מוז מען קודם האבן אן אײדל און א ווארעם הארץ, מיטלײדן מיט יענעמ'ס ווײטאג, און זיך מיטצופרײען מיט יענעמ'ס שמחה, נישט ח"ו פארקערט, וואס דאס אז מ'פארגינט נישט אז פאר יענעם גײט גוט, איז דער שורש פון די מדה פון קנאה.

ס'שטײט אין מדרש, אז אויך משה רבינו האט דערפאר זוכה געווען איבערצוגעבן די תורה פאר די אידן, ווײל ער האט געהאט א גוט הארץ, ווי דער מדרש דרש'נט דעם פסוק, **טוב עין הוא יבורך**, זה משה רבינו.

## פארגינען יענעם

דער מדרש פירט אויס, אז ווען הקב"ה האט געזאגט צו משה רבינו, אז ער וועט נישט זוכה זײן ארײנצוגײן קײן ארץ ישראל, האט משה רבינו געבעטן, אז אײנע פון זײנע זון זאל איבערנעמען זײן פלאץ, האט אים הקב"ה געענטפערט, דײן געטרײער משרת, יהושע בן נון, וועלכער האט דיך אזוי געטרײ באדינט, ער וועט ארײנפירן די אידן קײן ארץ ישראל, און הקב"ה האט באפוילן פאר משה רבינו, ער זאל ארויפלײגען אײן האנד אויף יהושע און אים בענטשן.

און משה רבינו האט ער געטאן מער ווי ער איז באפוילן געווארן, ער האט געבענטשט יהושע מיט בײדע הענט, און ער האט מתפלל געווען צו הקב"ה, אז יהושע זאל מצליח זײן, דאס מײנט, **טוב עין הוא יבורך**, א גוט הארץ, פארגינען און וואונטשען פאר יענעם דאס בעסטע וואס איז מעגליך, דעריבער האט טאקע משה זוכה געווען איבערצוגעבן די תורה הקדושה פאר די אידן.

## נישט פארשעמען א צווייטן

ס'שטייט אין ירושלמי (דמאי פ"א), אז ר' פנחס בן יאיר איז געגאנגען אויפ'ן וועג צום לערנען, ווען ער איז אנגעקומען צום טייך, האט זיך דער טייך געשטארקט מער און מער, און ער האט נישט געקענט דורכגיין, האט ר' פנחס בן יאיר געזאגט, טייך טייך, וואס האלטסטו מיך צוריק פון גיין, תיכף האט זיך דער טייך געשפאלטן און ער איז דורכגעגאנגען.

האבן אים זיינע תלמידים געפרעגט, צו זיי קענען אויך דורכגיין דעם טייך, האט ר' פנחס בן יאיר געזאגט, אז ווער עס ווייסט ביי זיך, אז ער האט קיינמאל נישט פארשעמט און מזלזל געווען אין דעם כבוד פון זיין חבר, דער קען דורכגיין און ס'וועט אים גארנישט געשען, אבער ווער ס'איז נישט זיכער ביי זיך, זאל בעסער נישט דורכגיין, ווייל דער טייך וועט אים דערטרונקען, זעט מען פון דעם, ווי חשוב ס'איז דער וואס פארשעמט נישט א צווייטן איד.

## געבן כבוד איינער פאר'ן צווייטן

ס'שטייט אין זוהר הקדוש (פ' שלח דף קס"ז), עס זענען געקומען צוויי שלוחים פון די ישיבה אין הימל, צום הייליגן תנא ר' שמעון בן יוחאי, צו לערנען מיט אים סודות התורה, ר' שמעון בן יוחאי האט געפרעגט א שאלה, און איינער פון זיי, איז ארויפגעפלויגן צום הימל און אנגעפרעגט די שאלה, ווען ער איז אראפגעקומען האט ער דערציילט, אז ער האט געזען ווי דער בית דין של מעלה האט גע'משפט א מענטש וואס ס'שטייט ביים טיר פון גן עדן, און די מלאכים האלטן אים צוריק פון אריינגיין אין גן עדן, און דער מענטש שרייט און בעט זיך אז מ'זאל אים אריינלאזן אין גן עדן, און מ'האט געשיקט צוויי מלאכים זאלן גיין צום מלך המשיח, ער זאל ארויסגעבן דעם פסק אויף דעם מענטש, און אלע מלאכים פון די ישיבה אין הימל מוזן דארט זיין.

ווען די צוויי מלאכים זענען צוריקגעקומען האבן זיי געזאגט, ווען מיר זענען אריינגעגאנגען אין היכל פון מלך המשיח, האבן מיר געזען ווי אלע בני הישיבה, האבן זיך דארט צוזאמענגענומען און מ'האט גע'משפט דעם מענטש, און משיח האט ארויסגעגעבן דעם פסק, אז ער זאל בלייבן אינדרויסן פון גן עדן פערציג טעג, און נאכדעם זאל מען אים טראגן אין גיהנום פאר איינס און א האלב שעה.

שרייבט דער זוהר הקדוש, אז דער עונש איז געקומען פאר דעם מענטש, ווייל איינמאל האט איינער פון זיינע חברים געהאלטן א דרשה אין ישיבה, דער נפטר האט געוואוסט אז זיין חבר איז נישט אזוי קלאָר אין א געוויסע זאך וואס ער דארף זאגן ביים דרשה, דער בעל דרשן האט געטראכט אז בשעת די דרשה וועט מען אים דערמאנען און ארויסהעלפן, דער נפטר האט געוואוסט וואס זיין חבר דער בעל דרשן טראכט, האט ער געזאגט פאר די איבעריגע חברים, אז קיינער זאל אים נישט ארויסהעלפן און נישט דערמאנען, נאר יעדער זאל זיין שטיל, און צוליב דעם וואס די חברים האבן אים נישט ארויסגעהאלפן, איז דער בעל דרשן זייער פארשעמט געווארן, איז כאטש דער נפטר האט נישט געהאט קיין שום אנדערע עבירות, נאר דאס וואס ער האט מזלזל געווען אין כבוד פון זיין חבר, איז אים געקומען אזא גרויסער עונש אויף יענע וועלט.

זעט מען, ווי ווייט מ'דארף נזהר זיין אין די כבוד פון א חבר, און זיך ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן, בפרט יעצט אין די טעג פון ספירה, ווען מ'טרויערט אויף ר' עקיבא'ס תלמידים, ווי די גמרא זאגט אין מס' יבמות (דף ס"ב:) אז רבי עקיבא האט געהאט פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים, און אלע זענען ל"ע געשטארבן אין איין צייט, צוליב דעם וואס זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער אינעם אנדערן, און גערעדט לשון הרע (עי' מהרש"א שם), כאטש אלע זענען געווען גאר גרויסע תלמידי חכמים, אבער צוליב די עבירה פון בין אדם לחבירו, איז זיי ליידער געקומען דער עונש, ווייל הקב"ה איז מדקדק מיט צדיקים כחוט השערה, און פארקערט, אויב מ'איז יא געווארנט אין די כבוד פונעם חבר, איז זיכער אז הקב"ה וועט געבן דערויף אסאך שכר.

# יארצייט פון די וואך



עם קומענדיגן מאנטאג י' אייר פאלט אויס די יארצייט פון בעל היכל הברכה

הרה"ק **רבי יצחק אייזיק מקאמארנא** זי"ע

**הרה"ק רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל מקאמארנא זי"ע - באקאנט אלס "רבי אייזיק'ל קאמארנער" - איז געבוירן געווארן אום כ"ה שבט אין יאר תקס"ו, צו זיין פאטער הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע און צו זיין מוטער מרת חנה ע"ה.**

**זיין פאטער רבי סענדר'ל מקאמארנא זי"ע איז געווען איינער פון די פינף הייליגע ברידער, קינדער פון רבי יצחק אייזיק זצ"ל פון סאפרין (אויף די פינף הייליגע ברודער איז באקאנט וואס זייער מאמע די צדיקת הינדא ע"ה האט געזאגט אז זיי זענען מרומז אין פסוק במסל"ה נעל"ה, דאסווארט במסל"ה איז ראשי תיבות די נעמען פון די פינף הייליגע ברידער, בעריש, משה, סענדר, ליפא, הערש, אן אייניקל פון הרה"ק בעל תוספות יום טוב זי"ע.**

גאר א הויכע נשמה

**הרה"ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש דמשק אליעזר - זון פון הרה"ק רבי אייזיק'ל - האט דערציילט, אז זיין זיידע הרה"ק רבי סענדר'ל מקאמארנא האט לאנגע יארן נאך די חתונה געווארט צו געהאלפן ווערן מיט קינדער, איז ער געפארן צום רבי'ן פון לובלין זי"ע און געבעטן ער זאל מתפלל זיין פאר אים.**

**האט דער הייליגער לובלינער אים געזאגט אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, און האט געזאגט אז דאס קינד וועט האבן גאר א הויכע נשמה וואס פילע יארן האט שוין די וועלט נישט זוכה געווען צו אזא גרויסע נשמה.**

**נאך האט דער רבי פון לובלין געזאגט פאר רבי סענדר'ל, אז ער וועט נישט קענען צו לאנג זיין אינאיינעם אויף דער וועלט מיט די נשמה פון דאס קינד, און דער הייליגער רבי פון לובלין האט געפרעגט רבי סענדר'ל צי ער איז מסכים דערויף, האט רבי סענדר'ל געענטפערט, "איך בין מקבל אויף מיר אלעס וואס דער רבי זאגט". צום יאר איז געבוירן געווארן הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע.**

ביים הייליגן חוזה פון לובלין

**אין די יונגע יארן איז הרה"ק רבי אייזיק'ל זי"ע אויפגעוואקסן ביי זיין גרויסן טאטן הרה"ק רבי סענדר'ל זי"ע און גאר אסאך מקבל געווען פון אים.**

**זיין טאטע פלעגט אים כסדר מיטנעמען צו זיין רבי'ן דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע. די הייליגע צורה פונעם רבי'ן פון לובלין איז געבליבן איינגעקריצט אין רבי אייזיקל'ס זכרון. א גאנץ לעבן האט ער געדענקט די הייליגע צורה וואס ער האט זוכה געווען צו זען אלס קינד.**

**אמאל ווען רבי אייזיק'ל איז - אלס יונג קינד - געפארן מיט זיין טאטע צום הייליגן רבי'ן פון לובלין אויף פסח, האט דער הייליגער רבי פון לובלין נאכ'ן סדר גענומען די 'זרוע' פון די קערה און עס געגעבן פאר דעם קליינעם אייזיק'ל. דאס איז געווען א גרויסע חידוש פאר די חסידים, ווייל געווענליך פלעגט דער הייליגער לובלינער געבן די זרוע נאר פאר זיינע גרויסע חשוב'ע תלמידים.**

וועט פארשיינען די גאנצע וועלט

**אין חודש שבט אין יאר תקע"ה, ווען רבי אייזיק'ל איז געווען ניין יאר אלט, איז ער א חתן געווארן מיט די רעביצין גיטל ע"ה, די טאכטער פון הרה"ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע. דער הייליגער רבי פון לובלין איז געווען דער שדכן, אויך האט מען געשריבן די תנאים אין שטוב פון רבי'ן פון לובלין.**

**די חתונה איז פארגעקומען זיבן יאר שפעטער, אין חודש שבט תקפ"ב, ווען רבי אייזיק'ל איז געווען זעכצן יאר אלט, און זיין פאטער רבי סענדר'ל האט שוין דאן נישט געלעבט.**

**ווען רבי אייזיק'ל איז א חתן געווארן, האט דער רבי פון לובלין געזאגט פאר'ן מחותן רבי אברהם מרדכי פון פינטשוב זי"ע, "איך זע אז דער חתן וועט פארשיינען די גאנצע וועלט".**

געווינט זיבן טעג און זיבן נעכט

ווען הרה"ק רבי סענדר'ל איז געווען אכט און פערציג יאר אלט, האט ער געשפירט אז ס'איז געקומען זיין צייט צו נפטר ווערן פון די וועלט, האט ער זיך געזעגנט פון זיין יונג קינד אייזיק'ל - וועלכער איז דאן געווען צוועלף יאר אלט - און געזאגט אז ער דארף וויכטיג פאָרן קיין אונגארן.

ווען רבי אייזיק'ל האט דאס געהערט האט ער געוויינט זיבן טעג און זיבן נעכט, און זיך געבעטן ביי זיין פאטער ער זאל נישט פאָרן קיין אונגארן (ער האט פארשטאנען אז זיין טאטע וועט דארט אוועקגיין פון דער וועלט), אבער זיין טאטע רבי סענדר'ל האט געזאגט "אזוי איז די גזירה פון הימל". רבי סענדר'ל איז געפארן קיין אונגארן צו די שטאט אוהעל וואו עס איז געווען דער רב דער הייליגער ישמח משה זי"ע, ער האט דארט געוויילט פאר א שטיק צייט און איז דארט נפטר געווארן אום כ"א אב אין יאר תקע"ח (רבי סענדר'ל איז געקומען לקבורה אויפ'ן בית החיים אין אוהעל. מיט דריי און צוואנציג יאר שפעטער ווען דער הייליגער ישמח משה איז נפטר געווארן האט מען אים באערדיגט נעבן רבי סענדר'ל).

##ביים פעטער אין זידיטשוב

נאך די פטירה פון רבי סענדר'ל האט זיין ברודער הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש עטרת צבי געלאזט רופן דעם יונגן יתום אייזיק'ל ער זאל קומען קיין זידיטשוב, און ער וועט לערנען מיט אים און זיך זארגן פאר אים אזויווי אן אייגן קינד.

רבי אייזיק'ל איז טאקע געפארן קיין זידיטשוב און זיך דארט אויפגעהאלטן און געלערנט ביים פעטער ביז זיין חתונה.

## זיינע הייליגע רבי'ס

רבי אייזיק'ל איז אויך געפארן צום הייליגן אפטער רב הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש אוהב ישראל, צום הייליגן ראפשיצער רב הרה"ק רבי נפתלי צבי זי"ע בעל מחבר ספר הקדוש זרע קודש און צו זיין איידעם הרה"ק רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע, און צו הרה"ק רבי משה צבי מסאווראן זי"ע.

רבי אייזיק'ל פלעגט אסאך פאָרן קיין אוהעל צום קבר פון זיין טאטן רבי סענדר'ל, און דאן פלעגט ער אויך גיין צום הייליגן ישמח משה זי"ע פון וועם ער האט אסאך מקבל געווען און האט אים פאררעכנט אלס איינע פון זיינע רבי'ס.

## פינטשוב - קאמארנא

נאך די חתונה האט זיך רבי אייזיק'ל באזעצט נעבן זיין שווער אין פינטשוב, שפעטער האט ער זיך געצויגן קיין קאמארנא, וואו ער האט ווייטער געפירט דעם הייליגן הויף פון זיין טאטן, און פילע חסידים זענען געקומען צופארן צו אים צו מקבל זיין תורה און יראת שמים, און געבענטשט ווערן מיט זיינע הייליגע ברכות.

רבי אייזיק'ל פלעגט ארומפארן צו אסאך שטעט און געוויילט דארט אויף שבתים, וואו ער האט מיט זיין הייליגע עבודה מקרב געווען פילע אידישע קינדער לאבינו שבשמים.

## געזעדט יעדן טאג פונעם בעש"ט הקדוש

הרה"ק רבי אלימלך מטאהש זי"ע האט אמאל פורים ביינאכט געזאגט אז הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע האט מקבל געווען פון זיין שווער הרה"ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי"ע טויזנט אמת'דיגע מעשיות פון צדיקים. אויך האט ער געזאגט אז רבי אייזיק'ל האט יעדן טאג גערעדט פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע.

## י' אייר

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע איז נפטר געווארן אום י' אייר אין יאר תרל"ד, זייענדיג אין עלטער פון אכט און זעכציג יאר, און איז געקומען לקבורה אויפ'ן בית החיים אין קאמארנא, וואו מ'האט געבויעט אן אוהל העכער דעם הייליגן ציון.

מ'פלעגט זאגן א רמז אז אין דעם טאג פון זיין יארצייט איז מרומז זיין הייליגע נאמען. י' אייר איז ראשי תיבות ר'בי י'צחק א'ייזיק י'הודה י'חיאל.

## די הייליגע חיבורים

רבי אייזיק'ל קאמארנער האט געשריבן אסאך ספרים, צווישן זיי, דער ספר "היכל הברכה" על התורה, "עשירית האיפה" אויף תורת כהנים, "זוהר חי" א פירוש אויפ'ן זוהר הקדוש, "אוצר החיים" אויף תרי"ג מצות, די ספרים "מעשה אורג" און "עצי עדן" אויף ששה סדרי משנה, "נוצר חסד" אויף משניות מסכת אבות, און נאך הייליגע ספרים.

דער טאהשער רבי זצ"ל ברענגט אין ספר עבודת עבודה וואס ער האט געהערט פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, אז דער זיידע דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט געזאגט דעם טעם פארוואס אין די יונגע יארן פון רבי אייזיק'ל זענען געקומען צו אים גאר אסאך חסידים און שפעטער זענען געקומען צו אים ווייניגער חסידים, דאס האט מען אזוי געפירט פון הימל כדי ער זאל האבן צייט צו שרייבן זיינע הייליגע ספרים.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

### ער שפירט נישט קיין הונגער

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע האט אסאך דערציילט איבער דאס גרויסקייט פון זיין טאטן הרה"ק רבי סענדר'ל קאמארנער זי"ע, וואס ער האט מיטגעלעבט אלס קינד ביי זיין טאטן.

צווישן אנדערע האט רבי אייזיק'ל דערציילט אז זיין טאטע רבי סענדר'ל פלעגט זיצן און לערנען די הייליגע תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויף אזוי ווייט אז ער פלעגט פארגעסן צו עסן און טרינקען.

**נישט געגעסן פון שבת ביז דאנערשטאג**

אמאל אין א דאנערשטאג האט די רעביצין פון רבי סענדר'ל געזאגט פאר הרה"ק רבי יודא צבי מראזלא זי"ע (א תלמיד פון הרה"ק רבי סענדר'ל, און אן איידעם ביי הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשובער זי"ע, א ברודער מיט רבי סענדר'ל), "דיין פעטער און רבי האט נאך גארנישט אריינגענומען אין מויל פון שבת ביז היינט דאנערשטאג".

ווען הרה"ק רבי יודא צבי האט דאס געהערט איז ער שנעל געגאנגען און געפרעגט זיין רבי'ן דערוועגן, האט אים רבי סענדר'ל געזאגט, "גלייב מיר אז פון גרויס גלוסטעניש צו די הייליגע תורה שפיר איך בכלל נישט קיין הונגער, אויב איך וואלט געשפירט דאס מינדעסטע הונגער וואלט איך נישט אזוי לאנג געהונגערט, וויבאלד דאס קען גורם זיין ביטול תורה". (ספר עבודת עבודה, ועוד כמה סיפורים משם)

***

### אליהו הנביא האט אים געגעבן צו עסן

נאך האט רבי אייזיק'ל דערציילט, אז אין שטוב פון זיינע עלטערן האט שטענדיג געהערשט א גרויס ארימקייט. אמאל איז רבי אייזיק'ל געווען זייער הונגעריג, נאכ'ן נישט עסן פאר


## מערכת אז תתענג

טעל: 845-288-3780 • פעקס: 845-492-3339

חודש אייר שנת תשפ"ג לפ"ק

בעזהשי"ת

## מודעה חשובה

מיר געבן אפ א שבח והודאה להשי"ת אז מיר האבן ב"ה די זכיה ארויסצוגעבן דעם גליון **"אז תתענג"** מידי שבוע בשבוע ומידי מועד במועדו, און מהנה זיין אזויפיל אידן מיט איר רייכער אינהאלט.

באזונדער דאנקען מיר השי"ת אז מיר האבן געהאט די זכיה ארויסצוגעבן די ערשטע **דריי בענדער** פון די **ספרי אז תתענג.** דער ערשטער באנד סיפורי צדיקים פון די יארצייטן פון חדשי **שבט-אדר** וועלכע איז ערשינען בחודש שבט תשפ"ב, און דער צווייטער באנד פון די יארצייטן פון חדשי **תשרי-חשון** וועלכע איז ערשינען בחודש תשרי תשפ"ג, און דער דריטער באנד פון די יארצייטן פון חדשי **ניסן-אייר** וועלכע ערשינען דעם פארלאפענעם חודש אדר תשפ"ג.דער נייער ספר **אז תתענג** לחדשי **ניסן-אייר** אנטהאלט **835 עמודים** פון סיפורי צדיקים פון **זיבן און דרייסיג צדיקים** מפורסמים וואס זייער יארצייט געפאלט אין חדשי ניסן-אייר, און איז **דא צו באקומען אין אלע געשעפטן.**

מיר האבן אינוועסטירט גרויסע כוחות און אסאך געלט צו קענען ארויסגעבן די ערשטע דריי בענדער בעז"ה, כדי צו מזכה זיין דעם רבים וועלכע קוקן שוין אזוי לאנג ארויס אויפ'ן ערשיינונג פון די ספרי אז תתענג, און דא איז דער פלאץ זיך צו **באדאנקען פאר די חשוב'ע נדבנים וועלכע זענען אונז אקעגן געקומען מיט א געוואלדיגע ווארעמקייט צו אפקויפן דעם זכות פון די מעשיות פון צדיקים.**

לשאלת הרבים זענען מיר מודיע אז מיר גרייטן יעצט צו לדפוס בעז"ה דעם **פערטן באנד** פון **ספר אז תתענג**, וועלכע וועט אנטהאלטן מעשיות פון צדיקים וואס זייער יארצייט געפאלט אויס אין **חודש כסלו-טבת**, און עס וועט ווידערמאל זיין די מעגליכקייט אפצוקויפן די זכות פון די מעשיות פון די צדיקים.

די רשימה פון די צדיקים וואס ס'וועט ערשיינען מעשיות פון זיי אין דעם נייעם באנד וועט בעז"ה ערשיינען אין אונזער גליון אין עטליכע וואכן ארום. אויב איר ווילט באקומען די רשימה פון פאראויס, כדי מנדב צו זיין דעם זכות פון א צדיק, קענט איר לאזן א מעסידזש אויף די נומבער פון מערכת אז תתענג **845-288-3780**. אויך קען מען לאזן א מעסידזש אויף דעם נומבער מיט סיי וועלכע הערה איבער די ספרי און גליוני אז תתענג, ווי אויך צו באקומען א גרעסערע קוואנטום ספרים פאר האלסעיל פרייזן.

ויה"ר אז דער זכות הצדיקים זאל מגין זיין אויף אונז אלע להתברך בכל משאלות לבבינו לטובה ולברכה, מיר זאלן שוין זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

בכבוד רב:

**מערכת אז תתענג**

גאנצע צוויי טעג, און כדי ער זאל נישט שפירן די הונגער האט זיין טאטע רבי סענדר'ל געלערנט מיט אים א שווערע סוגיא.

**גיי צום שכן און בעט צו עסן**

שפעטער ווען דער טאטע האט געזען אז ער איז זייער שוואך האט ער אים געזאגט, "גיי צום שכן און בעט צו עסן".

האט רבי אייזיק'ל דערציילט, אז ער האט געוואוסט אז דער גוי'אישער שכן איז זייער א שלעכטער און וועט אים נישט וועלן געבן צו עסן, אבער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים אין זיין הייליגן טאטן איז ער געגאנגען צום הויז פונעם שכן.

אנקומענדיג ביים טיר פון די שכן'ס הויז איז געזעצן דארט א גוי, און באלד ווען רבי אייזיק'ל איז צוגעגאנגען צו אים האט ער אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען.

ווען רבי אייזיק'ל האט דערציילט די מעשה האט ער אויסגעפירט, "פון גרויס הונגער האב איך דעמאלטס נישט אריינגעטראכט ווער דאס איז, שפעטער האב איך פארשטאנען אז איך האב זוכה געווען צו זען אליהו הנביא און ער האט מיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען".

***

**<u>רוח הקודש שוין אלס יונג קינד</u>**

הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשובער זי"ע פלעגט אסאך קומען באזוכן זיין ברודער רבי סענדר'ל קאמארנער זי"ע - דער פאטער פון רבי אייזיק'ל.

געווענליך איידער רבי ר' הערשעלע זידיטשובער איז געקומען צום ברודער, פלעגט ער לאזן וויסן עטליכע טעג בעפאר אז ער גרייט זיך צו קומען.

**דער פעטער גייט היינט קומען**

איינמאל האט זיך דער קליינער אייזיק'ל אנגערופן צו זיין טאטע, "טאטע, דו ווייסט אז היינט גייט קומען דער פעטער רבי הערש". רבי סענדר'ל האט נישט געוואוסט פון קיין מעלדונג אז דער ברודער פלאנט צו קומען, אבער אז דער קליינער אייזיק'ל זאגט אזוי, האט ער צוגעגרייט א צימער פאר זיין ברודער דער רבי ר' הערש.

ביים רבי'ן רבי הערש אין זידיטשוב איז דאן געווען צוגאסט דער צדיק רבי איציקל קאלישער זצ"ל (זון פון הרה"ק רבי ארון מפרעמישלאן זי"ע). יענעם טאג האט זיך דער רבי ר' הערש אריינגעזעצט אין וואגן כדי צו באגלייטן דעם גאסט אויפ'ן וועג אהיים.

זיצנדיג אין וואגן האבן זיך די צדיקים פארטיפט אין א תורה'דיגן שמועס. דער בעל עגלה האט זיי נישט געוואלט שטערן און איז געפארן אן אפשטעל. ווען ס'איז געווארן פארנאכטס האט דער רבי ר' הערש געפרעגט דעם בעל עגלה וואו זיי געפינען זיך יעצט, האט דער בעל עגלה געענטפערט, "מיר זענען אין סאמבור". האט דער רבי ר' הערש געזאגט, "מיין ברודער וואוינט דא אין שטאט, אז איך בין שוין דא, לאמיר אים גיין באזוכן".

**אייזיק'ל האט אנטפלעקט מיט רוח הקודש**

ווען דער רבי ר' הערש איז אריינגעקומען צו זיין ברודער אין שטוב, האט ער זיך אנטשולדיגט אז ער האט - אנדערש ווי געווענליך - נישט איינגעמאלדן אז ער קומט, ווייל ער האט נישט געוואוסט אז ער וועט קומען, נאר ער איז אנגעקומען אהער אומוויסנדיג. האט אים רבי סענדר'ל געזאגט, "מיר האבן אלעס אנגעגרייט פאר דיר, אזוויי מיין קליינער אייזיק'ל האט אונז אנטפלעקט מיט רוח הקודש אז דו קומסט היינט צו אונז".

פון דעמאלטס אן פלעגט דער רבי ר' הערש געבן יעדע וואך צוויי רייניש פאר דעם קליינעם אייזיק'ל ער זאל זאגן אלעס וואס ער זעט מיט רוח הקודש. דאס געלט האט דער קליינער אייזיק'ל אויסגעטיילט פאר צדקה.

**ווען דו וועסט זיין עלטער וועל איך דיר עס צוריקגעבן**

שפעטער - ווען רבי אייזיק'ל איז געווען פינף יאר אלט - האט אים דער רבי ר' הערש געזאגט, "מיין קינד, איך וועל דיר בענטשן אז דו זאלסט נישט האבן קיין רוח הקודש ווייל דאס וועט דיר שאדן פאר אידישקייט. ווען דו וועסט זיין עלטער וועל איך דיר צוריקגעבן דיינע מדרגות, אויב דו וועסט וועלן". אייזיק'ל האט מסכים געווען און די רוח הקודש איז גלייך פארשוואונדן געווארן.

***

**<u>געטראפן א שיינעם פשט</u>**

ווען הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע איז געווען א יונגערמאן פון דרייסיג יאר אלט, האט ער געענדיגט זיין חיבור "עשירית האיפה" אויף תורת כהנים, און איז ארומגעפארן צו די גדולים און צדיקים פון זיין דור צו נעמען הסכמות אויפ'ן ספר.

**געבעטן א הסכמה**

איינע פון די גדולים צו וועם רבי אייזיק'ל איז געפארן נעמען א הסכמה איז געווען דער אונגווארער רב דער מהר"ם א"ש זי"ע.

ווען רבי אייזיק'ל איז אנגעקומען אין אונגווואר אין בית המדרש פונעם מהר"ם א"ש איז געווען צווישן מנחה און מעריב. רבי אייזיק'ל איז צוגעגאנגען צום מהר"ם א"ש מיט זיין ספר אין די האנט און געבעטן אויב ער קען אים געבן א הסכמה.

דער מהר"ם א"ש האט נישט געוואוסט ווער רבי אייזיק'ל איז, און זעענדיג פאר זיך א יונגערמאן וועלכער איז קוים דרייסיג יאר אלט האט ער געזאגט אז ער דארף זיך איבערטראכטן צי זען אויב ער וועט געבן א הסכמה. רבי אייזיק'ל האט איבערגעלאזט זיין ספר אויפ'ן עמוד וואו דער מהר"ם א"ש פלעגט דאווענען.

**אנגעזאגט אין חלום ער זאל אים מכבד זיין**

יענע נאכט האט דער מהר"ם א"ש געזען זיין טאטן אין חלום, און דער טאטע האט אים געזאגט, "זאלסט וויסן אז דער יונגערמאן וואס איז געקומען היינט צו דיר בעטן א הסכמה אויף זיין ספר, איז זייער א הייליגער מענטש, זאלסט אכטונג געבן אים מכבד צו זיין ווי עס פאַסט פאר אזא אדם גדול און דו זאלסט אים נישט אוועקשיקן ליידיג".

ווען דער מהר"ם א"ש האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האט ער נישט געוואוסט צי דער חלום איז אן אמת'ע, און איז נאך אלס געווען מסופק אויב ער זאל געבן א הסכמה.

דערנאך האט ער זיך דערמאנט אז שוין יארן לאנג איז אים שווער עפעס אן ענין אין תורת כהנים ('תורת כהנים' איז מדרשים אויף חומש ספר ויקרא), האט ער געטראכט אז ער וועט אריינקוקן אינעם חיבור אויף תורת כהנים וואס דער יונגערמאן האט געברענגט און ער וועט זען וויאזוי ער איז מסביר דעם ענין, און אז עס וועט אים געפעלן וואס עס שטייט דארט וועט ער אים געבן אן הסכמה.

**שוין איינגעקנייטשט דעם בלעטל**

אינדערפרי איז דער מהר"ם א"ש געגאנגען אין בית המדרש און אריינגעקוקט אינעם ספר, און ער איז געווארן ערשטוינט צו זען אז רבי אייזיק'ל האט שוין נעכטן איינגעקנייטשט דעם בלעטל וואו ער שרייבט א הערליכן פשט ביי יענעם ענין אין תורת כהנים וואס ס'איז אים שווער געווען...

דער מהר"ם א"ש איז שטארק נתפעל געווארן פונעם ספר און האט איינגעזען דאס גרויסקייט פונעם מחבר, הרה"ק רבי אייזיק'ל, און האט געשריבן זייער א ווארעמע הסכמה. ווי מ'קען זען די הסכמה ביים אנהייב פון ספר עשירית האיפה.

***

**<u>אנטפלעקט די שורש נשמה פונעם ישמח משה</u>**

איידער הרה"ק רבי אייזיק'ל האט ארויסגעגעבן דעם ספר עשירית האיפה, איז ער געפארן קיין אוהעל צום הייליגן ישמח משה זי"ע און געבעטן א הסכמה אויף זיין ספר. רבי אייזיק'ל איז אנגעקומען קיין אוהעל אינמיטן די וואך. דער ישמח משה האט אים גלייך געשריבן א שיינע הסכמה און רבי אייזיק'ל איז געבליבן אין אוהעל אויף שבת.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע, דער אייניקל פון הייליגן ישמח משה זי"ע, איז דעמאלטס געווען א יונגערמאן און פלעגט אסאך זיין ביים זיידן אין אוהעל. אויך יענעם שבת איז ער געווען אין אוהעל.

יענעם שבת האט רבי אייזיק'ל אנטפלעקט פאר'ן ייטב לב דאס גרויסקייט פון די נשמה פון זיין זיידן דער הייליגער ישמח משה, אז ער האט די נשמה פון 'ירמיה הנביא' (ס'איז באקאנט וואס צדיקים האבן געזאגט, אז צוליב דעם האט דער ישמח משה אלעמאל געקלאגט אויפ'ן חורבן און געווארט אויף די גאולה מיט א געוואלדיגע בענקשאפט, ווייל ער האט געהאט די נשמה פון ירמיה הנביא, און איז אליינס געווען בשעת'ן חורבן און דאס צוגעזען מיט די אייגענע אויגן).

שפעטער ווען דער ייטב לב האט איבערגעזאגט פאר'ן זיידן דער ישמח משה וואס רבי אייזיק'ל האט געזאגט, איז דער ישמח משה דערציטערט געווארן און געזאגט, "ווי קומט דאס אז א יונגערמאן זאל וויסן מיין שורש נשמה?".

**צוגעשריבן צו די הסכמה**

נאך שבת ווען רבי אייזיק'ל איז געקומען זיך געזעגענען פאר ער איז אהיימגעפארן, האט דער ישמח משה צוריקגעבעטן די הסכמה און צוגעשריבן די ווערטער "מעשהו נורא" [זיינע מעשים זענען פארכטיג]. מ'קען דאס זען אין די הסכמה פונעם ישמח משה אויפ'ן ספר עשירית האיפה.

***

**<u>געוואוסט פונקטליך יעדנ'ס איסזען</u>**

נאך די חתונה האט רבי אייזיק'ל געוואוינט נעבן זיין שווער אין די שטאט פינטשוב און איז דארט געזעצן און געלערנט מיט גרויס התמדה.

רבי אייזיק'ל האט געהאט א חבר מיט'ן נאמען ר' שלמה יוסף, זיי האבן אסאך געלערנט אינאיינעם בחברותא, און יעדע מאל ווען זיי האבן דערמאנט א נאמען פון א תנא אדער אן אמורא האט רבי אייזיק'ל געזאגט פאר ר' שלמה יוסף וויאזוי דער תנא אדער דער אמורא קוקט אויס.

אמאל האט רבי אייזיק'ל געזאגט פאר ר' שלמה יוסף, "אויב דו גלייבסט נישט אז איך ווייס די צורה פון די תנאים און אמוראים, זאג מיר א נאמען פון א מענטש וואס דו קענסט און איך קען אים נישט, און איך וועל דיר זאגן פונקטליך וויאזוי ער קוקט אויס".

**אויספרובירט הונדערטער מאל**

אזוי איז טאקע געווען. ר' שלמה יוסף האט געזאגט נעמען פון מענטשן וועמען ער האט געקענט און רבי אייזיק'ל האט זיי נישט געקענט, און רבי אייזיק'ל האט אויף יעדן פון זיי זיין געזאגט פונקטליכע אויסזען, צי ער איז א יונגער מענטש אדער אן עלטערער מענטש, און אזוי ווייטער. ר' שלמה יוסף האט אזוי אויספרובירט רבי אייזיק'ל מיט הונדערטער מענטשן און ער האט אויף יעדן פונקטליך אלעס געוואוסט.

רבי אייזיק'ל האט באפוילן פאר ר' שלמה יוסף ער זאל דאס פאר קיינעם נישט דערציילן. נאכדעם וואס רבי אייזיק'ל איז שוין געווען באקאנט אלס רבי פאר חסידים האט ר' שלמה יוסף דאס דערציילט פאר'ן זון פון רבי אייזיק'ל, הרה"ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע (יארצייט כ"ד אייר), און רבי אליעזר'ל ברענגט דאס אין זיין הקדמה צום ספר "זוהר חי" - א פירוש אויפ'ן זוהר הקדוש פון זיין טאטע הרה"ק רבי אייזיק'ל זי"ע, וואס ער האט ארויסגעגעבן.

***




זעה נאך שיינע מעשיות פון דעם צדיק - און פון נאך אנדערע הייליגע צדיקים וואס די יארצייט געפאלט אין די יעצטיגע טעג - אין ספר אז תתענג

שנה ו' - גליון רע"ט

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י מכון כרם בית שמואל שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער ווייַנגאָרטען

### דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... קְדֹשִׁים תִּהְיוּ

### ווען מ'איז צווישן מענטשן

**רש"י הק'** זאגט אויף די פרשה פון קדושים תהיו "פרשה זו נאמרה בהקהל" אז די פרשה איז געזאגט געווארן ווען אלע אידן זענען געווען פארזאמלט אינאיינעם. מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** איז מסביר די כוונה, ווייל טאקע דעמאלטס ווען מ'געפונט זיך ברבים צוזאמען מיט אנדערע מענטשן, דעמאלטס איז וויכטיג זיך צו הייליגן און זיך אפצוהיטן פון לשון הרע, גיאות, מחשבות פון כבוד, און פניות בשעת מ'איז מקיים א מצוה. און דעפאר איז געגעבן געווארן די מצוה פון "קדושים תהיו" דוקא בהקהל ווען מ'געפונט זיך מיט'ן רבים.

(ספה"ק ישמח ישראל, אות ז')

### דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... קְדֹשִׁים תִּהְיוּ

### נאר מיט די כח פון אחדות פון כלל ישראל

**רש"י** ברענגט אז משה רבינו האט געדארפט צוזאמנעמען אלע אידן ווען ער האט זיי געלאזט הערן די פרשה פון קדושים, וויבאלד גאר אסאך הויפט מצוות פון די תורה זענען געוואנדן אין די ווערטער פון די פרשה - "פרשה זו נאמרה בהקהל מפני שרוב גופי תורה תלויין בה". און די פרשה הייבט זיך טאקע אהן מיט די מצוה פון "קדושים תהיו" וואס דאס מיינט זיין הייליג, און זיך אפשיידן פון עריות און פון אנדערע עבירות, ווי רש"י איז מסביר.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** ערקלערט פארוואס טאקע האט דַוְקא די פרשה געדארפט געגעבן ווערן 'בהקהל' ווען אלע אידן זענען געווען פארזאמלט. וויבאלד מיר געפונען די געוואלדיגע כח פון כלל ישראל ווען זיי זענען אלע צוזאמגענומען און באהאפטן אינאיינעם, דעמאלטס זענען זיי באהאפטן צום אייבישטער און זיי וועלן נישט מקבל זיין קיין טומאה. פארקערט איז אבער ווען אידישע קינדער זענען נישט צוזאמען, נאר טייל אידן האלטן זיך אפגעריסן און אפגעזונדערט פון כלל ישראל, דאס קען גורם זיין אז זיי זאלן אריינפאלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע און 'מקבל טומאה' זיין ח"ו.

און דער תפארת שמואל לייגט צו "אזוי ווי אונזערע אויגן האבן געזען ביי די אלע מענטשן וואס זענען שוואך געווארן און נאכגעלאזט אין זייער אידישקייט רח"ל, **די ערשטע זאך האט זיך עס אנגעהויבן מיט דעם וואס זיי האבן זיך אפגעטיילט און אפגעזונדערט פון כלל ישראל, און זיי האבן אָפּגעלאַכט פון אידישע מנהגים און אָפּגעלאַכט פון דעם וואס מיר אידן נעמען זיך צוזאם און האלטן זיך אינאיינעם, ביז דאס האט זיי געברענגט אז זיי זאלן זיך דערקייקלען און פארלירן זייער אמונה און זיך אינגאנצן דערווייטערן ח"ו**". מה שאין כן דער וואס האלט זיך יא צוזאמען און איז באהאפטן צו כלל ישראל, דער בלייבט שטארק, וויבאלד כלל ישראל לאזט איהם נישט פאלן.

און דעריבער דא ביי די פרשה ווי דער אייבישטער האט געוואלט געבן פאר די אידן די מצוה פון "קדושים תהיו" אז אידן זאלן זיין הייליג און זיך דערווייטערן פון עריות און עבירות, האט דאס געדארפט געגעבן ווערן דוקא אויף דעם אופן פון דַּבֵּר אֶל "כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" אז אלע אידן דארפן זיין צוזאמגענומען אינאיינעם, און נאר דורכ'ן זיך האלטן צוזאמען וועט מען זוכה זיין צו קדושה און טהרה.

און בפרט דורך דעם וואס אידן האלטן זיך קליין מיט ענוה און הכנעה איינעם פארן אנדערן, מיט דעם ווערן זיי באמת א כלי וואס איז ראוי מקבל צו זיין אין זיך קדושה, ווייל דער אייבישטער מאכט רוען זיין שכינה ביי ווער עס האלט זיך קליין. און אזוי איז געווען פאר מתן תורה ווען די אידן זענען אנגעקומען צו די מידה פון הכנעה האבן זיי זוכה געווען זיך צו האלטן צוזאמען "כאיש אחד בלב אחד" און דעמאלטס האבן זיי זוכה געווען צו באקומען די תורה.

(ספה"ק תפארת שמואל, אות ב')

## פרקי אבות • פרק ג'

### אִם אֵין יִרְאָה אֵין חָכְמָה (משנה י"ז)

### די תכלית פון די ימי הספירה

די עיקר תכלית און כוונה פון די ספירה טעג איז אז מיר כלל ישראל זאלן אין דעם זמן מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים און מורא צו האבן פונעם אייבישטער. און דאס איז אויך מרומז אין דעם וואס מיר ווייסן אז שבת קודש איז מסוגל צו יראת שמים, ווי חז"ל זאגן אין **ירושלמי** (דמאי פ"ד ה"א) אז אפילו א עַם הארץ האט פחד און יראה אום שב"ק און ער האט מורא צו זאגן ליגנט, און דערפאר רופט אָן די תורה די טעג פון ספירה מיט'ן נאמען "שבע **שבתות** תמימות", וויבאלד די טעג דארפן זיין אזויווי שבת קדוש אנגעפילט מיט יראת שמים, און על כל פנים די דאזיגע שבתים פון די ימי הספירה דארפן מיר הייליגן און רייניגן און זוכה זיין צו יראת שמים אין זיי.

(ספה"ק ישמח ישראל, אמור ג')



## ענבי הכרם

### די גרויסע שמחה אין ל"ג בעומר

עס ווערט געברענגט בשם **הרה"ק דער רבי רבי ברוך פון מעזיבוזש זי"ע** א טעם אויף דעם וואס דער טאג פון ל"ג בעומר ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען "הילולא דרשב"י" א זאך וואס מ'טרעפט נישט ביי אנדערע צדיקים אז דער טאג פון זייער פטירה זאל ווערן באצייכענט מיט אזא גרויסע שמחה אלס א "הילולא" וואס באדייט ווי א חתונה.

נאר דער ענין איז, וויבאלד מיר ווייסן אז שטענדיג וואו ס'איז פארהאן א מחלוקת צווישן די חכמי הקבלה מיט די חכמי הגמרא, פַּסק'ענען מיר אויף די וועלט ווי די גמרא, און מיר פירן זיך לויט די חלק ה'נגלה' פון תורה, אבער אויף יענער וועלט, אויבן אין הימל דארט פסק'ענט מען יא ווי די מקובלים. דעריבער קומט אויס אז די עיקר קבלת התורה פונעם תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי דער בעל הזוהר, דאס איז אין דעם טאג ווען זיין נשמה איז ארויפגעגאנגען צום עולם העליון וואס דארט איז אלעמאל די הלכה ווי איהם, און דעריבער איז די טאג אזא גרויסע שמחה און עס ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען הילולא דרשב"י. (קובץ אליהו)

חסידים האבן דערציילט אז **הרה"ק דער רבי רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע** פלעגט אנוואונטשן זיינע חסידים אין ל"ג בעומר, אז זייערע תפלות זאלן אנגענומען ווערן לרצון אין הימל.

**הרה"ק רבי פנחס מנחם פון פילץ - דער שפתי צדיק זי"ע** האט געזאגט א פשט אין די ספעציעלע ברכה, פונקט ווי מוצאי יום כיפור בענטשט מען זיך איינער דעם צווייטן אז מ'זאל האבן אלעס גוטס אויסגעבעטן, וויבאלד נישט שטענדיג איז א איד ראוי צו דעם אז אין הימל זאל מען אויסהערן זיינע תפילות, אבער מוצאי יום כיפור נאכדעם וואס דער אייבישטער איז מוחל אונזערע עבירות, דעמאלטס איז מסוגל אז אונזערע תפלות זאלן אנגענומען ווערן אין הימל. דאס זעלבע איז מיט ל"ג בעומר - זאגט דער שפתי צדיק - וויבאלד רבי שמעון בר יוחאי האט דאָך געזאגט (סוכה מ"ה:) "יכול אני לפטור כל העולם מן הדין" אז ער קען פטר'ן די גאנצע וועלט פון עונשים און זיי זאלן האבן א כפרה, און ממילא יעדע יאר ל"ג בעומר אינעם טאג פון זיין יארצייט זאגט מען אזוי אין הימל, און עס איז א זמן פון כפרת עוונות פאר כלל ישראל, און עס איז באמת מסוּגָל אז די תפלות זאלן אנגענומען ווערן, און דערפאר איז א מנהג זיך אזוי צו פרייען ל"ג בעומר צוליב די כפרת עוונות, לויט ווי די גמרא זאגט אין מסכת תענית דף ל: "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים", און די שמחה פון יום כיפור איז געווען וויבאלד ס'איז געווען א טאג פון מחילה וסליחה.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ

די תורה הק' זאגט אונז כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ, אז מיר זאלן זיך נישט פירן מיט די מעשים פון די מצריים וואס מיר האבן געוואוינט צווישן זיי. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דען א נפקא מינה דאס אז מיר האבן זיך געפונען אין מצרים און געוואוינט צווישן זיי, און וואס האט דאס א שייכות מיט'ן נישט טוהן די עבירות, לכאורה וואלט געווען גענוג אויב ס'וואלט בלויז געשטאנען "כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא תַעֲשׂוּ".

**הרה"ק רבי מנחם פון אמשינאוו זי"ע** האט ערקלערט דעם ענין מיט די ווערטער פונעם **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע**, אז ווער עס וויל צוברעכן זיינע תאוות און פאר'מיאוס'ן אן עבירה אין זיינע אויגן, דער זאל אנקוקן דעם בעל עבירה וואס פאר א פנים ער האט, און דאס וועט זיין גענוג אז ער זאל ברעכן זיינע שלעכטע תאוות. און דאס איז פשט דא אין פסוק כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם "אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ" איר זענט דאָך געזעצן צווישן די מצריים און זיי געקענט פון דער נאנט און געזען וויאזוי זיי האבן אויסגעקוקט נאכגייענדיג זייערע שלעכטע תאוות און מעשים, און דאס וועט גורם זיין אז איר וועט זיי נישט נאָכטוהן.

(בישישים חכמה)

שטייט אז מיר זאלן זיך נישט פירן ווי די מעשים פון די מצריים און די כנעניים. **הרה"ק רבי יהודה לייב פון גור - דער שפת אמת זי"ע** ערקלערט, אז די כוונה דא איז נישט אויף עבירות וואס די גויים טוען, ווייל די עבירות שטייען דאָך קלאר ארויסגעשריבן אין די תורה אז מ'טאר נישט טוהן. נאר די תורה הק' קומט אונז דא לערנען אז אפילו די זאכן וואס זענען יא מוּתָּר צו טוהן, זאל מען אויך נישט טוהן ווי די גויים, אין יעדע זאך וואס א איד טוט, דארף ער זיך פירן אנדערש ווי די מצריים און די כנעניים.

(שפת אמת)

### וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה'

מיר ווייסן דער כלל איז ווי עס שטייט דער שֵׁם הוי"ה איז עס מרמז אויפן מידת הרחמים, און דער שֵׁם אלקים איז מרמז אויף מידת הדין ח"ו. דער אייבישטער זאגט דא צו כלל ישראל, איך ווייל אייך שטענדיג משפיע זיין אלעם גוטן, בלויז רחמים און חסדים, איר מענטשן דארפט נאר אכטונג געבן אז עטס זאלטס ח"ו נישט קאליע מאכן דורך ענקערע נישט גוטע מעשים, און גורם זיין אז די גוטע השפעות פון מידת הרחמים זאלן ווערן איבערגעדרייט אויף מידת הדין ח"ו. און דאס מיינט "וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ" איר זאלט אכטונג געבן נישט צו מאכן די מידה פון 'אֱלֹקֶיךָ' וואס איז מרמז אויף דין, וויבאלד "אֲנִי הוי"ה" איך דער אייבישטער בין שטענדיג משפיע פאר אייך פונעם מידת הרחמים.

(כנסת יחזקאל, ראדאמסק)

### כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם

אינעם פסוק "כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם... לֹא תַעֲשׂוּ"

### הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ

ד ע ר **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** איז אמאָל געווען אין די שטאט פויזנא און ער איז ארייַנגעגאנגען באזוכן ביים גאון ישראל וקדושו - **רבי עקיבא איגר זי"ע**. שוין ביים אריינגאנג פון רבי עקיבא איגר'ס הויז, האט דער רבי רבי בונם זיך אנגערופען אז ער שמעקט דא א רֵיחַ פון 'תורה לשמה'.

ווען ער איז אריינגעקומען אינעווייניג און באזוכט ביים גאון, האט איהם רבי עקיבא איגר געפרעגט פארוואס זעהט מען אז די מצב פון אידישקייט אין פוילן איז גוט און שטארק, דאגעגן אין דייטשלאנד איז אידישקייט גאר שוואך און מענטשן האלטן זיך נישט אין די וועגן פון תורה און יראת שמים. האט איהם דער רבי רבי בונם געענטפערט, ביי אונז אין פוילן ווען א איד זעהט ווי זיין חבר טוט אן עַוְלָה, וועט ער איהם תיכף מוסר זאגן, ער מאכט נישט צופיל חשבונות אויב וועט ער יענעם פארשעמען מיט זיינע ווערטער, נאר ער זאגט איהם תיכף וואס ער האט צו זאגן (ווי עס איז געווען די שטייגער פון די פוילישע אידן מיט זייער שארפקייט), און ממילא האלט דאס צוריק מענטשן פון זינדיגן, ווייל קיינער וויל נישט ווערן פארשעמט און גע'מוסר'ט דורך אנדערע. אבער אין דייטשלאנד פירט זיך יעדער מיט א באזונדערע 'דרך ארץ' און איידלקייט צו אנדערע מענטשן, און אפילו ווען זיין חבר טוט עפעס נישט ריכטיג, וועט ער זיך איינהאלטן פון זאגן א וואָרט ווייל אפשר וועט ער יענעם מצער זיין מיט זיינע מוסר רייד, און דעריבער איז ער ענדערש 'מוחל' יענעם אויף די עבירה ווי איידער איהם שטראפן מיט מוסר. און מיר ווייסן דאָך דער כלל אז "עבירה גוררת עבירה" און פון איין עבירה ווערט נאך איינס און נאך איינס און ס'שטעלט זיך שוין נישט אפ, בעסער וואלט געווען ווען ער וואלט מוסר געזאגט פאר זיין חבר גלייך ביי די ערשטע עבירה, און אזוי וואלט ער געקענט פארמיידן אסאך אנדערע עבירות וואס קומען שפעטער.

און דער רבי רבי בונם האט מיט דעם געטייטשט דער פסוק "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ" די תורה הקדושה זאגט דיר אז דו זאלסט מוסר זאגן פאר דיין חבר, "וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא" און דו זאלסט נישט זיין קיין 'נוֹשֵׂא עָוֹן' דו זאלסט נישט מוחל זיין זיינע עבירות און זיך פירן איידל און שיין צו איהם ווי די דייטשע אידן... ווען רבי עקיבא איגר האט דאס געהערט, האט ער מסכים געווען צו די ווערטער פונעם רבי רבי בונם און געזאגט אז ער איז גערעכט.

(שפתי צדיקים)

### א נקודה...

**הרה"ק רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע** (י"א אייר) **זאגט:**

**כֹּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ (אבות ג' י'), ווייל אז מ'איז צוגעלאזן און וואויל צו מענטשן דאן קען מען משפיע זיין און אויפטוהן אויף זיי לטובה, און אין הימל האט מען א נחת רוח דערפון.**



# אוצר הכרם

## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### דיני ועניני פסח שני

אין די תורה שטייט אז ווער עס איז געווען טמא בשעת מ'האט גע'שחט'ן דער קרבן פסח, אדער איז ער געווען אין א ווייטע וועג און ער האט שוין נישט געקענט אנקומען צום בית המקדש, אדער סיי וועלכע אנדערע 'אוֹנֶס' וואס האט איהם אפגעהאלטן פון מקריב זיין דער קרבן פסח אין חודש ניסן, איז ער מחוייב צו מאכן א פסח שני אינעם פערצנטן טאג פון חודש אייר.

די מצוה פון פסח שני ווערט נישט גערעכענט בלויז ווי א 'השלמה' צום פסח ראשון, נאר איז ווי א יום טוב און א חיוב פאר זיך אליינס. און עס האט דעם זעלבן דין ווי פסח ראשון אז ס'איז דוחה שבת, דהיינו אויב פסח שני געפאלט אום שבת איז מען מקריב דעם קרבן פסח אפילו אין שבת. און א איד וואס האט געדארפט מקריב זיין א פסח שני און ער האט דאס נישט געטוהן איז ער חייב כרת רח"ל.

די פסח שני עסט מען אויך מיט מצה און מרור אזויווי פסח ראשון. עס איז באקאנט וואס **רש"י** זאגט אין פרשת בהעלותך (ט' י') אז ביי פסח שני מעג מען האבן סיי מצה און סיי חמץ אין שטוב, און ס'איז נישט קיין מצוה אויסצורוימען די חמץ, נאר מ'זאל נישט מיטעסן חמץ בשעת מ'עסט די פסח שני.

### א גֵר און א קטן לגבי פסח שני

א גר וואס איז זיך מגייר אין די טעג צווישן פסח ראשון און פסח שני, איז מחוייב צו מאכן א פסח שני.

נאך אן אינטערסאנטע דין פסק'ענט דער **רמב"ם** (קרבן פסח פ"ה ה"ז) אז א 'קטן' וואס איז נאכנישט געווען מחוייב ווען עס איז געווען דער יום טוב פסח אין ניסן, און ער האט בר מצוה געהאט אין די טעג צווישן פסח ראשון און פסח שני, דארף ער מאכן א פסח שני, אויסער טאמער האט ער שוין געגעסן א שטיקל קרבן פסח אינעם יו"ט פסח (אפילו ער איז נאך דעמאלטס געווען א קטן) האט ער שוין יוצא געווען די מצוה, און ער דארף נישט מקריב זיין א פסח שני.

### מיט די כוח פון תשוקה

עס איז כדאי מסיים צו זיין מיט א וואָרט פון **ספה"ק תפארת שלמה** (פר' מסעי), מיר געפונען אין די תורה אז די אידן וואס זענען געווען טמא ביים מאכן דעם ערשטן קרבן פסח, האבן געבעטן און געשריגן פון די טיפענישן פון הארץ "לָמָּה נִגָּרַע" פארוואס זאלן מיר זיין וויניגער און אנדערש ווי אלע אנדערע אידן און נישט קענען מאכן קיין קרבן פסח. און זייערע ווערטער האבן אויפגעטוהן אז לכבוד זייער בקשה האט דער אייבישטער געגעבן א נייע מצוה פון מאכן א פסח שני (די מצוה האט נאכנישט עקזיסטירט פריער), וויבאלד דורך זייער 'תשוקה' און אמת'ע ווילן צו טוהן די מצוה, האבן זיי זוכה געווען אז דורך זיי איז צוגעקומען נייע הלכות אין די תורה.

אויב אזוי -פירט אויס דער תפארת שלמה- אז אידן וואלט געהאט די ריכטיגע תשוקה און השתוקקות צום בית המקדש, און זיי וואלטן אזוי געבעטן דעם אייבישטער אויף די גאולה, וואלטן זיי פונקט אזוי געקענט פועל'ן און ממשיך זיין די גאולה, ווייל די דריטע ביהמ"ק שטייט גרייט און אויפגעבויט אין הימל, און ווארט נאר אז מיר זאלן עס פארלאנגן און אראפברענגן אויף דער וועלט.

גליון

# קוראי עונג

פרשת אחרי

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ.** (טז, א)

די קינדער פון אהרן הכהן, נדב און אביהוא האבן זייער גאנצע לעבן געגלוסט און געשטרעבט אנצוקומען צו די העכסטע מדריגה פון מסירת נפש פאר'ן אייבערשטער, דעריבער איז זייער יעצטיגע נפטר ווערן געווען חשוב ביים אייבערשטער פונקט אזוי ווי א קרבן.

דאס איז מרומז אין פסוק 'אחרי מות', נאך דעם וואס זיי האבן אזוי שטארק געגלוסט צו שטארבן פאר'ן אייבערשטער, 'בקרבתם לפני ה'', איז דאס געווען גערעכנט ביי דער אייבערשטער פונקט אזוי ווי א קרבן.

(דער הייליגער רבי שלמה לוצק'ער זי"ע)

א איד וואס וויל זיך דערנעענטערן צום אייבערשטער, ער וויל שטייגן העכער אין אלע מדרגות, דארף וויסן אז צו דעם אלעמען מוז מען האבן הילף און אַן אנווייזונג פון דעם צדיק הדור, ווי אזוי צו גיין ריכטיג אויף דעם הייליגן וועג, ווייל אויב נישט קען מען ח"ו געשטרויכלט ווערן און נישט אנקומען צו די ריכטיגע וועג.

די הייליגע צדיקים נדב און אביהוא האבן זיך געוואלט דערנעענטערן צום אייבערשטער מיט זייער אייגענע זכות און כח, אָן דאס הילף פון משה און אהרן.

דאס איז מרומז אין פסוק 'בקרבתם לפני ה'', דערפאר וואס זייער דערנעענטערן צום אייבערשטער איז געווען אליין, אָן די הילף פון משה און אהרן, דערפאר איז געקומען אויף זיי דער שטראף פון 'וימתו'.

(דער הייליגער 'אהבת שלום' פון קאסוב זי"ע)

**בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ.** (טז, ג)

אין די הייליגע טעג זאגן מיר ביים דאווענען 'ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה', תשובה ווייזט אויף 'צום'=פאסטן, תפילה ווייזט אויף 'קול', צדקה ווייזט אויף 'ממון'=געלט.

די דריי ווערטער 'צום קול ממון' באטרעפן 408, דאס ווארט 'זאת' באטרעפט אויך 408.

דאס זאגט דער פסוק 'בְּזֹאת', מיט די דריי זאכן 'צום קול ממון' וואס באטרעפט דאס זעלבע ווי 'זאת', 'יבא אהרן אל הקודש', קען אהרן אריינקומען אין קודש הקדשים און מבטל זיין די שלעכטע גזירות וואס זענען דא אויף די אידן.

(דער הייליגער 'חיד"א' זי"ע)

דאס ווארט 'בזאת' באטרעפט דאס זעלבע ווי דאס ווארט 'שפל', צו ווייזן אז נאר דורך די מדה פון 'שפלות' קען מען זיך דערנעענטערן צום אייבערשטער.

דאס איז מרומז אין פסוק, 'בזאת' נאר דורך וואס מען האלט זיך קליין, 'יבוא אהרן אל הקודש', קען מען קומען נאנט צום אייבערשטער.

(דער הייליגער רבי דוד פון טאלנא זי"ע)

**כְּתֹנֶת בַּד קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ וּמִכְנְסֵי בַד וגו'.** (טז, ד)

אין דער בית המקדש של מעלה וועלכע איז מכוון אקעגן דער בית המקדש של מטה איז מלאך מיכאל דער כהן גדול און ער גייט אנגעטוהן די פיר בגדי לבן ווען ער טוט די עבודה אינעם בית המקדש של מעלה.

די פיר בגדי לבן זענען מרומז אין זיין נאמען 'מיכאל', וואס איז דער ראשי תיבות פון די ווערטער 'מִצנפת', 'כֻּתונת', 'אַבנט', 'מִכנסים' של יָמין ושמאל.

(דער הייליגער 'מגיד' רבי ישראל פון קאזניץ זי"ע)

**בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ וגו' וְאַיִל לְעֹלָה.** (טז, ג)

**וּמֵאֵת עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יִקַּח וגו' וְאַיִל אֶחָד לְעֹלָה.** (טז, ה)

ביי דער קרבן וואס אהרן האט געברענגט פאר זיך שטייט 'ואיל לעולה', אבער ביי דער קרבן פונעם פאלק שטייט 'ואיל אחד לעולה'.

ווייל אויף דער כהן גדול ליגט א הייליגער פליכט צו פאראייניגן אלע אידן, אפילו די וועלכע האבן זיך ליידער אפגעשיידט פון קדושה, און ער דארף זיי באהעפטן צו דעם אייבערשטער.

דעריבער שטייט ביים קרבן פון די אידן 'ואיל אחד לעולה', אבער אהרן וואס איז געווען גאנץ מיט זיין קדושה שטייט נאר 'ואיל לעולה'.

(דער הייליגער רבי שלום פון בעלזא זי"ע)

**גּוֹרָל אֶחָד לַה' וְגוֹרָל אֶחָד לַעֲזָאזֵל.** (טז, ח)

עס שטייט אין פסוק (קהלת ז, יד) 'גם את זה לעמת זה עשה האלקים', אז אלעס וואס איז פאראהאנען אין די קדושה, איז אויך פאראהאנען אין די פארקערטע פון קדושה, סיי א קליינע זאך און סיי א גרויסע זאך, דאס איז כדי דער מענטש זאל האבן א בחירה זיך צו באהעפטן אין די קדושה, אדער ח"ו פארקערט.

דעריבער ביי די צוויי שעירים לה' און לעזאזל וועלכע די אידן האבן געברענגט אין יום כיפור, איז דער ענין מרומז אין די ווערטער פון פסוק 'גורל אחד לה'', איין שעיר איז פאר'ן אייבערשטער, פאר'ן צד הקדושה, 'וגורל אחד לעזאזל', דאס צווייטע שעיר איז פאר'ן פארקערטע צד פון קדושה וועלכע ווערט אנגערופן 'עזאזל', וואס איז נוטריקון די ווערטער פון פסוק 'אֵת זֶה לְעוּמת זֶה עָשה'.

(דער הייליגער רבי משה לייב פון סאסוב זי"ע)

**וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** (טז, כא)

דער כהן גדול, דער שליח פון אידישע קינדער, זאל אנהעגנען די עבירות פון די אידן אין עם אליין, אז ער האט זיי נישט געגוג געלערנט ווי אזוי זיך צו פירן, וואס דערפאר האבן זיי געזינדיגט.

דאס זאגט דער פסוק, 'והתודה עליו', ער זאל אנהענגען אין עם, 'את כל עונות בני ישראל', אלע עבירות פון די אידישע קינדער, אז ער האט דאס צוגעברענגט.

(דער הייליגער רבי חיים מאיר פון וויז'ניץ זי"ע)

**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ.** (טז, ל)

עס שטייט צוויי מאל די זעלבע זאך, 'לטהר אתכם מכל חטאתיכם' און דערנאך 'לפני ה' תטהרו'. וואס איז דען יום כיפור גרינגער פון א גאנץ יאר, די גאנצע יאר דארף מען דאך תשובה טוהן אויף די עבירות, און יום כיפור איז דאך נישט מכפר נאר מיט תשובה?

נאר יום כיפור האט א מעלה מער פון א גאנץ יאר, ווייל א גאנצע יאר ווערט נמחל נאר די עבירות וואס דער מענטש ווייסט אז ער האט זיי געטוהן, און ער איז זיך מתודה אויף זיי בלב שלם, אבער יום כיפור איז אויך מכפר אויף עבירות וואס מען 'ווייסט נישט' אדער מען 'געדענקט נישט' אז מען האט זיי געטוהן, ווי מיר זאגן יו"כ ביי וידוי 'את הגלוים לנו ואת שאינם גלוים לנו'.

דאס איז דער פסוק מרמז, 'כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם', יום כיפור איז מכפר, סיי אויף 'מכל חטאתיכם', די עבירות וועלכע מען ווייסט און מען געדענקט זיי, און סיי אויף 'לפני ה'', די עבירות וועלכע נאר דער אייבערשטער ווייסט פון זיי, און ווען ער טוט תשובה דערויף, איז אויך 'תטהרו'.

(דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע)

כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**ואל יבוא בכל עת אל הקודש.**

אויפ'ן וועג אהיים פון זיין הייליגער רבי, דער 'בית אהרן' פון קארלין זי"ע, נאכ'ן זיין דארט אויף דער יו"ט פסח, האט ר' יונה זיך אפגעשטעלט אין דער שטאט קיעוו וואו ער האט געדארפט אויספירן א שליחות וואס דער רבי האט עם געבעטן.

דאס איז געווען איידער ר' יונה איז אוועקגעפארן האט דער רבי עם געבעטן, אז ווען ער פארט אריבער דאס שטעטל קיעוו זאל ער צוגיין צו דער חסיד ר' בעריש, און עם איבערגעבן די ווערטער: "דער רבי האט געליינט דיין קוויטל ערב פסח".

ר' יונה איז געווען גאר שטארק פארוואונדערט ווען ער האט ביים איבערגעבן דעם רבי'נס רייד פאר ר' בעריש, געזעהן ווי ר' בעריש איז אויפגעשפרונגען פאר פרייד.

ר' יונה וועלכע האט זיך פארגעשטעלט אז ר' בעריש האט געשיקט דאס קוויטל אויף פּאָסט צום רבי'ן, האט נישט פארשטאנען וואס איז די גרויסע התרגשות?

זעה'ענדיג זיין וואונדער האט ר' בעריש געלאדנט ר' יונה צו זיך אין שטוב ער זאל אריינקומען טרינקען א לחיים, און צו הערן אַן ערקלערונג.

ווען זיי זענען שוין געזיצן צוזאמען האט ר' בעריש אנגעהויבן צו דערציילן:

"א לאנגע צייט צוריק בין איך געווען ביים רבי'ן, און בשעת איך האב זיך געזעגנט האט מיר דער רבי געפרעגט:

"ר' בעריש, וואס וועסט דו טוהן אויב עפעס נישט אזוי גוט וועט דיר פאסירן, און דו וועסט נישט קענען אהערקומען ווייל דו וואוינסט דאך גאנץ ווייט?"

דער רבי האט דאן אליין גע'ענטפערט: "אויב פאסירט דיר עפעס, אדער אויב חלילה איינער פון דיין משפחה ווערט קראנק, שרייב מיר א קוויטל און לייג עס אנידער אונטער'ן קושן פונעם חולה".

"עטליכע טעג פאר דער יו"ט פסח" - האט ר' בעריש ווייטער פארגעזעצט צו דערציילן - "איז מיין טאכטער געווארן זייער נישט געזונט ל"ע, און איר מצב איז געווען גאר מסוכן, אזוי ווייט אז דאקטוירים האבן זיך שוין מייאש געווען ר"ל.

ווען מיר האבן אראפגערופן א גרויסן דאקטאר וואס זאל איר אונטערזוכן, האט ער בלויז געזאגט: "בעט ביי אייער ג-אט!"...

אזוי ווי ער האט דאס געזאגט האט מיר ווי א בליץ געטראפן, איך האב זיך אבער דערמאנט וואס דער הייליגער רבי האט מיר געזאגט ביים זיך געזעגענען.

דעריבער האב איך תיכף אפגעשריבן א קוויטל און עס אונטערגעלייגט אונטער איר קושן, און ממש גלייך אין יענע מינוט, האט מען קלאר אנגעזעהן אויף איר א פארבעסערונג.

צוביסלעך איז זי צוריקגעקומען צו איר כוחות, אז ווען דער זעלבע דאקטאר האט איר נאכאמאל אונטערגעזוכט, האט ער אויסגערופן מיט גרויס וואונדער: "דאס מיידל האט לעבן! זי וועט בלייבן לעבן! וואס טוט זיך דא? איר מצב האט זיך אינגאנצן איבערגעקערט!"

ר' בעריש האט צוגע'ענדיגט מיט גרויס התרגשות: "דאס אלעס האט פאסירט ערב פסח, און יעצט דערציילט איר מיר וואס דער רבי האט געזאגט, אז ער האט ערב פסח ווירקליך געליינט דאס קוויטל וואס איז געליגן אונטער איר קושן, און אזוי האט ער איר צוריקגעקערט צום לעבן!"

❋ ❋ ❋

**השוכן אתם בתוך טומאותם.**

דער הייליגער רבי אברהם יהושע העשיל פון אפטא זי"ע האט אמאל געלאזט וויסן פאר א געוויסע שטאט אז ער גרייט זיך צו קומען אויף א שבת.

די ראשי קהילה פון די שטאט האבן זיך געזעצט צו אַן אסיפה כדי זיך דורך צו רעדן ווער זאל האבן די גרויסע זכיה אז דער הייליגער אפטא רב זאל האבן ביי עם די אכסניא, עס איז ארויפגעברענגט געווארן אויפ'ן טיש די נעמען פון די צוויי גבירים פונעם שטאט, אבער זיי האבן נישט געקענט מחליט זיין ביי וועלכע גביר זאל דער אפטא רב איינשטיין.

ביידע גבירים האבן געהאט זייער שיינע און גרויסע הייזער אז עס איז פאסיג פאר'ן צדיק צו ווילן דארט, דער חילוק צווישן די צוויי גבירים איז געווען, איין גביר האט געהייסן אין שטאט 'א שיינע איד', און דעריבער האט ער זיך טאקע גרויס געהאלטן מיט זיין טיטל, ער פלעגט פארלאנגען אז מען זאל עם מכבד זיין ווי עס פאסט זיך פאר 'א שיינע איד'.

דער צווייטע גביר האט געהייסן אין שטאט נישט אזא ערליכע איד, דעריבער פלעגט ער זיך אויפ'פירן זייער פשוט, כאטש ער איז געווען א גביר האט ער קיינמאל נישט פארלאנגט קיין כבוד, בקיצור ער האט זיך געהאלטן קליין.

ביים ענדע פונעם אסיפה האבן די ראשי קהילה מחליט געווען אז מען וועט אנגרייטן פאר'ן הייליגער אפטא רב ביידע אכסניות, און מען וועט געבן פאר'ן צדיק זיך אויסצוקלייבן ביי וועלכע פון די צוויי גבירים ער וויל האבן די אכסניא.

ווען דער וואגן פון דער אפטא רב איז אנגעקומען נאנט צום שטאט, זענען די ראשי קהילה ארויסגעגאנגען פונעם שטאט עם צו מקבל פנים זיין, און זיי האבן עם פארגעלייגט אז ער זאל זיך אויסוועלן ביי וועלכע פון די צוויי גבירים ער וויל זיין אויף שבת.

זיי האבן עם געזאגט אז דער ערשטער איז א גרויסע בעל גאוה, ער האלט זיך פאר 'א שיינע איד', און דער צווייטע האלט זיך טאקע זייער קליין, אבער ער איז נישט אזוי ערליך ווי דער ערשטער.

דער אפטא רב האט געהייסן דעם בעל עגלה צו פארן צום אכסניא פונעם צווייטן גביר, אויף וועמען מען האט געזאגט אז ער איז נישט אזוי ערליך ווי דער 'שיינע איד'.

קיינער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט זיך אויסגעקליבן צו זיין דוקא ביים צווייטן, אבער אויף א צדיק פרעגט מען נישט קיין קושיות.

נאך וואס דער שבת איז אריבער מיט א ספעציעלן טעם פון העכער'קייט און קדושה, זענען די ראשי קהילה געקומען ארויס באגלייטן דעם הייליגן אפטא רב פון זייער שטאט, ווען זיי זענען שוין געווען אינדרויסן פון שטאט, רופט זיך אָן דער אפטא רב צו זיי, און זאגט:

"איר וואונדערט זיך אודאי פארוואס איך האב זיך אויסגעקליבן די אכסניא דוקא ביים גביר אויף וועלכע מען זאגט אז ער איז נישט אזוי ערליך, וועל איך אייך דאס ערקלערן:

דער ערשטער גביר וועלכע האלט זיך גרויס אלס 'א שיינע איד', קען זיין אז ער איז טאקע ערליך און ריין פון עבירות, אבער וויבאלד ער איז א בעל גאוה, זאגט דאך די גמרא (סוטה ה.) אז אויף א בעל גאוה זאגט דער אייבערשטער 'אין אני והוא יכולין לדור במדור אחת', ווייל דער פסוק זאגט אין תהלים (קא, ה) 'גבה עינים ורחב לבב אתו לא אוכל', איך מיט עם קענען נישט וואוינען אין איין וואוינונג.

דעריבער, אז דער אייבערשטער וואוינט נישט דארט, ווי אזוי קען איך איינשטיין דארט אויף שבת?

אבער דער צווייטע גביר וועלכע האלט זיך טאקע קליין, נאר מען זאגט אויף עם אז ער איז נישט ערליך און ריין פון עבירות, די תורה זאגט דאך אין פרשת אחרי אויפ'ן אייבערשטער 'השוכן אתם בתוך טומאותם', דער אייבערשטער רוהט צווישן די אידן אין זייער טומאה, אז כאטש זיי זענען טמא פון עבירות, דאך רוהט דער אייבערשטער צווישן זיי.

נו? אז דער אייבערשטער וואוינט אין זיין הויז, האב איך אויך געוואלט איינשטיין ביי עם אויף שבת!"...

❋ ❋ ❋

דער הייליגער רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע איז אמאל געגאנגען שפאצירן מיט זיין זוהן אין א גארטן אין שטאט ווארשא.

גייענ'דיג האט ער געפרעגט פון זיין זוהן: "דו שפירסט עפעס דא אויף דעם ארט?"

האט דער זוהן גע'ענטפערט: "ניין!"

האט רבי יחזקאל זיך שטארק געוואונדערט און געזאגט: "ווער עס וויל שפירן דא אין דעם גארטן די קדושה איז עס זייער גרינג, ווייל אין א פלאץ וואו עס הערשט א טומאה קען די קדושה נישט רוהען, אבער עס איז דאך 'מלא כל הארץ כבודו', דעריבער ווען איינער וויל דא זוכה זיין צו קדושה, איז עס גרינגער".

דערביי האט דער הייליגער רבי יחזקאל פון קאזמיר דערציילט א מעשה פון דער הייליגער רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע, אז יעדע מאל נאך ווען ער פלעגט זיין אין דאנציג פאר מסחר, איז ער געווען אויף איין שבת ביי דער הייליגער 'יהודי' רבי יעקב יצחק פון פרשיסחא זי"ע, און אויף איין שבת ביי דער הייליגער 'חוזה' רבי יעקב יצחק פון לובלין זי"ע.

איינמאל איז אויסגעקומען ווען ער איז אנגעקומען קיין לובלין, האט עם דער הייליגער 'חוזה' נישט געגעבן שלום, האט ער ביי זיך געטראכט אפשר איז עס סתם א טרעפונג.

איז ער געגאנגען אין אַן אנדערע צייט און ווייטער, דער הייליגער 'חוזה' געבט עם נישט קיין שלום.

האט ער פארשטאנען אז עפעס ליגט דא באהאלטן, און ער האט אנגעהויבן דורך טראכטן זיינע וועגן אין דאנציג, און האט נישט געטראפן קיין שום פעלער, נאר פונקט פארקערט עס איז געווען 'א געלונגענע דאנציג', וואו ער האט מקרב געווען אסאך דייטשן צום אייבערשטער.

ביז ער האט זיך בארעכענט אז די גמרא זאגט דאך 'פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה', און אויפ'ן וועג האט ער נישט געקענט אזוי פיל לערנען, דעריבער האט ער זיך אוועק געזעצט און געלערנט בהתמדה די גאנצע נאכט.

דערנאך האט ער געטראכט אז אפשר איז די פשט אין גמרא 'פשפש ולא מצא' אז וויבאלד דער מענטש האט נישט געלערנט איידער דאס זוכן זיינע עבירות, אבער יעצט אז ער האט שוין געלערנט וועט ער נאך אמאל נאכקוקן זיינע מעשים, און יעצט וועט ער זיכער טרעפן דער זינד, באלד האט ער געטראכט אז די גאוה וואס ער האט געטראכט אז איך האב געהאט 'א געלונגענע דאנציג', דאס איז די עבירה, און ער האט באלד אויף דעם תשובה געטוהן.

דערנאך ווען ער איז צוריק אריין צום רבי'ן פון לובלין, האט דער 'חוזה' עם שיין אויפגענומען און שלום געגעבן און האט עם געזאגט: "דו ווייסט דאך אז דאנציג איז א מקום טומאה און די שכינה איז דארט שטארק אין גלות, דעריבער ווער עס האט נאר א רצון צו נאנט ווערן צום אייבערשטער איז ער גלייך זוכה אז גרינגערהייט רוהט אויף עם די שכינה, און דערפאר איז די קדושה וואס דו האסט דארט געשפירט בכלל נישט געווען אין דיין כח, און עס איז געווען אומזינסט דיין מחשבה".

* * *

**ובא אהרן אל אוהל מועד - להוציא את הכף.** (רש"י)

דער הייליגער רבי ישראל 'בעל שם טוב' זי"ע איז אמאל געפארן צום הייליגער רבי יצחק פון דרוהביטש זי"ע, כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון 'שימוש תלמידי חכמים'.

זייענ'דיג דארט האט דער הייליגער בעש"ט אריינגעברענגט א גלאז קאווע פאר'ן הייליגער רבי איציק'ל דרוהביטש'ער, דערנאך האט דער בעש"ט ארויסגעטראגן דעם ליידיגן גלאז פון שטוב.

האט רבי איציק'ל דרוהביטש'ער געפרעגט פונעם בעש"ט: "דאס וואס איר האט מיר געברענגט דעם גלאז קאווע, קען איך פארשטיין, ווייל איר האלט מיר פאר א תלמוד חכם, און איר ווילט מקיים זיין דערמיט 'שימוש תלמידי חכמים', אבער פארוואס האט איר געדארפט ארויסנעמען דאס גלאז פון שטוב, איר האט דאך מיר נישט באדינט דערמיט?"

האט דער הייליגער בעש"ט גע'ענטפערט: "מיר זעהן אז אין יום כיפור איז געווען א באזונדערע הייליגע עבודה פאר'ן כהן גדול, דאס ארויסנעמען דעם 'כף' און די 'מחתה' פונעם קודש הקדשים, ער האט זיך דערפאר גע'טובל'ט, אנגעטוהן פרישע בגדי לבן, זיך מקדש געווען זיינע הענט און פיס.

יעצט - האט דער הייליגער בעש"ט אויסגעפירט - ביים ארויסטראגן דעם גלאז האב איך אינזינען געהאט די זעלבע הייליגע כוונות, וואס דער כהן גדול פלעגט מכוון זיין ביי דעם דאזיגע הייליגע עבודה".

* * *

**אשר יעשה אותם האדם וחי בהם.**

ווען דער בארימטער 'גאון' רבי יעקב אורנשטיין 'בעל ישועות יעקב' פון לעמבערג זצ"ל איז געווען א יונגערמאן, האט ער געגעסן קעסט ביי זיין שווער אין די שטאט יעריסלוב. איין יום כיפור איז אין שטאט'ס שוהל געשעהן אַן אינטערסאנטע עפיזאד.

עס איז געווען ערב יום הקדוש ווען ער איז געגאנגען דאווענען אין דעם שטאט'ישן שוהל, אלע זענען שוין געווען גרייט אין ביהמ"ד מיט די מחזורים אין די הענט, ווען פלוצלינג קומט אריין אין שוהל א פרעמדער איד וועלכער קיינער האט נישט געקענט, פארבויגן מיט פארכט איז ער גלייך צוגעגאנגען צום עמוד, אָן צו פרעגן די גבאים אדער קהילה פירער, האט ער אנגעהויבן 'על דעת המקום ועל דעת הקהל'.

עס איז געווען קענטיג אז דער פרעמדער איז דערציטערט און אויפגעפלאמט פון דעם יום הגדול והנורא, און די אימה איז געווען צו הערן אין זיין שטימע, פארט אבער האט עם קיינער נישט מכבד געווען מיט'ן ברעטל, און דער בעל תפלה קבוע איז געשטאנען אין דער זייט א צומישטער.

עס איז געווארן אומבאקוועם פאר די ראשי הקהילה, אבער צוליב די קדושה פון די דערהויבענע זמן, זאגן זיי עם נישט קיין ווארט, און זיי האפן אז צו מעריב וועט ער אפטרעטן און צולאזן דער באשטימטן בעל תפלה.

דער עולם האט טאקע געהאט א גרויסן התעוררות פון זיין 'כל נדרי', אבער ווי ערשטוינט ווערן אלע, ווען דער גאסט טרעט נישט אפ פון עמוד נאך 'כל נדרי', נאר איז ממשיך אין מעריב אריין מיט א קול וואס דונערט און שפאלט הימלען.

מיט א ברען זאגט ער אלע פיוטים מיט א שטארקן און קלארן קול, ווי א געניטער בעל תפלה. אויך דעם שיר היחוד האט ער פארגעזאגט מיט א זעלטענע נעימות, און ווען ער האט גע'ענדיגט האט ער נאך אלס נישט אפגעטרעטן, נאר האט אפירגענומען א ספר תהלים, און מיט א מתיקות און געשמאק האט ער אנגעהויבן 'אשרי האיש אשר לא הלך וגו'.

ווער איז ער? פון וואו קומט ער אָן אהער? טראכט יעדער צו זיך, אבער קיינער האט קיין ענטפער נישט צו זאגן ווער און פון וואנען דער אומגעראכטענע בעל תפלה איז אנגעקומען צו זייער שוהל און דאווענט אזוי מייסטערהאפטיג.

א חלק עולם איז אהיים געגאנגען, אנדערע האבן זיך אנידערגעלייגט אויף די בענק פארמאכן די אויגן, און די קאפיטלאך ווערן ווייטער געזונגען ביים עמוד מיט א קלארקייט וואס הילכט אָפּ אינעם גאנצן ביהמ"ד.

דער זון הייבט שוין אָן ווארפן איר שטראלן און די מתפללים קומען זיך צענויף אין שוהל זיך גרייטן צו תפילת שחרית. דער בעל תפלה איז מסיים דעם ספר תהלים, און צו אלעמען'ס שטוינונג, רישט ער זיך גלייך צו דאווענען 'תפילת שחרית' ביים עמוד.

אלע ווערן באצויבערט פון די מתיקות און ווארימקייט מיט וואס ער טוט אראפלייגן א דאווענען, נאכ'ן שטיין ברציפות א גאנצע נאכט פון 'כל נדרי' פאר'ן עמוד, אז די פאראזאמלטע וואונדערן זיך צי דער וואס שטייט דא איינגעהילט אינעם טלית איז א בשר ודם אדער גאר א מלאך.

ביי קריאת התורה איז ער צוגעגאנגען צום תורה און האט געליינט די קריאה בקול גדול, און גלייך דערנאך זיך צוריק-געקערט צום עמוד פאר מוסף.

די ציבור מתפללים שטוינען פון די אומנאטורליכע כוחות וואס דער בעל תפילה טוט דא ארויסווייזן.

"איך אליין" - זאגט דער 'ישועות יעקב' - "האב שוין נישט געוואוסט וואס צו קלערן, צי דער איז א מענטש אדער מלאך, ווייל עס איז שלא כדרך הטבע פאר א מענטש צו קענען שטיין אויף איין פלאץ און דאווענען מיט אזא ברען פון 'כל נדרי' אָן קיין הפסקה"...

און גלייך ווי ביז אהער, האט דער בעל תפלה נישט געוויזן קיין צייכנ'עס פון אויפגעבן, און האט גע'רעש'ט אין די הימלען מיט זיין 'מנחה' און דערנאך ביים דאווענען דעם הייליג'סטן תפלה 'נעילה'.

אויך די 'תקיעה' האט ער געבלאזן, און האט נישט פארלאזט דעם עמוד ביז נאך מעריב פון מוצאי יום הכיפורים.

דא האט שוין יעדער איינער משלים געווען ביי זיך אז דער איד איז גארנישט קיין מענטש, און וואס עס האט זיך פאר זיי אפגעשפילט אין די לעצטע מעת לעת איז גאר נישט מער ווי א אנטפלעקונג פון א הימל'ישע מלאך אין געשטאלט פון א בשר ודם, היות דער דורכשניטליכע מענטש קען נישט אהערשטעלן וואס דער פרעמדער האט באוויזן אין די פארגאנגענע יום כיפור.

נאך מעריב, האט זיך דער שליח ציבור געקערט צום עולם און געוואונטשן 'א גוט יום טוב' - דערציילט ווייטער דער 'ישועות יעקב' - אויך מיין שווער איז צוגעגאנגען עם צו באגריסן, ער האט דעם גאסט געלאדנט אויף הבדלה צו זיך אין שטוב, ווי עס איז געווען זיין שטייגער מיט הכנסת אורחים.

איך האב באשלאסן - זאגט ווייטער דער 'ישועות יעקב' - זיך צו באטייליגן מיט די קבוצה, צו זעהן ווי אזוי דער 'מלאך' וועט זיך אויפ'פירן ביי מיין שווער אינדערהיים.

## סיפורי צדיקים

ווען מען איז צום שטוב אנגעקומען, איז דער גאסט מכובד געווארן מיט הבדלה, וואס אויך דאס האט ער געזאגט מיט התלהבות הויך אויפ'ן קול, און דערנאך האט ער זיך אוועקגעזעצט טועם זיין פון די וויין.

דאן האט זיך דער גאסט צוריק אויפגעשטעלט, זאגנ'דיג מיט א טיפע קרעכץ אז ער פילט זיך שוואך, מען זאל עם עפעס צוברענגען א דערקוויקעניש, זיך צו דערמינטערן די כוחות.

"אה, נאך אלעמען ווערט ענדליך נתברר אז דער גאסט איז גאר א מענטש"... - קלערט צו זיך באלד דער 'ישועות יעקב'.

אבער זיין מסקנא איז געווען א פריצייטיגע, ווען ברענגענ'דיג פאר'ן גאסט געשמאקע עסן און פירות, שטופט דער גאסט אוועק דעם טאץ, זאגנ'דיג אז ער דארף האבן א 'גמרא מסכת סוכה' זיך מחזק צו זיין דאס הארץ...

ער האט זיך גלייך גענומען לערנען מיט גרויס חשק. דער 'ישועות יעקב' האט נישט געגלייבט וואס עס שפילט זיך עם אָפּ פאר זיינע אויגן, און האט באשלאסן צו בלייבן אין שווער'ס שטוב א גאנצע נאכט צו קענען באטראכטן פון א צווייטע צימער וואס דער אורח טוהט.

עס לויפט אריבער א שעה נאך א שעה, דער 'ישועות יעקב' איז שוין דערווייל איינגעשלאפן און דער גאסט שטייט נאך פארטיפט אין די גמרא.

אזוי ווי עס האט אנגעהויבן אָן צו טאגן, האט זיך דער 'ישועות יעקב' אויפגעכאפט פון שלאף, און אט זעהט ער ווי דער גאסט שטייט נאך ביי די גמרא און לערנט.

ווען ער האט גע'ענדיגט די גאנצע מסכת, האט ער צוריקגעשטעלט די גמרא אין שאנק און איז זיך געגאנגען אין בית המדרש צו דאווענען שחרית.

ערשט מיט עטליכע יאר שפעטער איז דער 'ישועות יעקב' געוואויר געווארן אז דער גאסט איז געווען נישט קיין צווייטע, ווי נאר דער הייליגער רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב 'בעל קדושת לוי' זי"ע.

❋ ❋ ❋

## אמרות חכמים

**ואל יבא בכל עת אל הקודש.**

דער הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע האט זיך געפירט מיט א הייליגע וועג פון 'מלכות', איינע פון די הערליכע זאכן וואס ער האט פארמאגט איז געווען אן הערליכע גאלדענע וואגן וועלכע איז געווען איינגאנצן פארמאכט, דאס האט זיך גערופן א 'כּאַלעס'.

זייענ'דיג אמאל אונטערוועגנ'ס, איז איינע פון די צדיקים אריבערגעפארן דעם 'כאלעס' פון דער הייליגער רוזשינ'ער, דער צדיק האט זיך אפגעשטעלט און זיך געוואנדן צום הייליגער רוזשינ'ער פרעגנ'דיג: "נו? עס שטייט דאך 'ואל יבא בְּכָל-עֵת (כאלעס) אל הקודש'?"

"מיר זאגן אבער" - האט דער הייליגער רוזשינ'ער גע'ענטפערט - "דעם פסוק 'בְּכָל-עֵת יהיו בגדיך לבנים'!" (שטענדיג זאלן דיינע קליידער זיין ווייס, דאס מיינט ווייס און ריין פון עבירות)...

❋

די אנוועזנדע האבן נישט פארשטאנען די הייליגע דיבורים וועלכע זענען פארגעקומען צווישן די צוויי צדיקים, באזונדער'ס וואס דער הייליגער רוזשינ'ער האט עם גע'ענטפערט.

ביז איינמאל ווען דער הייליגער רוזשינ'ער האט זיך געגרייט צו א 'נסיעה', און עס זענען דאן צו עם צוגעקומען זיין יונג'סטע זוהן, דער הייליגער רבי מרדכי שרגא פון הוסיאטין זי"ע, און זיין עלט'סטע אייניקל, דער הייליגער רבי יצחק פון באהוש זי"ע.

ביידע זענען דאן געווען ארום זעקס אדער זיבן יאר, און זיי האבן געבעטן פונעם הייליגער רוזשינ'ער אז זיי ווילן מיטפארן אויפ'ן נסיעה מיט'ן 'כאלעס'.

האט זיי דער הייליגער רוזשינ'ער געזאגט: "איר זאלט וויסן אז עס איז נישט אזוי פשוט צו פארן מיט'ן 'כאלעס', ווייל בשעת ווען מען זיצט אינעם 'כאלעס' דארף מען זיך פארשטעלן ווי מען גייט אנגעטוהן אין די ווייסע תכריכים קליידער, און מען פארט אויפ'ן לעצטן וועג... דעריבער נאר אויב איר זענט גרייט דערצו, דאן קענט איר מיטקומען אויפ'ן נסיעה!"...

❋ ❋ ❋

**בזאת יבא אהרן אל הקודש.**

דער הייליגער 'בית אהרן' פון קארלין זי"ע ברענגט פון זיין טאטע דער הייליגער רבי אשר 'הגדול' פון סטאלין זי"ע, ווען ער האט געליינט די קריאה פון פרשת אחרי מות, וואס דאס איז דאך די זעלבע קריאה וואס מען ליינט יום כיפור, האט ער דאן געהאט גרויסע בענקשאפטן צום הייליגן טאג יום כיפור, כמעט ביז כלות הנפש.

ער פלעגט דאן זאגן דאס פאלגענדע משל: "ווען מען גרייט צו די געקעכטס פאר א חתונה, פארזוכט מען פריער פון אלע געקעכטס, און ביים פארזוכן פון דאס עסן, שפירט מען שוין די חתונה זעלבסט.

אזוי אויך, אין דעם שבת פרשת אחרי, ווען מען ליינט די קריאה וועלכע מען ליינט אינעם הייליגן טאג 'יום כיפור', דארף מען שוין פארזוכן און זיך דערוועקן מיט א התעוררות, פון די קדושה פון יום כיפור!"

❋ ❋ ❋

**ושלח ביד איש עתי המדברה.**

דער בארימטער 'גאון' רבי חיים פון בריסק זצ"ל איז אמאל געפארן אונטערוועג'נס אויף א באן. אינעם זעלבן וואגאן האט זיך געפונען א רוסישער צייטונג שרייבער, וועלכער איז געווען באוואוסט מיט זיין גרויסע שנאה צו דאס אידישע פאלק.

דער צייטונג שרייבער וועלכע פלעגט זיך שטענדיג בארימען מיט זיין פילע וויסנשאפט און באקאנטשאפט אין אלע גוי'אישע רעליגיעס, ספעציעל אין דער אידישע רעליגיע, האט זיך גענומען גיסן פעך און שוועבל אויף דאס אידישע פאלק, דערציילנ'דיג אלע זייערע חסרונות.

האט רבי חיים בריסק'ער זיך אנגערופן צום צייטונג שרייבער און עם געזאגט: "דו בארימסט זיך דאך פאר יעדן אז דו ביסט א גרויסע 'ידען' אין אלע אידישע אנגעלעגנהייטן, ביסט דו דאך זיכער אויך באקאנט אין אונזערע תורה און מצות. אויב אזוי ווייסט דו דאך זיכער וואס עס שטייט אין די תורה ווען מען האט אין יום כיפור אוועק געשיקט דעם 'שעיר לעזאזל', שטייט דארט אין פסוק 'ושלח ביד איש עתי', זאג'זשע נאר, וואס מיינט דאס 'איש עתי'? ווער איז דאס געווען דער 'איש עתי'?"

דער צייטונג שרייבער, נישט וויסנ'דיג דעם ענטפער דערויף, האט געשוויגן און גארנישט רעאגירט.

זאגט עם רבי חיים בריסק'ער: "איך וועל דיר דאס ערקלערן, דאס ציגעלע וואס גייט קיין 'עזאזל' האט מען איבערגעגעבן אין די הענט פון אַן 'איש עתי', דאס מיינט א 'צייטונג שרייבער', וועלכע טוט זיך באשעפטיגן מיט'ן אריין שרייבן אין אלע צייטונגען אלע זינד פון דעם גאנצן דור.

אבער, צוזאמען מיט דאס 'שעיר לעזאזל' האט מען אויך פארשיקט דעם 'איש עתי' זעלבסט, צוזאמען מיט אלע אידישע זינד!"...

❋ ❋ ❋

**לכפר על בני ישראל מכל חטאתם אחת בשנה.**

ווען דער הייליגער רבי צבי הירש פון ליסקא זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן זיך פארזאמלט די רבנים פון אלע שטעט ארום און געהאלטן הספדים נאך עם.

דער ערשטע מספיד איז געווען דער טאלטשאווא רב זצ"ל, צווישן זיינע ווערטער האט ער אזוי געזאגט: "חז"ל זאגן (ברכות ה.) אז 'יסורים' רייניגן אויס די זינד פון א מענטש, אזוי אויך דער טאג 'יום כיפור' רייניגט אויס אונזערע זינד, און ווען א צדיק גייט אוועק פון דער וועלט, רייניגט דאס אויך די זינד פון אידן.

דערפאר זאגט דער פסוק 'והיתה זאת לכם וגו' לכפר על בני ישראל מכל חטאתם אחת בשנה', ווייל מיר זענען מסכים צו האבן בלויז איין כפרה א יאר, דאס איז יום כיפור, און מיר זענען מוותר אויף די אנדערע צוויי כפרות, די פטירה פון צדיקים און יסורים!"...

❋ ❋ ❋

גליון

# קוראי עונג

פרשת קדושים

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו' קְדֹשִׁים תִּהְיוּ.** (יט, ב)
אין כלל ישראל זענען פארהאנען ערליכע אידן וואס זייער נשמה איז הייליג און ריין, אז זיי קענען זייער גרינג דערגרייכן הויכע מדריגות אין קדושה, אבער עס זענען פשוט'ע סארט אידן וועלכע קענען נישט דערגרייכן די הויכע מדריגות אין קדושה, די עצה פאר זיי איז, אז זיי זאלן זיך האלטן צוזאמען מיט אחדות און ליבשאפט מיט גאנץ כלל ישראל, דאן וועלן זיי קענען צוקומען צו די העכסטע מדריגות אין קדושה.
דאס זאגט דער פסוק 'דבר אל כל עדת בני ישראל', אויב אלע אידן וועלן זיך האלטן צוזאמען, דאן קענען זיי אנקומען צו די מדריגה פון 'קדושים תהיו'.
(דער הייליגער רבי אברהם יהושע העשיל פון אפטא זי"ע)

**קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם.** (יט, ב)
א איד וואס וויל שטייגן אין קדושה, דארף וויסן אז ווי העכער ער וועט שטייגן, וועט ער נאך נישט אנקומען צום שלימות אין קדושה, ווייל עס איז נאך דא העכער און גרעסער פון דעם.
דעריבער שטייט 'קדשים תהיו', דאסווארט 'קדשים' איז א חָסֵר - אָן א וואו"ו, צו ווייזן אז וויפיל ער וועט שטייגן אין קדושה, פעלט נאך אלס פון דער שלימות אין קדושה, אבער די קדושה פון דער אייבערשטער איז דאך גאנץ, דעריבער שטייט 'כי קדוש אני', און דאס ווארט 'קדוש' איז א מָלֵא - מיט א וואו"ו, ווייל די קדושה פון דער אייבערשטער איז גאנץ.
(דער הייליגער רבי שלום פון בעלזא זי"ע)

**אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ.** (יט, ג)
די תורה האט צוזאמען געשטעלט 'מורא אב ואם' מיט 'שמירת שבת', צו ווייזן אז אזוי ווי היטן שבת מוז מען ווייל אזוי האט די תורה באפוילן, און נישט ווייל מען וויל אפרוהען דעם גוף, אזוי אויך דארף מען מורא האבן פון דער טאטע און מאמע, נאר ווייל די תורה האט אזוי באפוילן, און נישט ווייל עס פאסט זיך אזוי.
(דער הייליגער 'חידושי הרי"ם' פון גור זי"ע)

**לֹא תַעֲשֹׁק וגו' וְלֹא תִגְזֹל לֹא תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר וגו'.** (יט, יג)
דער דין איז ווען אַן ארבעטער טענה'ט אז זיין בעל הבית האט עם נישט באצאלט זיין געהאלט פאר'ן טאג, אז אין די זעלבע טאג קען דער ארבעטער שווערן דערויף ביים בית דין אז ער האט נישט באקומען באצאלט, אבער אויף צומארגנס קען ער שוין נישט שווערן דערויף, און דער בעל הבית קען בכלל נישט שווערן אז ער האט יא באצאלט די געלט.
דעריבער זאגט די תורה פאר'ן בעל הבית 'לא תעשוק', דו זאלסט נישט בארויבן דיין ארבעטער, נאר דו זאלסט עם באצאלן, 'ולא תגזול', און דער ארבעטער זאל נישט גזל'ען פון זיין בעל הבית א דאפלטע געהאלט דורכ'ן שווערן ביים בית דין אז ער האט נישט באקומען באצאלט, 'לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר', דער בעל הבית זאל נישט אפהאלטן די געהאלט פון זיין ארבעטער ביז אינדערפרי, אז זיין ארבעטער זאל שוין מער נישט קענען שווערן ביים בית דין אינעם זעלבן טאג אז ער האט נישט באקומען באצאלט.
(דער 'גאון' רבי לייביש חריף זי"ע)

**הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ.** (יט, יז)
פארוואס שטייט א דאפלטע לשון 'הוכח תוכיח'? ווייל אויפ'ן פסוק (בראשית יז, יג) 'המול ימול' דרש'נט די גמרא (ע"ז כז.) 'המול' נאר דער וואס איז גע'מל'ט, 'ימול' ער קען מל'ען א צווייטן. אזוי אויך זאגט דער פסוק דא, 'הוכח' - נאר דער וואס זאגט שטענדיג מוסר פאר זיך אליין, 'תוכיח' - ער קען זאגן מוסר פאר אנדערע, ווייל 'קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים' (ב"מ קז:).
(דער הייליגער 'צמח צדק' פון ליובאוויטש זי"ע)

**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'.** (יט, יח)
'ואהבת לרעך כמוך', ווען צוויי אידן האבן זיך ליב, דאן איז דא צוויי מאל דאס ווארט 'אהבה', וואס צוזאמען באטרעפן זיי 26 ווי די שם הוי"ה ב"ה, דעריבער ענדיגט צו דער פסוק 'אני ה''.
(דער הייליגער רבי מנחם נחום פון טריסק זי"ע)

די גמרא זאגט (ב"מ סב.) ווען צוויי מענטשן גייען אין וועג און נאר איינער פון זיי האט ביי זיך א קריגל מיט אביסל וואסער, אויב זיי וועלן זיך צוטיילן מיט דאס ביסל וואסער וועלן ביידע שטארבן פון דארשט, אויב נאר איינער וועט אויסטרינקען דאס גאנצע וואסער, וועט ער בלייבן לעבן און זיין חבר וועט שטארבן. האט רבי עקיבא געזאגט, עס שטייט אין פסוק 'וחי אחיך עמך', דעריבער 'חייך קודמין', דיין לעבן קומט פריער פון דאס לעבן פון דיין חבר, דעריבער זאל דאס אויסטרינקען דער וואס די וואסער איז זיינע.
לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס טוט רבי עקיבא מיט'ן פסוק פון 'ואהבת לרעך כמוך', אויף וועלכע רבי עקיבא אליין זאגט 'זה כלל גדול בתורה'?
נאר דאס וואס רבי עקיבא האט געזאגט 'חייך קודמין', דיין לעבן קומט פריער, דאס איז נאר געזאגט געווארן אויף גשמיות'דיגע ענינים, אבער ביי רוחניות'דיגע ענינים ווי לימוד התורה, דארף מען ענדערש לערנען און זיך אפגעבן מיט א צווייטן, אפילו אויב צוליב דעם וועט ער אליין לערנען אביסל ווייניגער.
דעריבער זאגט רבי עקיבא 'ואהבת לרעך כמוך, זה כלל גדול בתורה', אז דער כלל גדול פון 'ואהבת לרעך כמוך' איז נאר ביי לימוד התורה, אבער ביי עניני עולם הזה, גשמיות'דיגע זאכן, איז די הלכה 'חייך קודמין'.
(דער הייליגער 'חתם סופר' זי"ע)

**לֹא תַקִּפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם.** (יט, כז)
לויט דער 'רמב"ם' (הל' ע"ז יב, ו) איז דער שיעור פאות ווייניג'סטנס 40 האר. די אותיות ביי די צוויי עקן פון 'יִשראֵל' באטרעפט 40, די מיטל'סטע אותיות פון דאס ווארט 'ישראל' זענען 'ראש'.
דאס זאגט די תורה 'לא תקיפו פאת ראשכם', נעם נישט אראפ די 40 האר, דער שיעור פאות ביי די עקן פון דיין קאפ, דאס זענען די עקן פון דאס ווארט 'יִשראֵל', אז עס זאל בלייבן 'ראש'.
(ספר פרדס יוסף)

**מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן.** (יט, לב)
ווען א מענטש טוט תשובה אין זיינע יונגע יארן, דאן ווען ער קומט אָן אין די עלטערע יארן וועט ער זיך נישט דארפן שעמען מיט זיין יוגענט, נאר פארקערט, דאס טוט עם באשיינען די עלטערע יארן.
דאס זאגט דער פסוק, 'מפני שיבה' אויב נאך פאר די עלטערע יארן קומען אָן, 'תקום', וועסט דו זיך אויפהייבן צו דינען דער אייבערשטער, 'והדרת פני זקן', דאן וועסט דו באשיינען דיינע עלטערע יארן.
(דער הייליגער 'דגל מחנה אפרים' זי"ע)

כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**"קדושים תהיו."**

אמאל איז דער הייליגער רבי מנחם מענדל פון וויטעפסק זי"ע געווען אויף א שבת אין די שטאט מינסק, און ער האט דארט געהאלטן א דרשה אין בית המדרש.

די מענטשן פון שטאט זענען געווען צוגעוואוינט צו הערן פון די מגידים ווי זינדיג זיי זענען, און אלע שטראפן פון גיהנום וועט נישט גענוג זיין פאר זיי, ביז דער גאנצע עולם פלעגט אויסברעכן אין א געוויין.

האט דער הייליגער רבי מנחם מענדל פון וויטעפסק אנגעהויבן צו זאגן אזוי: "'ישראל קדושים הם', אידן זענען הייליג, און דער סוף וועט דאך זיין 'קדושים תהיו', איר וועט בלייבן הייליג, אויב אזוי, פארוואס זאלט איר דאס דען אפשטופן אויף שפעטער? זייט שוין מקיים דעם 'והתקדשתם והייתם קדושים', הייליגט אייך שוין יעצט, און ווערט תיכף הייליג".

די אידן האבן שפעטער דערציילט אז די חיזוק ווערטער וואס ער האט זיי געזאגט, אז א איד איז הייליג און וועט זיין הייליג, האט מער אויפגעטוהן ווי אלע שטרענגע רייד איבער'ן גיהנום.

❋ ❋ ❋

**"לא תלין פעולת שכיר."**

ווי באקאנט איז דער הייליגער רבי משולם זוסיא פון אניפאלי זי"ע געווען גאר א גרויסע ארימאן, און נישט אזוי גרינג האט זיך זיין רעביצין געקענט ערלויבן א נייעם קלייד.

איינמאל האט זיך דער הייליגער רבי זושא גאר שטארק אנגעשטרענגט צו שאפן געלט און קויפן א נייע סחורה פאר א קלייד, אז די רעביצין זאל זיך קענען לאזן נייען א נייע קלייד אויף יום טוב, רבי זושא האט געוואלט די רעביצין צופרידן שטעלן אז זי זאל האבן א שמחת יום טוב, אבער ווי פארוואונדערט איז ער געווארן, ווען ער האט דערזעהן ערב יום טוב אז זיין רעביצין דרייט זיך ארום אביסל צוגעלייגט.

"וואס איז שוין ווייטער?" - וואונדערט זיך רבי זושא - "דו האסט דאך שוין א נייע קלייד?"

ענטפערט די רעביצין: "וואס קלייד, ווען קלייד, איך האב נישט קיין קלייד!"

וואונדערט זיך רבי זושא און פרעגט: "איך האב דאך אליין איבערגעגעבן פאר דיר די סחורה?"

האט עס די רעביצין, די צדיקת דערציילט, אז ווען דער שניידער האט גע'ענדיגט צו נייען דאס קלייד, און האט עס געברענגט צו איר אין שטוב, האט ער ארויסגעלאזט דערביי א קרעכץ. ווען זי האט עם געפרעגט פארוואס ער קרעכצט, האט ער גע'ענטפערט אז זיין טאכטער איז נישט לאנג צוריק א כלה געווארן אין א מזל'דיגע שעה, און ווען זי האט דערזעהן אז ער נייט א קלייד, איז זי געווען זיכער אז דאס איז פאר איר, אבער ווען זי איז געוואויר געווארן אז נישט, האט זי געהאט גרויס עגמת נפש.

הערנ'דיג די ווערטער - האט די רעביצין געזאגט צו רבי זושא - האב איך עם אוועקגעגעבן דאס קלייד אלס א מתנה פאר זיין טאכטער די ארימע כלה.

פרעגט איר רבי זושא: "און באצאלט פאר זיין ארבעט האסטו אויך?"

וואונדערט זיך די רעביצין: "וואס הייסט באצאלט, איך האב עם דאך אוועקגעגעבן דאס גאנצע קלייד?"

רופט זיך אָן צו איר רבי זושא: "איך פארשטיי דיר נישט, דער ארימער שניידער האט דאך גע'ארבעט א גאנצע וואך פאר דיר, און נישט פאר זיין טאכטער, און ווען ער האט גע'ענדיגט זיין ארבעט האט ער געווארט צו באקומען פון דיר געלט פאר זיין ארבעט, כדי צו קענען מפרנס זיין דערמיט זיינע בני בית, און איצנד, וואס האט ער דערפון אז דו ביסט א ברייט הארציגע בעלת צדקה און דו האסט געשענקט דאס קלייד פאר זיין טאכטער, זיין ארבעט-געלט דארף מען דאך באצאלן!"...

הערנ'דיג דעם 'פסק-דין' פון איר הייליגן מאן, האט זיך די רעביצין געאיילט צו בארגן געלט און געלאפן באצאלן פאר'ן שניידער זיין ארבעט געלט פאר די קלייד פון זיין טאכטער.

❋ ❋ ❋

**"הוכח תוכיח את עמיתך."**

ווען דער הייליגער 'חפץ חיים' פון ראדין זי"ע איז ארום געגאנגען פארקויפן זיין ספר 'משנה ברורה', איז ער אמאל אויסגעקומען אריינצוגיין אין א קרעטשמע אין די שטאט ווילנא.

זיצנ'דיג אינעם קרעטשמע האט ער באמערקט א דארפ'ס איד וועלכע האט געגעבן דעם איינדרוק פון אַן ארימע שלעפער, ווי ער פארלאנגט מיט א באפעל, אז מען זאל עם דערלאנגען א שטיק פלייש און א פלאש בראנפן, און אָן צו מאכן א ברכה האט ער דאס אריינגעכאפט אין איין אטעם.

אזוי האט ער ווייטער פארלאנגט נאך אנדערע פארשידענע מאכלים.

ווען דער 'חפץ חיים' האט דערזעהן דאס מגושמ'דיגע התנהגות, האט עם דאס שטארק וויי געטוהן, און ער האט ביי זיך אפגעמאכט צו צוגיין צו דעם איד און מקיים זיין דעם מצוה וואס שטייט אין די תורה 'הוכח תוכיח את עמיתך', אז מען דארף מוסר זאגן א צווייטן איד.

ווי דער קרעטשמער האט דאס באמערקט, איז ער באלד צוגעגאנגען צום 'חפץ חיים' און עם אויפמערקזאם געמאכט אז דא האנדלט זיך פון א איד וועלכע איז נעבעך אלס יונג קינד פארכאפט געווארן דורך די באקאנטע 'קינדער כאפערס', און צוזאמען מיט אנדערע קאנטאניסטן איז ער אויפגעהאדעוועט געווארן אין דעם קאלטן סיביר ביז צו די אכצן יאר, דערנאך האט ער געדינט דעם קיסר ניקאליי פאר נאך פינף און צוואנציג יאר, דעריבער איז נישט קיין שום חידוש אז ער זעהט אזוי אויס.

דעריבער איז בעסער - האט דער קרעטשמער אויסגעפירט - אז דער רבי הייבט אינגאנצן נישט אָן מיט עם, ווייל ער קען נאך דערלאנגען אויך...

דער 'חפץ חיים' האט דעם קרעטשמער בארואיגט, זאגנ'דיג: "מיט יעדן איד איז פארהאנען א שפראך, לאז מיר מקיים זיין די מצוה פון 'הוכח תוכיח', און מיט'ן אייבערשטער'ס הילף וועט ארויסקומען דערפון א טובה".

דער 'חפץ חיים' איז צוגעגאנגען צו דעם איד, און נאכ'ן געבן א שיינעם שלום עליכם, האט ער אנגעהויבן צו פארפירן מיט עם א שמועס, זאגנ'דיג: "איז דאס אמת וואס איך האב געהערט, אז דו ביסט אריבער אזויפיל יסורים אין דיין לעבן, נעבעך געווען אזויפיל יאר 'נָע וָנָד'? דו ביסט ממש אריבער געגאנגען דעם גיהנום אויף די וועלט? די רשעים האבן דיר געוואלט מאכן פארגעסן דאס גאנצע אידישקייט, און עס איז א נס אז דו ביסט פארבליבן א איד? וואויל איז פאר דיר! - האט ער אויסגעפירט - איך בין מקנא דיין חלק וואס דו האסט אויף יענע וועלט, דו ביסט דאך אריבער געגאנגען א גרעסערע נסיון ווי אסאך פריער'דיגע צדיקים".

צוביסלעכווייז האט דער 'חפץ חיים' געזעהן ווי שנירלעך טרערן קומען צו פליסן פון יענעמ'ס אויגן.

דער 'חפץ חיים' האט נאך צוגעלייגט נאך אזעלכע ענליכע דיבורים אז דער איד האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין.

דערנאך האט זיך דער 'חפץ חיים' אנגערופן צו עם: "עס פאסט פאר אזא חשוב'ע איד ווי אייך, וואס איר ווערט דאך פאר'רעכנט צווישן די געהויבענע אידן, אז איר זאלט יעצט מקבל זיין אויף אייך, אז אייערע איבערגעבליבענע טעג פון לעבן זאלן אריבערגיין ווי ביי אַן ערליכן איד".

דער איד איז מיטגעפארן מיט'ן 'חפץ חיים' קיין ראדין, און איז געווארן א ריכטיגע בעל תשובה.

❋ ❋ ❋

**"ולא תשא עליו חטא."**

עס איז געווען א גביר וואס פלעגט עוסק זיין אין פירן סחורה פאר די רעגירונג פון איין פלאץ צום צווייטן, און צו דעם האט זיך אויסגעפעלט כסדר אז ער זאל געבן שוחד פאר די אויפזעהער אז מען זאל עם געבן די פעקלעך צו פירן.

נאך א שיינע פאר יאר האט דער גביר געטראכט צו זיך אז די רעגירונג געבט עם שוין ממילא איבער די פעקלעך און עס פעלט שוין נישט אויס אז ער זאל משחד זיין די אויפזעהער.

א שטיק צייט שפעטער האט ער נאכאמאל באקומען א גרויסע פעקל מיט סחורה צו פירן פון איין פלאץ צום אנדערן, און וויבאלד דאס מאל האט ער נישט געגעבן קיין שוחד פאר די אויפזעהער ווי אלעמאל האט זיך דער אויפזעהער אויפגערעגט אויף עם, און פארשפראכן אז ער וועט עם מסר'ן פאר די רעגירונג.

דער גביר איז אריינגעפאלן אין א גרויסע צרה, ווייל טאמער וועט ער עם פאר'מסר'ן וועט מען זיך מער נישט באנוצן מיט עם, און ער איז געשטאנען שאדן צו האבן זיין גאנצע פרנסה.

דער גביר וועלכע איז געווען פון די גרויסע מקורבים ביים הייליגער רבי דוד פון טאלנא זי"ע (יא"צ י' אייר) האט נישט געקלערט קיין סאך און ער איז אין איילעניש געפארן צו זיין רבי'ן און זיך אויסגעוויינט פאר'ן גרויסן צדיק איבער די צרה וואס שטייט עם יעצט.

האט זיך דער צדיק אנגערופן צו עם: "וכי חשוד קוב"ה לעשות דין בלא דינא? צו דען וועט דער אייבערשטער מאכן א דין אויב עס קומט זיך דיר נישט? דעריבער זאג איך דיר אז דו זאלסט יעצט גוט נאכזוכן דיינע מעשים, ווייל מן הסתם האט זיך געמאכט ביי דיר א פאסירונג וואו דו ביסט געשטרויכלט געווארן, און אויב דו וועסט יעצט תשובה טוהן דערויף, זאג איך דיר צו, אז דו וועסט מיט'ן אייבערשטער'ס הילף נישט האבן קיין שום שאדן איבער דעם ענין, און דיין פרנסה וועט בלייבן אזוי ווי ביז יעצט".

דער איד שטייענ'דיג פאר'ן רבי'ן, רופט זיך אָן אז עס איז עם איינגעפאלן אז אפשר איז דאס די גורם:

"אמאל בין איך געווען זייער פארטוהן אין א געשעפט מיט איינע פון די שרי המלוכה וואס איז געווען ביי מיר אין שטוב פאר א וויכטיגע ענין, אינמיטן מיין זיצונג מיט עם איז געקומען אַן ארימאן און געקלאפט אויפ'ן טיר און געבעטן הילף, האט מיין זוהן גע'עפענט די טיר און געזאגט אז ער זאל צוריק קומען אין עטליכע שעה, ווייל זיין פאטער איז יעצט זייער פארנומען און האט נישט קיין צייט יעצט פאר עם.

דער ארימאן וואס איז געווען זייער פארביטערט האט זיך צושריגן אויף מיין זוהן און געזאגט ווי אזוי קען מען מיר פארשיקן? איך בין דאך יעצט אזא גרויסע נצרך, און ער האט געזאגט: "'מדחציף כולי האי, שמע מינה דממזר הוא'!"... אזוי איז ער געשטאנען און געשריגן און געשאלטן.

די קולות פון די קריגעריי זענען געהערט געווארן אין מיין שטוב און איך האב געבעטן דעם האר רשות אז ער זאל מיר מוחל זיין, ווייל איך וויל ארויסגיין זעהן וואס זענען די גרויסע קולות.

ווען איך בין ארויס און געהערט ווי דער ארימאן רופט מיר אָן א 'ממזר' בין איך געווארן זייער אויפגערעגט אז איך האב עם דערלאנגט א מתנת יד...

אבער נאך עטליכע מינוט האב איך חרטה געהאט, איך האב עם איבערגעבעטן און איך האב עם נאך צוגעגעבן א שיינעם נתינה, און דער ארימאן איז אוועקגעגאנגען פון מיין הויז צופרידענערהייט.

איך האב אבער געטראכט אז איך האב שוין באקומען מיין כפרה אויף די עבירה".

האט זיך רבי דוד'ל אנגערופן צום גביר: "נישט דאס איז די עבירה וואס איך זוך יעצט, ווייל באמת דעם ארימאן האסט דו שוין איבערגעבעטן, טראכט גוט דיינע מעשים אפשר וועסט דו טרעפן נאך א מעשה".

האט דער גביר אריינגעטראכט און עס איז עם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק נאך א פאסירונג וואס האט פאסירט, און האט אנגעהויבן דערציילן:

"אמאל איז אינמיטן די נאכט געקומען צו מיר אין שטוב א הויך אוןברייט געבויטער מענטש, און געבעטן איך זאל עם געבן א נדבה, ווייל ער איז זייער אויסגעהונגערט, האב איך עם געגעבן צו עסן.

אבער בשעת מעשה האב איך עם געפרעגט שטרענגערהייט: "וואס עפעס קומסט דו אריין אזוי שפעט אינמיטן די נאכט? נאך דערצו אז דו ביסט א פעסטע געבויטע מענטש, דו קענסט דאך טרעפן א פרנסה, וואס דארפט דו צוקומען צו מיינע נדבות?"

דער דאזיגע מאן איז אוועקגעגאנגען פון מיר דעמאלט פארשעמטערהייט".

האט עם רבי דוד'ל געזאגט: "דאס איז די עבירה בלי ספק, ווייל אז א מענטש קומט צו גיין צו דיר אינמיטן די נאכט, איז ער זיכער געווען אין א געפערליכע סכנה פון הונגער, און דו וואלסט עם נישט געדארפט אפשאצן אויב ער איז געזונט און הויך.

דעריבער דארפסט דו זיך מקבל זיין תשובה צו טוהן, אז ווען א איד וועט דיר בעטן א נדבה אדער הילף זאלסט דו עם געבן אָן קיין חשבונות, נאר 'כל הפושט יד נותנים לו', און פון יעצט און ווייטער זאלסט דו שטארק אכטונג געבן, ח"ו נישט צו מצער זיין קיין שום איד, נאר זיך פירן צו יעדן איינעם מיט'ן גרעסטן דרך ארץ, ווייל מען דארף זיין זייער געווארנט ח"ו נישט צו מצער זיין קיינעם, און יעצט גיי אהיים און אלעס וועט זיין בשלום, און דו וועסט האבן א כפרה".

דערנאך האט רבי דוד'ל פאר'ן חסיד דערציילט די פאלגענדע מעשה:

"אין די צייטן פון דער הייליגער רבי ישראל 'בעל שם טוב' זי"ע האט אין א קליין שטעטל געלעבט א גרויסע גביר, וועלכע איז געווען א גרויסע בעל צדקה.

ווער עס איז אריין צו עם אין שטוב הונגעריג, איז ארויס פון דארט זאט, מיט א פיינע נדבה דערצו, ווער עס האט זיך גענויטיגט אין א גמילות חסד, האט עס באקומען פונעם גביר מיט א פריינט'ליכן פנים, און אויב האט איינער געדארפט האבן סתם א טובה, האט עם דער גביר דאס גערן געטוהן.

נאר איין שוואכקייט האט דער גביר געהאט, ער האט זיך שטענדיג פאר יעדן איינעם בארימט מיט די אלע מעשים טובים וואס ער פלעגט טוהן.

ווען עס איז אריינגעקומען צו עם א משולח קלייבן געלט פאר א ישיבה, פלעגט ער עם געבן א שיינע נדבה, אבער דערביי פלעגט ער זיך בארימען, אז ער האט מיט עטליכע טעג פריער געגעבן פאר אַן אנדערע משולח אויך די זעלבע שיינע נדבה.

ווען עס איז אריינגעקומען אַן ארימאן בעטן א נדבה, פלעגט ער א צופרידענער זאגן: "דאס איז שוין היינט די דריטע מצוה וואס דער אייבערשטער האט מיר צוגעשטעלט".

אט אזא 'תאוה' האט ער געהאט צו 'גאוה', און האט אפילו נישט געשפירט ווי מיאוס עס איז.

אין א געוויסע טאג איז צום גביר'ס שטוב אריינגעקומען א איד וואס האט זיך פארגעשטעלט פאר עם אלס א משולח וואס קלייבט געלט פאר אַן ענין פון 'פדיון שבויים', צו אויסצולייזן אַן ארימע קרעטשמער, וועמען דער פריץ האט ליידער אריינגעזעצט עם מיט זיין משפחה אין תפיסה, ווייל ער האט די ארענדע נישט געקענט באצאלן.

דער גביר האט עם געגעבן א שיינע נדבה, און דערביי עם געזאגט, ווי געשמאק עס איז פאר עם צו געבן אויף צדקה און גמילות חסדים, און אז קיינער גייט נישט ארויס פון זיין הויז מיט ליידיגע הענט, און אז ער האט שוין יענעם טאג געטוהן אסאך גוטע זאכן.

דער משולח האט ביי עם גענומען די נדבה און האט עם צוגעוואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל עם העלפן אויך ווייטער צו טוהן צדקה און מעשים טובים מיט א ברייטע האנט.

דער משולח איז געווען דער הייליגער רבי זאב וואלף קיצעס זי"ע, איינע פון די חשוב'ע תלמידים פונעם הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע, וועמען זיין רבי פלעגט ארום שיקן צו דורכפירן פארשידענע גמילות חסדים שטילערהייט אז קיינער זאל נישט וויסן דערפון.

ווען ער האט זיך צוריקגעקערט צום 'בעל שם טוב' און האט אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט דאס געלט וואס ער האט אנגעזאמלט, האט ער אין א באזונדערע טיכל אויך אוועקגעלייגט דעם גביר'ס נדבה, וועלכע איז טאקע געווען די גרעסטע וואס ער האט נאר פון איינעם באקומען.

דער 'בעל שם טוב' האט געווארפן א בליק אויף דאס טיכל מיט'ן געלט און האט זיך פארטראכט, דאן האט ער זיך אנגערופן: "עס טראגט זיך עפעס נישט קיין געשמאקע ריח פון דאס געלט".

דאן האט ער געפרעגט פון רבי וואלף, פון וועמען ער האט דאס באקומען, האט רבי וואלף עם דערציילט, אז ער האט דאס באקומען פון יענעם גביר וואס וואוינט אין יענעם שטאט.

"עס איז א רחמנות אויף דעם איד" - האט דער 'בעל שם טוב' געזאגט - "אין הימל איז דא אויף עם א קטרוג צוליב דעם וואס זיין עשירות האט עם אריינגעברענגט אין 'גאוה' און מען וויל ביי עם צונעמען זיין גאנצע עשירות, אויסער אויב ער וועט תשובה טוהן דערויף".

"ער איז א גרויסע רחמנות, און מען דארף עם העלפן" - האט דער הייליגער 'בעל שם טוב' אויסגעפירט.

דאן האט דער 'בעל שם טוב' געזאגט פאר רבי וואלף, אז ער זאל צוריקפארן צו יענעם גביר און ער זאל נישט פארלאזן זיין הויז, ביז דער גביר וועט גענצליך ווערן אויסגעהיילט פון זיין מיאוס'ע 'תאוה' צו זיין א 'בעל גאוה'.

"אז ער וועט זיך נעמען בארימען מיט זיין עשירות, זאלסט דו עם איבערשלאגן די רייד און זאגן, אז מען וועט נאך שמועסן"... - האט עם דער בעש"ט אנגעזאגט - "און אזוי זאלסט דו טוהן כסדר, ביז ער וועט אויפהערן זיך צו בארימען".

רבי וואלף איז געקומען צום גביר, און דער גביר האט עם ווידער פריינטל'יך אויפגענומען, און געפרעגט, אויב עס פעלט עם נאך אויס געלט צו דער נוטיגע סומע פאר דעם ענין פון 'פדיון שבויים', רבי וואלף האט עם גע'ענטפערט, אז ער איז דאס מאל נישט געקומען צו בעטן געלט, נאר ער וואלט געוואלט זיך אויסרוהען אביסל פון דעם וועג.

"וועל איך דאך קענען פראווען די מצוה פון הכנסת אורחים!" - האט זיך דער גביר דערפרייט, און האט אנגעהויבן צו דערציילן ווי גערן ער האט ליב צו טוהן די דאזיגע מצוה.

רבי וואלף האט זיינע ווערטער איבערגעהאקט און געזאגט: "יעצט בין איך זייער מיד פונעם וועג, און מען וועט נאך שמועסן איבער דעם".

ווען זיי האבן זיך געזעצט צום טיש עסן, האט דער גביר גענומען דערציילן, ווי דער אייבערשטער האט עם מצליח געווען, אז ער פירט גרויסע געשעפטן און אונטערנעמונגען פאר דער מלוכה, אז ער האט וועלדער, פעלדער, מילן און אנדערע האנדלונגען.

ווידער האט עם רבי וואלף איבערגעהאקט און געזאגט: "מען וועט נאך שמועסן"...

אין אווענט צו דער וועטשערע, האט זיך דער גביר ווידער נישט געקענט איינהאלטן, און האט צו זיין גאסט געזאגט: "אלע טאג זאגן מיר ביים דאווענען 'והעושר והכבוד מלפניך', עשירות און כבוד איז ביים אייבערשטער אין די הענט, עס פעלט מיר אבער אין א געדאנק, קען עס דען אמאל זיין די מציאות, אז איך זאל מיטאמאל פארלירן מיין 'גאנצע' עשירות און כבוד? טאמער חלילה ברענט אפ איינע פון מיינע וועלדער, אדער איינע פון מיינע מילן, האב איך דאך נאך אנדערע וועלדער, פעלדער און מילן"...

"מען וועט נאך שמועסן" - האט עם רבי וואלף ווידער איבערגעהאקט - "יעצט בין איך זייער מיד, מען דארף גיין שלאפן".

דער גביר האט דעם גאסט געגעבן א פיינעם צימער, און איז אליין אוועק געגאנגען צו זיך אין שלאף צימער און האט זיך געלייגט שלאפן.

אינעם שלאף חלומ'ט זיך דעם גביר, ווי ער הערט א קלאפ אין טיר, ער איז אראפ פון בעט און האט גע'עפנט דעם טיר, און האט דערזעהן פאר זיך דעם גובערנאַטאָר מיט א גאנצע סוויטע באגלייטער.

"מיר זענען פארבייגעפארן דיין הויז" - האט עם דער גובערנאטאר געזאגט - "און מיר האבן באשלאסן צו מאכן ביי אייך א באזוך און זיך דערוואַרימען מיט א גלאז טיי, און מיר וועלן שוין אין איין וועג רעדן איבער א וויכטיגע געשעפט'ליכע ענין".

דער גביר האט גערן אויפגענומען זיינע חשוב'ע געסט, און האט דעם גובערנאטאר אליין דערלאנגט א גלאז טיי.

דער גובערנאטאר האט אבער נאך נישט באוויזן אויסצוטרינקען דאס גאנצע גלאז טיי, ווען ער איז פלוצלונג געפאלן אויף דער ערד א טויטע.

"דו האסט פאר'סמ'ט דעם גובערנאטאר!" - האבן די באגלייטער אויסגערופן מיט צארן.

געשמידט אין קייטן האט מען דעם גביר אוועקגעפירט, און מען האט עם געשטעלט צו א געריכט, דער געריכט האט עם געפונען שולדיג אין מארד פונעם גובערנאטאר, און האט עם פאר'משפט צום טויט דורך הענגען אינמיטן די שטאט.

אט שטייט ער שוין ביים צערמאניע פונעם תלי', און דער תלין איז גרייט דורכצופירן דעם טויט אורטייל, ווען פלוצלינג האט אויסגעבראכן אַן ערד-ציטערניש, די הייזער ארום האבן זיך גענומען וואקלען, פלאמען האבן ארומגעכאפט די הייזער ארום, עס איז געווארן א פאניק און א טומל, מענטשן האבן גענומען שרייען און לויפן.

אין דעם טומל האט מען פארגעסן פון דער גאנצע תלי', און דער גביר האט זיך אויסגעמישט מיט'ן גאנצע עולם און איז אנטלאפן צו וואו זיינע פיס האבן עם געטראגן.

ווי לאנג ער איז אזוי געלאפן, האט דער גביר נישט געוואוסט, אבער ענדליך איז ער אנגעקומען אין א קליין דארף, דא האט ער באמערקט א שטוב מיט א מזוזה אויף דער טיר, און איז אריינגעקומען אין שטוב.

אין שטוב זענען געווען א אידענע מיט אירע קינדערלעך, דער מאן איז נישט געווען אין שטוב, די אידענע האט דעם אויסגעמאטערטן אורח געגעבן עפעס איבערצובייסן, און דערביי זיך גענומען אויספרעגן ווער ער איז און פון וואו ער קומט.

דער גביר האט אבער מורא געהאט צו זאגן ווער ער איז, האט ער געזאגט אז ער איז א פארבייגייער, א וואנדערער, און ער זוכט צו פארדינען זיין שטיקל ברויט דורך וואס פאר אַן ארבעט עס מאכט זיך, און אפשר וואלט ער אויך דא געקענט געפונען עפעס אַן ארבעט צו פארדינען זיין ברויט?!

די אידענע האט עם גע'ענטפערט, אז איר מאן פארנעמט זיך מיט פירן האלץ אין שטאט, און אז ער דארף טאקע אינגיכן אהיים קומען, און ער וועט זיכער זיין צופרידן, אז איינער זאל עם צוהעלפן אין דער שווערע ארבעט.

ביז דערווייל - זאגט זי צום אורח - קענסט דו ארויפקריכן אויפ'ן אויוון זיך צו אנווארימען ביז מיין מאן וועט קומען.

דער גביר האט טאקע אזוי געטוהן, די ווארימקייט איז זיך צוגאנגען איבער אלע זיינע גלידער, און כאטש דער אויוון איז געווען הארט, האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט אזא הנאה פון זיין געלעגער, אפילו ווען ער פלעגט זיך לייגן אין זיינע ווייכע דאכענעס און קישענעס אין זיין גביר'ישער היים, אזוי האט ער באלד איינגעדרימלט.

עס האט לאנג נישט גענומען און דער דארפסמאן איז געקומען אהיים, זיין פרוי האט פאר עם צוגעגרייט צו עסן אויפ'ן טיש, און דערביי האט זי דעם מאן דערציילט, אז עפעס א בעטלער איז געקומען מיט עטליכע שעה צוריק, און זי האט עם געגעבן עפעס צו עסן, און דאן האט זי עם געזאגט צו גיין שלאפן אויפ'ן אויוון.

דערנאך האט זי דערציילט אז לויט זיינע ווערטער קען ער ארויסהעלפן אין די ארבעט פון שלעפן דאס האלץ כדי צו פארדינען זיין ברויט.

דער אורח, דער גביר, האט זיך צוגעהערט צום שמועס פון דער דארפסמאן מיט זיין פרוי.

"הער זיך צו א מורא'דיגע מעשה" - דערציילט דער דארפסמאן פאר זיין פרוי - "אין שטאט טומלט זיך מיט א גביר וואס האט פאר'סמ'ט דעם גובערנאטאר און איז אנטלאפן פון דער תלי', ספעציעלע פאליציאנטן מיט הונט זענען אנגעקומען פון דער גרויסע שטאט זיי רופן אויס אין אלע גאסן, אז ווער עס וועט ברענגען א ידיעה איבער דעם אנטלאפענעם פארברעכער, וועט באקומען א גרויסע באלוינונג פון דער מלוכה.

זיי האבן אויך געוויזן א בילד ווי אזוי דער פארברעכער קוקט אויס, ווען איך זאל קענען פאקן דעם פארברעכער - האט דער דארפסמאן אויסגעפירט - וואלטן מיר שוין געווען באזארגט מיט פרנסה כיד המלך ביז הונדערט און צוואנציג יאר!"

דער גביר איז דערציטערט געווארן, ער מוז וואס שנעלער אנטלויפן פון דא, ער האט געווארט ביז דער דארפסמאן און זיין פרוי זענען געגאנגען שלאפן.

אינמיטן די נאכט איז ער שטילערהייט אראפגעקראכן פונעם אויוון און האט זיך ארויסגעשארט פון שטוב.

ער האט ווידער זיך גענומען לויפן צו וואו זיינע פיס האבן עם געטראגן, ער איז געלאפן און איז אראפגעפאלן, און ווידער ווייטער געלאפן, עס האט זיך עם שטענדיג געדאכט אז מען לויפט עם נאך, מען כאפט עם און מען פירט עם שוין ווידער צום תלי'...

א פארצווייפלטער לויפט ער ווייטער מיט זיינע לעצטע כוחות, עס נעמט זיך גיסן א שלאקס רעגן און ער ווערט דורכגעווייקט, און עס ווארפט זיך עם אלע ביינער אין דער קעלט און אין דער היץ.

פלוצלונג דערזעהט ער פאר זיך דעם משולח, ער פאלט צו זיינע פיס און בעט זיך מיט רחמים: "איך בעט דיר ראטעווע מיר פון מיין שווערע לאגע"...

און פלוצלינג כאפט זיך דער גביר אויף פון זיין בייזע חלום, באגאסן מיט א קאלטע שווייס, א ווייַלע איז ער געבליבן ליגן אין בעט און דורכגעלעבט דעם בייזן חלום מיט א שוידער.

עס האט שוין גענומען טאגן, ער האט זיך געוואשן נעגל וואסער און איז אראפ פון בעט, זיך אנגעטוהן און איז ארויס אין גאסט צימער.

דארט האט ער שוין געפונען דעם משולח, וועלכער איז ארומגעגאנגען און האט זיך אונטערגעזונגען די ווערטער 'לבד הנשמה הטהורה'... צוגרייטנ'דיג זיך צום דאווענען שחרית.

ווען רבי וואלף קיצעס האט דערזעהן דעם גביר, האט ער צום גביר געזאגט: "און יעצט, אויב איר ווילט, קען מען שמועסן"...

"מה נאמר ומה נדבר, איך האב שוין איינמאל וואס צו שמועסן!" - האט עם דער גביר גע'ענטפערט.

דא האט עם דער גביר דערציילט זיין חלום מיט אלע זיינע שוידערליכע פרטים, און טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן.

יעצט האט עם רבי וואלף ענדליך דערציילט זיין שליחות: "דו זאלסט וויסן, אז דער הייליגער 'בעל שם טוב' האט מיר אהער געשיקט דיר צו העלפן אז דו זאלסט ווערן א בעל תשובה, דאס וואס מען האט דיר באוויזן אין חלום, האט דאך געקענט פאסירן געווי אין דער ווירקליכקייט.

יעצט פארשטייסט דו שוין פשט פון 'והעושר והכבוד מלפניך', אלס איז דאך א מתנה פונעם אייבערשטער, איז מיט וואס קען זיך א מענטש בארימען?"

עס איז איבריג צו זאגן, אז דער גביר איז פון דאן פולשטענדיג אויסגעהיילט געווארן פון זיין 'בארימען' קרענק, ער האט ווייטער געטוהן צדקה און מעשים טובים, אבער קיין איין ווארט פון זיך בארימען איז נישט אריבער זיינע ליפן, און איז עם אפילו אין געדאנק נישט איינגעפאלן, ער האט געטוהן אלע גוטע זאכן מיט דער גרעסטע עניוות, און האט זיך ספעציעל אפגעגעבן מיט צדקה בסתר".

נאכ'ן פארענדיגן צו דערציילן די דאזיגע מעשה האט רבי דוד'ל זיך אנגערופן צום גביר: "פון יעצט און ווייטער זאלסט דו שטארק אכטונג געבן, ח"ו נישט צו מצער זיין קיין שום איד, נאר זיך פירן צו יעדן איינעם מיט'ן גרעסטן דרך ארץ, ווייל דער וועלט איז א גלגל החוזר, א רעדל וואס דרייט זיך, דעריבער דארף מען זיין זייער געווארנט נישט צו מצער זיין קיינעם ח"ו. און יעצט גיי אהיים און אלעס וועט זיין בשלום".

דער גביר האט זיך דאס טאקע אונטערגענומען, און ער איז וואונדערליך געראטעוועט געווארן פון די שווערע צרה וואס האט עם באטראפן, און ער האט זיך אויסגעלעבט אלע זיינע יארן מיט א גרויסע עשירות, געבנ'דיג צדקה אויף א ברייטע פארנעם אויף זיינע ווערטער וואס ער האט זיך אונטערגענומען ביים הייליגן צדיק.

* * *

**ואהבת לרעך כמוך.**

דער הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע פלעגט צו דערציילן ווי פאלגענד: "עס זענען אמאל געווען צוויי פריינד וועלכע האבן זיך זייער ליב געהאט, ממש מיט'ן גאנצן הארץ, אמאל האט מען אויף איינע פון זיי געמאכט א שלעכטע בלבול, און מען האט עם פאר'משפט צום טויט רח"ל.

זיין איבערגעגעבנע פריינד האט פרובירט אלע מעגליכקייטן צו באווייזן זיין פריינד'ס אומשילד, אבער עס איז געפאלן אויף טויבע אויערן.

ווען מען האט געפירט דעם פאר'משפט'ן צום הענגען, איז זיין טייערע פריינד אקעגן געלאפן און זיך גענומען שרייען מיט זיינע גרעסטע כוחות: "האלט! הרג'עט נישט קיין אומ'שולדיג'ער מענטש, איך בין זיך מודה אז איך בין דער זינדיגער, דעריבער הענגט מיר אנשטאט עם!"

ווען דער פאר'משפט'ער פריינד האט געזעהן אז זיין טייערע פריינד וויל זיך מוסר נפש זיין פאר עם, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, און כאטש אז ביז יעצט האט ער געלייקנט די גאנצע צייט אז ער איז באגאנגען עפעס א זינד, האט ער זיך יעצט גענומען שרייען מיט א הויכע שטימע: "גלייבט עם נישט! ער זאגט נאר אזוי ווייל ער וויל מיר ראטעווען, אבער דער אמת איז, אז בין איך דער זינדיגער, מיר דארף מען הענגען, און נישט עם!"

אויפ'ן פלאץ איז געווארן א גרויסע צומישעניש, די וועלכע זענען געווען פאר'אנטווארטליך אויפ'ן הענגען האבן מחליט געווען צו אריינמישן דעם קעניג פונעם לאנד אין דעם פרשה.

זיי האבן באלד געלאזט וויסן דעם קעניג וואס עס האט פאסירט מיט די צוויי באליבטע פריינד, און דער קעניג האט זיי ביידע געלאזט רופן צו זיך אין פאלאץ.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום קעניג האט ער זיי געהייסן דערציילן פונקטליך דעם גאנצ'ן אמת פון די מעשה, די צוויי האבן דערציילט פאר'ן קעניג אז זיי צוויי זענען זייער באליבטע פריינד פון יונג'ווייז אָן, און יעדער האט געוואלט אוועק געבן זיין אייגענע לעבן, כדי זיין פריינד זאל געראטעוועט ווערן פון טויט רח"ל, און באמת זענען זיי ביידע ריין פון יעדע זינד.

דער קעניג האט זייער הנאה געהאט פון זייער שטארקע פריינד'שאפט, אז עס איז אזוי ווייט זייער נאנט'קייט, אז זיי זענען גרייט אוועקצוגעבן זייער אייגענע לעבן פאר דאס לעבן פונעם פריינד, דעריבער האט דעם קעניג זיך צו זיי אנגערופן און געזאגט: "איר ביידע זענט פריי פון טויט שטראף! אבער איך בעט אייך איין זאך, נעמט מיר אריין אין אייער פריינד'שאפט, איך וויל זייער שטארק זיין א דריטער פריינד צווישן אייך!"...

מיט די מעשה האט דער הייליגער רוזשינ'ער זי"ע געטייטשט דעם פסוק 'ואהבת לרעך כמוך', ווען צוויי אידן האבן זיך אזוי ליב, דעמאלט 'אני ה'', וויל דער אייבערשטער זיין דער דריטע פריינד צווישן זיי צוויי.

* * *

דער הייליגער רבי מרדכי דוב פון הארנסטייפל זי"ע האט אמאל באקומען א שרעקליכע וואונד אויף זיין רוקן, די דאקטורים האבן מחליט געווען אז מען דארף דאס ברענען מיט א הייסע קאכעדיגע אייזן, כדי עס זאל זיך גוט אויסברענען און אוועקגיין.

דער סדר ווי אזוי די דאקטורים פלעגן דאס טוהן איז אזוי, צום ערשט האבן זיי ארויף געלייגט אַן אייזן וואס איז אביסל הייס, אויב דער חולה שפירט נישט די ווייטאג פונעם הייסע אייזן, לייגן זיי דאן א צווייטע אייזן וועלכע איז מער קאכעדיג הייס פונעם ערשטן, אויב דער חולה שפירט נאך אלס נישט די ווייטאג פונעם קאכעדיגע אייזן, לייגן זיי דאן אויפ'ן וואונד א גאר קאכעדיגע אייזן, וועלכע מען קען קוים אויסהאלטן די יסורים דערפון.

רוב קראנקע שפירן די ווייטאג שוין ביים צווייטן אייזן וועלכע איז סתם קאכעדיג הייס.

דער הייליגער הארנסטייפל'ער רבי זי"ע איז געווען א גרויסע 'סבלן', ער האט זיך געקענט איינהאלטן אפילו פון גאר שטארקע יסורים, דעריבער ווען דער דאקטאר האט ארויף געלייגט דעם ערשטע אייזן, האט דער הארנסטייפל'ער געשוויגן און נישט ארויסגעלאזט קיים שום קרעכץ.

דער דאקטאר האט באלד גענומען דעם צווייטן אייזן וועלכע איז שוין קאכעדיג הייס, און האט עס ארויף געלייגט אויף די וואונד, דער הארנסטייפל'ער האט גוט געשפירט די געוואלדיגע יסורים פונעם קאכעדיגן אייזן, אבער ער רירט זיך נישט, ער זאגט גארנישט ארויס פון מויל.

דער דאקטאר נעמט באלד דעם דריטן אייזן וועלכע איז גאר שטארק קאכעדיג הייס, און לייגט עס צו צום וואונד, דער הארנסטייפל'ער נעמט ווייטער אָן די גאר גרויסע און שטארקע יסורים באהבה, אבער קיין קרעכץ געבט ער נישט ארויס.

דער דאקטאר וואונדערט זיך זייער און פרעגט: "איך וויים נישט צו ער איז א מלאך אדער א ש'ד' ח"ו?" דער דאקטאר וועלכע איז געווען א רוסישע, האט דאס געזאגט אויפ'ן רוסיש'ע שפראך, דעריבער האט דער הארנסטייפל'ער רבי נישט פארשטאנען וואס ער זאגט, האט ער געפרעגט פון זיינע מענטשן וואס דער דאקטאר האט געזאגט, ווען זיי האבן עם איבער געזאגט דעם דאקטאר'ס ווערטער, האט דער הארנסטייפל'ער רבי זיך אנגערופן: "זאגט עם, אז ווען א איד קומט מיט א 'שווערע קוויטל' און איך קען עם נישט העלפן, טוט עס מיר אסאך מער וויי ווי די דאזיגע יסורים, און דאך מוז איך שווייגן!"...

* * *

דער הייליגער רבי משה לייב פון סאסוב זי"ע האט זיך אמאל אנגערופן: "איך האב נישט געוואוסט ווי ווייט מען דארף האבן די מדה פון אהבת ישראל, ביז איך האב זיך דאס געלערנט פון א שיכור'ע גוי.

אמאל ווען איך בין געגאנגען אין וועג האב איך געהערט ווי א שיכור'ע גוי פרעגט פון זיין פריינד: "דו האסט מיר ליב?"

"זיכער האב איך דיר ליב!" - ענטפערט עם יענער.

"צו דען קענסט דו מיר זאגן וואס עס פעלט פון מיר?" - פרעגט צוריק דער שיכור'ע גוי.

"פון וואו זאל איך וויסן וואס עס פעלט פון דיר?" - פרעגט צוריק זיין פריינד.

"אויב דו ווייסט נישט וואס עס פעלט פון מיר" - זאגט צוריק דער שיכור - "ווי אזוי קענסט דו מיר זאגן אז דו האסט מיר ליב?"...

* * *

בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת אחרי קדושים תשפ"ג — גליון 697 [שנה ט"ו]

**לפרשת אחרי– וואס האט דער שרו של עשו מיט מיתת נדב ואביהוא?**

אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ: (טז א) שטייט אין מדרש אויפן פסוק וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב (בראשית לב כה) מיד נתן עיניו בנדב ואביהוא וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ אלו יוצאי ירכו נדב ואביהוא א מדרש פליאה, ווייל וואס מיינט וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ, אז די די שר פון עשו האט נישט געקענט באזיגן יעקב, דעריבער וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ, און קען שטראפן זיינע אייניקלאך נדב ואביהוא אז זיי זאלן שטארבן, וואס זענען זיי שולדיג? נאר רש"י ברענגט אויפן פסוק (שמות כד יא) וְאֶל אֲצִילֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹקִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ: אז דער אויבערשטער האט געשטראפט נדב ואביהוא ווייל זיי האבן געקוקט אויף די שכינה, וואס לכאורה דארף מען פארשטיין, מען באקומט נישט א עונש אויב מען גיט נישט א התראה, אויב אזוי פארוואס קומט נדב ואביהוא מיתה אן א ווארענונג? נאר עס שטייט אין גמ' (סנהדרין דף נ"ז ע"א) אז בני נח דארפן נישט א הזהרה ווייל הזהרתן זו היא מיתתן, אויב זיי זענען עובר א עבירה קומט זיי מיתה אן התראה, און די אידן פאר מתן תורה האבן א דין ווי בני נח דעריבער קומט נדב ואביהוא מיתה ווייל זיי האבן געקוקט אויף די שכינה, אבער עס שטייט אז בני ישראל זענען מצווה אויף מסירת נפש צו מקיים זיין א מצוה, אבער בני נח האבן נישט קיין חיוב פון מסירת נפש, יעצט עס שטייט אין הייליגן ספר יערות דבש פון הגאון ר' יהונתן אייבשיץ זצוק"ל אז די שר פון עשו איז געקומען צו יעקב מלחמה האלטן ווייל עשו האט געהאט גרעסערע כיבוד אב ואם פון וואס יעקב האט געהאט, אבער יעקב וואלט געקענט ענטפערן אז עשו האט גורם געווען אז ער זאל נישט קענען מקיים זיין כיבוד אב ואם ווייל ער האט מורא געהאט אז עשו וועט אים הרגנען, אבער אנטקעגן דעם וואלט דער שר פון עשו געהאט א טענה אז יעקב האט געדארפט האבן מסירת נפש און יא מקיים זיין כיבוד אב ואם! אבער אויף דעם האט יעקב א תירוץ אז ער איז א בן נח און איז נישט מצווה אויף מסירת נפש צו מקיים זיין א מצוה, ממילא האט די שר פון עשו נישט געקענט געווינען יעקב צוליב זיין כיבוד אב, אבער ער האט געקענט שלאגן ירך יעקב, זיינע אייניקלאך נדב ואביהוא, אז זיי זענען בני נח וואס הזהרתן זו היא מיתתן, און עס וועט זיי קומען מיתה ווען קוקן אויפן אויבערשטן, איז שוין גוט די מדרש פליאה ודו"ק. (אבני אליהו פרענקל אב"ד ליסקא)

**וואס מיינט לפני ה' תטהרו?**

כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ: (טז ל) אלע פרעגן פארוואס דארף שטיין לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ, אז עס שטייט שוין כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם? נאר מיר ווייסן אז יום כיפור איז נאר מכפר אויף עבירות בשוגג, אבער נישט אויף מזיד, איז וואס איז דער עצה פאר דער וואס האט געזידיגט במזיד? נאר אויב ער טוט תשובה פאר יו"כ און דורך תשובה ווערן די מזידים איבער געדרייט צו שוגגים און אזוי וועט מען האבן א כפרה אין יו"כ, דאס שטייט אין פסוק: כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם, דער עצם טאג פון יו"כ איז מכפר, אבער נאר אויף א שוגג, דעריבער לִפְנֵי ה', פאר דעם הייליגן טאג, תִּטְהָרוּ, זאלסטו תשובה טאן, וועלן די מזידים ווערן שוגגים און אזוי וועט דער יו"כ מכפר זיין. (כלי חמדה הגאון ר' משולם הורוויץ אב"ד סטאניסלאוו) אין ספר בית ישראל השלם למוה"ז הגה"צ ר' ישראל טויסיג אדמו"ר ממאטטערסדארף זצוק"ל ענטפערט די קשיא, ווייל עס שטייט אין תורת כהנים אז בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר, קומט צו זאגן אז אפילו ווען עס איז נישט דא די בית המקדש און אויך די שעיר, איז דער עצם טאג יו"כ מכפר, פרעגט די מלבי"ם אז כפרה מיינט דאך נאר מיט קרבן? נאר מען קען זאגן פשט אין פסוק: כִּי בַיּוֹם הַזֶּה, אין יו"כ, ווען עס איז דא א בית המקדש איז יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם מיטן קרבן, אבער בזמן שאין בית המקדש קיים, איז די עצה לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ, מען זאל תשובה טאן אזוי ווי עס שטייט אין תרגום יונתן, תּוּדוּן סוּרְחָנוּתְכוֹן, מען זאל תשובה טאהן. (המו"ל)

**לפרשת קדושים - מכבד זיין א תלמיד במקום רבו**

מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה': (יט לב) שטייט אין מדרש (ויקרא רבה לה ג) פארוואס שטייט דא אֲנִי ה'"? נאר אֲנִי הוא שקיימתי מצות עמידת זקן תחלה, דער אויבערשטער זאגט ער האט מקיים געווען די מצות פון מפני שיבה תקום און והדרת פני זקן פריערט ביי אברהם ע"כ, לכאורה איז שווער ווייל דער אויבערשטער איז זיכער מקיים אלע מצות, אויב אזוי פארוואס דארף דער אויבערשטער דערציילן אז ער האט מקיים די מצוה פון מפני שֵׂיבָה תָּקוּם און וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן? אויך איז שווער פארוואס דארף שטיין "תחילה" ווען עס וואלט געווען גענוג צו שרייבן אני קיימתי מצות וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן? צו מסביר זיין דער מדרש דארף מען מקדים זיין די גמ' (ב"ב דף קי"ט ע"ב) וואס ברענגט א מחלוקת צו חוֹלְקִין כָּבוֹד לְתַלְמִיד בִּמְקוֹם הָרַב, צו מען מעג געבן כבוד פאר א תלמיד אין דעם פלאץ פון זיין רבין, שטייט וְהִלְכְתָא חוֹלְקִין, וְהִלְכְתָא אֵין חוֹלְקִין, די הלכה איז א מען מעג געבן כבוד פארן תלמיד, און די הלכה איז א מען מעג נישט געבן כבוד פארן תלמיד, פרעגט די גמ' קַשְׁיָא הִלְכְתָא אַהִלְכְתָא, ווי קען זיין די הלכה איז ווי ביידע? ענטפערט די גמ' לָא קַשְׁיָא הָא דִּפְלִיג לֵיהּ רַבֵּיהּ יְקָרָא, הָא דְּלָא פְּלִיג לֵיהּ רַבֵּיהּ יְקָרָא, אויב דער רבי גיט כבוד פארן תלמיד איז די הלכה אז מען מעג געבן כבוד פארן תלמיד במקום רבו, אבער אויב דער רבי גיט נישט כבוד פאר זיין תלמיד מעג מען נישט געבן כבוד פארן תלמיד, יעצט ביי די מצוה פון מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, איז שווער ווייל דער אויבערשטער איז מלא כל הארץ כבודו, ממילא איז אומעטום זיין פלאץ, אויב אזוי אלע אידן זענען זיינע תלמידים איז ווי קען מען מקיים זיין מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, ווען די הלכה איז אז מען מעג נישט געבן כבוד פאר א תלמיד במקום רבו? דעריבער זאגט דער אויבערשטער דייקא ביי דעם מצוה אז ער האט געגעבן כבוד פריער פאר אברהם אבינו, צו ווייזן אז דער אויבערשטער איז מכבד די אידן וואס זענען זיינע תלמידים, דעריבער אפילו די וועלט איז אלעמאל תלמיד במקום רבו, דעם אויבערשטן, אבער אויב פְּלִיג לֵיהּ רַבֵּיהּ יְקָרָא, איז די הלכה אז חוֹלְקִין כָּבוֹד לְתַלְמִיד בִּמְקוֹם הָרַב, ממילא דאס שטייט אין פסוק: מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן, איי וועסטו פרעגן וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹהֶיךָ, דער אויבערשטער איז מלא כל הארץ כבודו, און מען מעג נישט מכבד זיין א תלמיד, דעריבער שטייט אֲנִי ה', איך האב געגעבן כבוד פאר אברהם פריערט, דעריבער הייס איך אייך מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן ווייל פְּלִיג לֵיהּ רַבֵּיהּ יְקָרָא ודו"ק. (תקנתא דמשה ברלינער וגם בספר עולת חודש להגאון ר אליעזר פלעקלעס)

# מדור העובדות

## ***** הגאון ר' שמחה אב"ד בובריקא ווערט נתקרב צו רבי זושא דורך רבי אלימלך מליזענסק זיע"א*****

הגאון ר' שמחה איז געווען אב"ד פון שטאט לבוב און אויך אב"ד פון בובריקא, ער איז געווען אלץ בחור א תלמיד פון הייליגן פרי מגדים און עם ווערט געברנגט אין יו"ד סי' ט"ו א חידוש פון אים, אויך אין ספר עגונות ישראל פון הייליגן קאזניצער מגיד איז דא פון אים א גאר לאנגע תשובה צו מתיר מאכן א עגונה, און דער קאזניצער מגיד איז מפליא די תשובה וז"ל וזה הדבר אשר בא אלי מכבוד הרב המאה"ג המופלג החריף ושנון ובקי המפורסם מ' שמחה אבד"ק בובריקא וכו' ויביאהו אלי עלהו לתרופה אמרתי להעתיקו ואל יחסר המזג דבר כל שפה עיי"ש. ער איז אויך געווען א תלמיד מובהק פון רבי ר' זושא זיע"א, און שפעטער פון קאזניצער מגיד, ווער איז דער גאון געווען?

ער איז געבארן צו זיין הייליגן טאטן הגאון ר' יעקב אב"ד טרעמבאוולע, גאליציא, און אויך ראב"ד אין לבוב, א אייניקל פון רבי דוב בעריש מלעמבערג (ג' אייר) א תלמיד פון הייליגן בעש"ט זיע"א, אבער ר' יעקב און ר' שמחה האבן זיך נישט געפירט ווי די חסידים און זענען נישט געפארן צו צדיקים.

האט דערציילט הרה"צ רבי יהושע אלעזר זצ"ל פון בארדיטשוב דער איידעם פון הרה"ק ר' חיים מקאסוב דער הייליגער תורת חיים זצוק"ל, אז דער גאון רבי שמחה איז נאך געווען א בחור און איז פלוצלינג געווארן זייער קראנק ביז רח"ל איז ער געווען א מסוכן, די דאקטורים האבן אים אויך נישט געקענט העלפן, זיין מאמע האט געהערט אז רבי אלימלך מליזענסק איז א פועל ישועות אבער זי האט מורא געהאט צו דערציילן אז זי וויל פארן ווייל וואו זי האט געוואוינט זענען זיי געווען שטארקע מתנגדים צו חסידים, און זי האט מורא געהאט אז מען וועט איר נישט לאזן פארן, דעריבער איז זי געפארן שטילערהייט קיין ליזענסק.

אין ליזענסק האט רבי אלימלך איר אויסגעהערט אלעם און האט איר בארוהיגט אז איר זון וועט נאך ווערן געזונט, נאר זי זאל זיך נישט דערשרעקן אז ווען זי וועט אהיים קומען וועט איר זון נאך ווערן שטארק קראנק, אבער דעמאלטס וועט דער פריץ מאכן א גאר גרויסע סעודה און דארטן וועלן קומען דריי גאר גרויסע דאקטוירים פון שטאט לבוב, און דו זאלסט גיין אהין און בעטן זיי זאלן קומען באטראכטן דיין זון, זיי וועלן מסכים זיין און וועלן קומען אבער זיי וועלן אלע זאגן אז זיי האבן נישט קיין רפואה פאר דיין זון און זיי וועלן אוועקגיין, אבער איין דאקטאר וועט פאלן לעבן דיין שטוב אין מארק און זיינע חבירים וועלן אים מוזן באהאנדלן און אזוי וועלן זיי בלייבן ביי דיר אין שטעטל ווען פלוצלינג וועט איין דאקטאר זיך דערמאנען אז ער האט עפעס א רפואה פאר דיין זון, און ער וועט צוריקגיין צו דיר אין שטוב און פארשרייבן א רעצעפט פאר א מעדעצין, און נאכן נעמען די רפואה וועט דיין זון זיך אנהויבן צו פילן א ביסל בעסער בעזה"י. אבער איין זאך בעט איך דיר אז ווען ער וועט פילן בעסער זאל ער פארן קיין אניפאלי צו מיין ברודער רבי ר' זושא, און זי האט צוגעזאגט אז זי וועט פאלגן.

זי איז גלייך אהיים געפארן און אלעם וואס דער רבי ר' אלימלך האט פאראויס געזאגט איז פונקטלאך געשען, זי האט קיינעם נישט דערציילט וועגן רבי אלימלך, אבער ווען איר זון ר' שמחה איז געווארן אביסל בעסער האט זי אים דערציילט אז זי איז געווען ביי רבי אלימלך מליזענסק און ער האט אלעם פאראויס געזאגט און געוואונטשן אז ער וועט זיין געזונט! דער זון האט איר שטארק געדאנקט אז זי איז געפארן, און האט איר געזאגט אז מען דארף פארן קיין ליזענסק און אפגעבן א הכרת הטוב פאר רבי אלימלך, און זיי זענען געפארן, ווען זיי זענען אנגעקומען צו רבי אלימלך האט ער געפרעגט די מאמע צו ער איז שוין געווען ביי רבי זושא? האט די מאמע געענטפערט אז אניפאלי איז ווייט און איר זון איז דערווייל נאך נישט אינגאנצן געזונט אויף צו פארן אזא ווייטער נסיעה, און בעזה"י ווען ער וועט ווערן אינגאנצן געזונט וועט ער דעמאלטס פארן קיין אניפאלי, און האבן זיך געזעגנט מיט א ברכה פאר א רפואה שלימה.

אין א צייט ארום איז ר' שמחה געווארן אויסגעהיילט און איז געפארן קיין אניפאלי ערב שבת און גייט אין גאס ווען עס קומט אים אנקעגן א איד און זאגט אים ר' שמחה איך האב נאך נישט א גאסט אויף שבת, און איך וויל דיר איינלאדענען צו מיר, ר' שמחה איז געווארן צומישט ווי אזוי ווייסט דער איד אז ער הייסט שמחה? האט ער געטראפן א אינגל און אים געפרעגט ווער איז יענער איד וואס שטייט דארט? האט דער אינגל געענטפערט דאס איז רבי זושא דער רב פון שטאט, איז ר' שמחה געווארן בארוהיגט און שוין אלעם פארשטאנען און איז צוריק געגאנגען צו רבי זושא און געזאגט ער איז מסכים צו גיין צו אים אלץ אורח.

זיי זענען געגאנגען צום שטוב פון רבי זושא, און רבי זושא פרעגט ר' שמחה צו ער האט שוין מעביר סדרא געווען? האט ער געענטפעט ניין, האט רבי זושא אים געהייסן פריער מעביר סדרא זיין, און נאכדעם וועלן זיי גיין אין מקוה לכבוד שבת, נאכן מעביר סדרא זיין זענען זיי געגאנגען אין מקוה און רבי זושא הייסט ר' שמחה זיל טובלן צוזאמען, און נאכן גיין אין מקוה זענען זיי געגאנגען אהיים און רבי זושא פרעגט ר' שמחה צו עס איז אים נאך שווער אין לערנען? האט ר' שמחה געענטפערט ער וועט זי אוועקזעצן און טראכטן אלע שווערע קשיות וואס ער האט געהאט ביז יעצט, און ר' שמחה הויבט אן טראכטן דער שווערע סוגיא און נאך א סוגיא און צו זיין וואונדער איז אים יעצט אלעם קלאר און האט נישט קיין שום קושיות, און ער דערציילט דאס מיט התפעלות פאר רבי זושא.

האט רבי זושא געזאגט אז דו זאלסט בלייבן דא און לערנען ביי מיר, און ר' שמחה איז געבליבן דארטן און איז געווארן א תלמיד מובהק פון רבי זושא און געשטיגן צו גאר הויכע מדריגות אין חסידות, און ווען רבי זושא איז נסתלק געווארן ב' שבט, איז ער געפארן קיין קאזניץ און איז געווארן א תלמיד פון הייליגן קאזניצער מגיד, און האט געלערנט ביי קאזניצער מגיד נגלה און נסתר, און איז דארטן שטארק געשטיגן, און איז געווארן אב"ד אין לבוב און נאכדעם אין בובריקא, ער איז נסתלק געווארן ט"ז אדר זיע"א.

(בארבעט דורך שמח זבולון פון ספר בוצינא קדישא אות נ"ו און פון נאך ספרים)

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן-***

בריוועו פון וועד הצלה ראטעווען דער הייליגער בעלזער רב זצוק"ל $5000, לאנגע בריוו פון הגאון ר' אברהם קאלמנאוויץ וועגן הצלה $1000 תיקוני זוהר זיטאמיר $2800 סעט מחזורים זיטאמיר תרי"ח $6000 סעט חומשים ע"ט זיטאמיר $14000, סעט חומשים באר מים חיים זיטאמיר $16000, ספר עם חתימת הרה"ק ר' נפתלי צבי הורוויץ חתן הרה"ק ר' משה מדרעשע $1200 ספר שאילת יעבץ עם חתימת הגאון ר' שלום גאלדענבערג מסוואליווא ונכדו ר' יצחק אייזיק עפשטיין אב"ד פעטרעווא $1500 קמיע מר' ישעי' מקערעסטיר זיע"א לשמירה וליולדות $50000, תהלים סלאוויטא ר' משה מנ"ך חסר ב' דפים $16000 סעט זוהר דפוס ר' משה מסלאוויטא חסר רק דף אחרון ח"א $16500 ספר מגן אברהם טריסק דפו"ר עם הברכה גליונות רחבים $13000 גמ' מגילה קטן דפוס זיטאמיר $2200 ספר נועם מגדים דפוס שני עם חתימות הגאון ר 'שמואל אהרן רובין מקארטשין בעל בית אהרן ושם עולם ועוד, גם חתימת בנו וחתנו $2500 כתב ידו של הגאון ר' יהונתן אייבישיץ,$42000 שו"ת חת"ם סופר דפוס ראשון זייער זעלטן $1000, שו"ת משיב דבר נצי"ב פול מיט הגהות $1200 שומר אמונים הקדמון ווילנא תרמ"ב חתימות בעל כלי חמדה $600, בריוון פון אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל וועגן א שידוך און ברכות, הגאון ר' חנוך אייגעש דער מרחשת, דברי מלכיאל, סעט אגרות משה עם ב' הקדשות הגאון ר' משה ואחד הקדשת ר' דוד $2000 דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהגאון ר' אברהם שפירא מקאוונא, ד' ספרים מלאים הגהות מהגאון ר' משה אריה מילעבסקי אביו של ר' אהרן $2500 מכתב מהרב מאיר כהנא, מיר פארקויפן עכט זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט, עכטע געלט פון די לאגערם ליטזמענשטאדט און טערעזינשטאדט

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:55 -7:30 Fri till 1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com***

בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

אחרי-קדושים
ח' אייר תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:41 |
| מוצש"ק | 7:56 |
| ר"ת | 8:35 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:50 |
| סוזק"ש ב' | 9:13 | סוז"ת ב' | 10:21 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': כח

## טיב הפרשה

# זארגן פארן רוחניות פון דיין חבר איז אמת'ע אהבת חברים

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר די וואך איבער די מצוה פון לא תשנא את אחיך בלבבך. אין די זעלבע פסוק זאגט אונז די תוה"ק אן די מצוה פון תוכחה, אז מען זאל מוכיח זיין א חבר און אים זאגן תוכחה.

אויבנאויף זעט אויס ווי די סמיכות וויל אנזאגן פאר א איד ער זאל אכטונג געבן אויפן כבוד פון דעם חבר און אים נישט זאגן תוכחה מתוך שנאה, אבער עס קען זיין אז עס ליגט דערינען נאך א דערהער, די תוה"ק זאגט אונז אן האב נישט פיינט דיין חבר – זאג אים תוכחה – ווייל אז דו זעסט אז ער פאלט לאז אים נישט פאלן.

עס איז דא אסאך מאל ווען א איד זעט צו ווי א צווייטער איד גייט אויף א קרומער וועג. דער איד ווייסט אז יענער גייט נישט גוט, אבער ער שעמט זיך אים צו מוסר'ן, ער מאכט ביי זיך א חשבון ווער בין איך צו זאגן מוסר פאר א צווייטן.

דער איד טראכט אז ער וויל יענעם נישט וויי טון אבער די אמת'ע סיבה פארוואס ער זאגט נישט פאר יענעם איז ווייל עס איז אים נישט געשמאק צו זאגן פאר יענעם און צו אזא איינער רעדט די תורה, ער דערמאנט אים די נקודה פון לא תשנא את אחיך בלבבך אז דו האסט א פליכט מוכיח צו זיין יענעם.

מען קען עס פארשטיין מיט א משל. ווען א איד זאל גיין אין גאס און זען ווי זיין חבר שטייט א טריט אוועק פון א טיפע גרוב און אויב מען וועט אים נישט געבן א שטעל אפ אין די לעצטע מינוט – וועט ער אריינפאלן אין די גרוב – וואלט ער זיכער אנגעהויבן שרייען פאר יענעם אז ער זאל זיך אפשטעלן ווייל אז ער גייט נאך א טריט וועט ער אריינפאלן אין טיפן גרוב.

אין אזא מינוט וואלט ער נישט געמאכט אלע ערליי חשבונות וואס ער מאכט ווען ער דארף מוסר'ן א צווייטן ווייל ער זעט די סכנה פאר די אויגן, און אז מען איז אזוי באזארגט פאר יענעמ'ס חיי שעה איז זיכער אז מען דארף זיין וואכזאם ווען עס רעדט זיך פון יענעמ'ס חיי נצח.

א איד וואס פירט זיך אזוי גייט אין די וועגן פון הקב"ה. אויף השי"ת זאגט

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

## – ♦ הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם ♦ –

עס איז געווען אמאל א קעניג, וואס זיין איינציגער זון האט זיך גע'חבר'ט מיט שלעכטע חברים און האט זיך נאכגעצויגן נאך זיי צו שלעכטע מעשים. אזוי האט ער אראפגעגליטשט פון טאג צו טאג, ביז ער איז אנגעקומען ממש צו די נידעריגסטע ערטער.

וויבאלד דער קעניג האט זייער ליב געהאט זיין איינציג קינד, האט ער אים נישט געוואלט לאזן אויף הפקר, דעריבער איז ער אים **נאכגעגאנגען** צו יעדן ארט וואו ער איז געגאנגען, נאר ווי עס פארשטייט זיך, האט ער זיך באהאלטן פון אים, און צוליב דעם כבוד פונעם קעניג האבן די קנעכט פונעם קעניג אויפגעשטעלט א **מחיצה** נאנט צום קינד פונעם קעניג, און אזוי האט דער קעניג געקענט באטראכטן זיין זון פון דער נאנט, און זען וואס ער מאכט.

איין טאג האט דער זון פונעם קעניג זיך געגרייט צו טון זייער א נידעריגע זאך. זעענדיג דאס, האבן די קנעכט פונעם קעניג מער נישט געקענט שווייגן, און איינער פון די ראטגעבער פונעם קעניג איז צוגעגאנגען צום בן המלך און האט זיך אנטפלעקט צו אים. ווען דער בן המלך האט דאס געזען, **איז ער געווארן זייער פארוואונדערט**, וואס זוכט דא דער חשוב'ער מענטש וואס איז אזוי נאנט צום קעניג, אין אזא נידעריגע ארט?

האט דער חכם געזאגט צום בן המלך: וויסן זאלסטו, אז די זאכן וואס דו טוסט זענען ממש פארקערט ווי דעם ווילן פון דיין טאטע דער קעניג, און זיי שאפן אים א געוואלדיגע **עגמת נפש!**

הערנדיג די ווערטער, האט זיך דער בן המלך שטארק געוואונדערט, און געזאגט: **עס זענען שוין דורכגעגאנגען לאנגע יארן** וואס מיין טאטע זעט מיר נישט און קען מיר נישט, אזוי אז ער ווייסט בכלל נישט מיין מצב און מיינע מעשים.

האט דער חכם געוויזן פארן בן המלך דעם מחיצה, און ער האט געזאגט צו אים: דו זעסט די מחיצה? אונטער די מחיצה געפינט זיך דיין טאטע, און ער קוקט אויף דיר די גאנצע צייט, ער האט דיר נישט פארלאזט אפילו איין טאג, און אין אלע ערטער וואו דו ביסט געווען, איז ער אויך געווען, אויב וועסטו דיך נאר אביסל שטארקן און זיך דערהייבן איבער די מחיצה, וועסטו אנטפלעקן דיין טאטע דער קעניג, וואס האט דיך אזוי ליב און ווארט נאר אז דו זאלסט דיך צוריקקערן צו אים.

אין אונזער פרשה, ביי דער סדר עבודת יום הכיפורים, שטייט אין פסוק "וְכִפֶּר עַל הַקֹּדֶשׁ מִטֻּמְאֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמִפִּשְׁעֵיהֶם לְכָל חַטֹּאתָם וְכֵן יַעֲשֶׂה לְאֹהֶל מוֹעֵד הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם", און רש"י ערקלערט "אַף עַל פִּי שֶׁהֵם טְמֵאִים, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם".

איז אונז רש"י דא מגלה א געוואלדיגער יסוד, אז אין יעדן מצב וואס א איד געפינט זיך, דארף ער וויסן אז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים און ער לאזט אים נישט אפ אפילו פאר א רגע, און דאס וואס דער מענטש זעט נישט און פילט נישט, דאס איז צוליב דער מסך המבדיל וואס קומט דורך די עבירות און עס טוט צווישנשיידן צווישן אונז און אבינו שבשמים.

חז"ל זאגן דאך "יִשְׂרָאֵל אַף עַל פִּי שֶׁחָטָא יִשְׂרָאֵל הוּא", און דער ראיה דערצו איז אז אפילו אויב א איד האט ח"ו עובר געווען אויף די הארבסטע עבירות, איז ער נאך אלץ נישט פטור אפילו פון די גרינגסטע מצוה פון אלע מצוות, ווייל "**בָּנִים אַתֶּם לַה'**", און א **טאטע לאזט קיינמאל נישט אפ זיין קינד.**

(עפ"י טיב התורה-אחרי)

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער פסוק אין משלי [ג יב] כי את אשר יאהב השם יוכיח אז הקב"ה מוסר'ט א איד צוליב די אהבה וואס ער האט צו א איד און די זעלבע דארף אויך זיין מיט דעם איד. פון גרויס ליבשאפט צו דעם איד דארף ער אים מוסר'ן. ער זאל זיך מאכן א חשבון אז אויב ער וועט נישט אויפקלערן דעם איד וועט ער דאך פארפאלן ווערן אויף אייביג.

דער איד זאל זיך מתבונן זיין אז ענדע וועט דער אנדערער איד שטיין פארן בית דין של מעלה און אפגעבן דין וחשבון אויף זיינע מעשים און ער וועט ליידן דערפאר ביטערע עונשים אין גיהנם און ער איז בכח אפצוהאלטן דעם איד פון ווערן פארפאלן איז זיכער אז ער דארף עס טון.

עס ליגט מיר אין די ביינער איין אזא מעשה וואס איך האב מיטגעלעבט. בימים ההם פלעג איך צו דאווענען אין די קארלינער שול אין דער בית ישראל געגענט. אין די שול האבן געדאווענט בני עליה, געהויבענע אידן וואס זייער גאנצער וועזן איז געווען עבודת השם און איך האב זיך אסאך געלערנט פון זיי.

האט זיך געמאכט אז איין טאג האט דער חסיד הרה"צ רבי מנשה הכהן ראזענפעלד זצ"ל זיך נישט גוט געשפירט. זיין מצב איז געווען אזוי שווער אז מען האט אים געדארפט אריינפירן אין שפיטאל.

מען האט אים געטראגן אין שפיטאל אבער נאך אפאר שעה שפעטער האט מען אים באפרייט. די מעשה איז געשען פרייטאג אינדערפרי און נאך יענעם שבת ביינאכט איז ער געקומען אין שול.

נאכן דאווענען שבת ביינאכט האב איך געזען ווי ער דערנענטערט זיך צו דער צדיק רבי ישראל גראסמאן זצ"ל. וועלנדיג אויסהערן די שמועס צווישן די צוויי בני עליה האב איך צוגעלייגט אן אויער. צו מיין וואונדער האט זיך דער ר' משה זצ"ל זיך באקלאגט פאר הגה"צ רבי ישראל הייתכן אז עס קען זיין אזא זאך אז א איד איז שוואך און מען פירט אים אריין אין שפיטאל און מען זאגט נישט קיין ווידוי מיט אים.

"וואו איז די אהבת חברים"? האט ער זיך באקלאגט.

"עס וואלט דאך רוואיג געקענט זיין אז איך זאל אוועקגיין פון די וועלט און אן ווידוי".

די מעשה איז מיר אריין אין די ביינער. איך האב געלערנט פון דעם וואס עס הייסט אמת'ע אהבת חברים, וואס מיינט אז מען זארגט פאר א חבר.

מיר זענען געוואוינט אז אהבת חברים טייטשט אז מען פארברענגט צוזאמען, אבער עס האט אויך א טיפערע באדייט, מען דארף אויך זארגן פאר די רוחניות פון א חבר.

אבער אין איינוועגס דארף מען אויך געדענקען אז מען זאל עס טון אין א וועג אז יענער זאל נישט ווערן פארשעמט און אויך אויב מען ווייסט זיכער אז יענער וועט עס מקבל זיין, ווייל די מצוה פון תוכחה איז נאר דא ווען עס האט אין זיך א תועלת.

אויב איז מען איבערצייגט אז יענער וועט עס נישט מקבל זיין, אדער אז יענער וועט דורכדעם ווערן פארשעמט איז נישט דא די מצוה פון תוכחה און ווי די תוה"ק זאגט שוין אן ולא תשא עליו חטא.

די זאך ווערט שוין מערערע מאל מבואר אין חז"ל. איין אזא ארט איז די גמרא אין ערכין [טז ב]. דארטן זאגן חז"ל אז מען דארף מוכיח זיין א מענטש מערערע מאל אבער נישט אויפן חשבון אז יענער זאל ווערן פארשעמט, נאר אז די תוכחה זאל זיין בדרך כבוד און מתוך אהבה ווייל נאר אויב עס קען גיין אין אזא וועג זאל מען יענעם מוכיח זיין.

און וועגן דעם פעלט זיך אויס די דערמאנטע נקודה אז די תוכחה זאל קומען מתוך אהבה, פון ליבשאפט און ווייל עס טוט וויי יענעמ'ס מצב, ווייל אז עס קומט פון אזא ארט גייט עס אריין שטארק אין די ביינער פון א מענטש.

יהי רצון אז עס זאל מקויים ווערן דער מאמר חז"ל אז דער שם שמים זאל ווערן נתאהב על ידינו.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## מצה - די מאכל פון רפואה

שטייענדיג נאך די יום טוב פסח וויל איך מיטטיילן א מורא'דיגע מעשה וואס איך האב געהאט ביי מיר אין שטוב מיט עטליכע יאר צוריק.

די געשיכטע גייט צוריק ווען עס איז געבוירן געווארן איינער פון אונזערע לעכטיגע קינדער. ווען דער קינד איז אלט געווען א האלבער יאר האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד ליידט אויף זייער אסאך אלערגיעס.

דאס קינד איז געווען אלערגיש צו מעל, צו מילכיגס און צו נאך א לאנגע רייע פון זאכן.

עס איז געווען זייער שווער מיטן קינד. אלץ א יונגע פארפאלק זענען מיר געגאנגען צו אסאך ערליי פארברענגונגען און איבערראל האבן מיר זיך באגעגנט מיט די סארט שוועריגקייטן אז ער קען נישט עסן דא, דארט.

מיר האבן פראבירט אלע ערליי סגולות, מען איז געווען ביי די געהעריגע דאקטוירים און ביי די אלטערנאטיוועס, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

עס איז געווען אדר צייט ווען איך האב געשפירט אז איך האלט עס מער נישט אויס. איך האב זיך אויסגערעדט דאס הארץ צום גרויסן טאטן אין הימל און זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל מיר שיקן די ריכטיגע ישועה.

"באשעפער אין הימל, אלע רפואות ליגן דאך ביי דיר אין די הענט, העלף מיר".

מיטאמאל האט אנגעהויבן פאסירן אן אינטערעסאנטער זאך. וואו איך בין געגאנגען און וואו איך בין געשטאנען האב איך אנגעהויבן הערן איבער די מצוה פון מצה, אז מצה איז א רפואה, אז עס איז די מאכל פון אמונה.

איך האב עס געהערט אין שול און אין גאס, מיטאמאל זענען מענטשן צוגעקומען צו מיר און מיר געזאגט ווערטער אז מצה איז אמונה. איך האב פארשטאנען אז דער רבוש"ע שיקט מיר דא א רמז און איך דארף זיך בלויז צוהערן דערצו.

אין יענע צייט בין איך אהיימגעקומען און געזאגט פאר מיין בני בית אז עס קומט פסח און אז די יאר גייען מיר נישט געבן פארן קינד צו עסן אלע ערליי עסנווארג וואס האט אין זיך חששות, מיר גיין אים געבן צו עסן מצה.

מיין בני בית האט מסכים געווען און מיר האבן טאקע אזוי געטון. אויך מיין קינד וועלכער איז שוין געווען אונטערגעוואקסן האט זיך צוגעכאפט דערצו און אין יענעם פסח האט ער געגעסן נאר פסח'דיגע זאכן ווי מצה און אנדערע ערליי פסח מאכלים.

מיט זיין לעכטיגע תמימות האבן מיר געהערט ווי ער בעט זיך ביים רבוש"ע ער זאל אים אויסהיילן, ער זאל קענען עסן וואס ער באקומט, און פון דאן האט די וואונדער פאסירט.

דאס קינד האט געגעסן מצה און ער האט גארנישט געשפירט. מיטאמאל איז אוועק אלע ערליי נאכווייען און ער האט געקענט עסן אלעס ווי ער וואלט קיינמאל נישט געליטן פון קיין שוועריגקייטן.

עס איז שוין אריבער פון די געשיכטע מער ווי פיר יאר און ברוך השם פון יענער פסח איז אלעס פארשווינדן געווארן כאילו לא היה.

איך שפיר א פליכט צו פארשפרייטן די מעשה, סיי ווייל איך וויל דאנקען השי"ת פאר זיינע חסדים, און אויך אז מען זאל וויסן אז מצה איז א מאכל פון רפואה.

דערציילט דורך דער בעל המעשה ש.ס.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

אין די פרשה פון די וואך, זענען דא אסאך מצוות ווי א איד דארף אפשיידן פון די ארבעט פון זיין פעלד, און אוועקגעבן דערפון, אזוי ווי דער אויבערשטער האט געהייסן. צום ביישפיל, די מצוות פון לקט, שכחה און פאה, די מצוות פון ערלה און נטע רבעי, תרומות און מעשרות און נאך.

איינער פון די טעמים וואס ווערט ערקלערט אין די מפרשים אלס דער יסוד פון די מצוות, איז כדי צו מחזק זיין די מדה פון בטחון. ווייל יעדער איינער דארף גלייבן און האבן בטחון אינעם אויבערשטן, אז נאר ער אליין איז דער וואס שפייזט אלע באשעפענישן פון די וועלט, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, און נאר דורכן השגחה פונעם אויבערשטן **וועט מען האבן הצלחה** ביי די ארבעט און די פעלד וועט באגליקן.

דעריבער האט די הייליגע תורה באפוילן אז מען זאל אפשיידן די אלע זאכן פונעם פעלד, איבערלאזנדיג פארשידענע זאכן דערפון פאר די ארימעלייט, און אויך דער איסור פון ערלה פאר דריי יאר, און אויך שפעטער ווען די פרוכט ווערן שוין מותר, דארף ער זיי ארויפברענגען אינעם פערטן יאר אלס "נטע רבעי". אויך דארף מען אפשיידן די ערשטע פרוכט פארן אויבערשטן אלס "ביכורים", און אויך די מצוות פון חלה, תרומה און מעשר. דאס אלעס לערנט אויס דעם מענטש אז נישט ער איז דער וואס ברענגט פאר זיך ברכה, נאר **אלעס ווערט נשפע אויף אים בחסד עליון.**

און טאקע, ווען א איד גלייבט און ער פארזיכערט זיך אינעם אויבערשטן און אזוי זייט ער איין זיין פעלד, און ווייטער איז ער מקיים אלע זיינע מצוות און פליכטן אזוי ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז ער זוכה צו א ספעציעלע ברכה אין אלעס וואס ער טוט, אזוי ווי עס שטייט קלאר אין אונזער פרשה ביי אט די מצוות (יט, כה): "לְהוֹסִיף לָכֶם תְּבוּאָתוֹ, אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם", און רש"י ערקלערט: "הַמִּצְוָה הַזֹּאת **שֶׁתִּשְׁמְרוּ, תִּהְיֶה לְהוֹסִיף לָכֶם תְּבוּאָתוֹ, שֶׁבִּשְׂכָרָהּ אֲנִי מְבָרֵךְ לָכֶם פֵּרוֹת הַנְּטִיעוֹת וְכוּ'. אֲנִי ה' הַמַּבְטִיחַ עַל כָּךְ, וְנֶאֱמָן לִשְׁמוֹר הַבְטָחָתִי".**

קומט אויס, אז די איינציגסטע זאך וואס א מענטש דארף האבן ביי זיין ארבעט און פרנסה, איז בלויז זיך צו פארלאזן אויפן גרויסן באשעפער, וואס איז באגלייבט אין זיין ברכה, צו באשערן אלעס גוטס וואס א אידיש קינד דארף האבן.

-> • <-

די פאלגנדע מעשה איז פארגעקומען מיט אן ארימאן, וועלכער איז געקומען צום הייליגן **קאצקער** צדיק זצוק"ל, און האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פאר אים, היות זיין גרויסע טאכטער איז שוין אנגעקומען צום פאסיגן עלטער אויפצושטעלן איר הויז, אבער זי ווארט שוין זייער לאנג, און ער האט נישט קיין פרוטה צו איר געבן אז זי זאל קענען חתונה האבן.

האט זיך דער רבי דערבארימט אויפן ארימאן, און האט געשריבן פאר אים א הארציג בריוול צו איינער פון די גרויסע עשירים פון צווישן זיינע חסידים,

# די מצוה פון בִּטָחוֹן

וועלכער האט געוואוינט אין א ווייטע שטאט. אין זיין בריוו האט דער רבי אויסגערעכנט די פילע שוועריגקייטן און ארימקייט פונעם חסיד אין קורצן, און ער האט אויסגעפירט מיט א געבעט אז דער חסיד זאל אויפנעמען בסבר פנים יפות דעם ארימאן וואס גיבט איבער דעם בריוו, און אים ארויסהעלפן **בגוף ובנפש**, און אים צושטעלן מיט די **הוצאות החתונה בכבוד.**

דער הייליגער קאצקער רבי האט אונטערגעשריבן דעם בריוו **בחתימת יד קדשו**, און עס איבערגעגעבן פארן ארימאן, הייסנדיג אים אז ער זאל זיך שוין ארויסלאזן אין וועג, און פארן גלייך צו אט דעם עושר, און אים בעטן אז ער זאל אים ארויסהעלפן אין זיין ענגשאפט.

נישט האבנדיג קיין געלט צו פארן געהעריג מיט א פערד און וואגן, האט זיך דער ארימאן נעבעך געשלעפט צופיס, איין טאג און נאך א טאג, ביז ער איז ענדליך אנגעקומען דארט אין שטאט נאך צוויי וואכן וואנדערן, און ער איז גלייך צוגעגאנגען צום הויז פונעם עושר.

דער ארימאן האט שוין אזוי געהאפט צו באקומען די געלט פאר די חתונה, וויבאלד ער טראגט דאך מיט זיך דעם ספעציעלן בריוו וואס דער רבי האט געשריבן פאר אים, **איז ער ארומגעגאנגען מיטן געפיל אזוי ווי דאס געלט ליגט שוין ביי אים אין קעשענע...** ער האט שוין געווארט אויף די מינוט וואס ער וועט זיך שוין קענען ארויסלאזן אויפן וועג צוריק, און זיך נעמען גרייטן צו די חתונה פון זיין טאכטער אזוי ווי עס פאסט.

צו זיין גרויס פרייד, האט ער געטראפן דעם עושר אינדערהיים, און ווי נאר ער האט געהערט אז ער קומט צו אים בשליחות פונעם רבי'ן, האט ער אים זייער שיין אויפגענומען, און אים געלאדנט זיך צו זעצן מיט אים אין זיין רייכן צימער. דער ארימאן איז אריינגעגאנגען מיט גרויס חשיבות, און פון זיין ביזעם האט ער ארויסגענומען דעם טייערן בריוו, און עס דערלאנגט פארן עושר.

ווען דער עושר האט געזען די הייליגע שריפט פון זיין גרויסן רבי'ן, ווי ער ווענדט זיך דירעקט צו אים, האט ער זיך זייער שטארק געפריידט, און האט מיט גרויס התרגשות באדאנקט דעם ארימאן פארן אים מזכה זיין מיט אט דעם הייליגן בריוו, וואס איז אזוי טייער און חשוב אין זיינע אויגן.

דער עושר האט זיך אוועקגעזעצט און געגומען ליינען דעם קורצן בריוו בעיון גדול עטליכע מאל, דורכליינענדיג גרונטליך אלע

ווערטער און אפילו אלע אותיות. אלס געטרייער קאצקער חסיד, האט ער גוט געוואוסט אז עס איז נישטא קיין איין איבעריג פינטל טינט אין די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן, און דערפאר דארף מען עס **ליינען בעיון גדול!**

מען האט גוט געקענט זען ווי דער עושר ליינט עס מיט א פארטיפטע מחשבה, וועלנדיג אויך ליינען דאס וואס עס שטייט צווישן די שורות און די ווערטער... זייענדיג א קלוגער מענטש האט ער פראבירט פארשטיין דבר מתוך דבר, און געוואלט אנטפלעקן אויך דאס וואס איז נישט קלאר געזאגט געווארן...

ווען דער עושר האט געענדיגט ליינען דעם הייליגן בריוו, האט ער עס אראפגעלייגט אויפן טיש מיט גרויס כבוד און פארכט, און דעמאלטס האט ער זיך געווענדן צום ארימאן, וועלכער איז געזעצן די גאנצע צייט מיט שטילקייט און גרויס אנגעצויגנקייט. דער עושר האט ארויסגענומען פון קעשענע **איין איינציגע רובל**, און עס געגעבן פארן ארימאן, און זיך געזעגנט פון אים!

דער ארימאן איז ארויסגעגאנגען פון הויז, שאקירט, דערביטערט און שרעקליך צובראכן. ער האט נישט געקענט קומען צו זיך פון גרויס וואונדער און טרויער. פאר איין רובל האט ער זיך אזוי אנגעשטרענגט? פאר אזא קליין סומע האט ער זיך אזוי מטריח געווען און געפארן די ווייטע נסיעה קיין קאצק, און דערנאך די לאנגע רייזע צום הויז פונעם עושר, פאר גאנצע צוויי וואכן, בלויז צו באקומען איין רובל?

**וויאזוי קען דאס זיין?** האט דער ארימאן זיך אליין געפרעגט, איינמאל און נאכאמאל. מען האט דאך קלאר געקענט זען ווי דער עושר האט אזוי הנאה פונעם בריוו וואס ער האט באקומען פונעם רבי'ן, און ער האט עס דאך געליינט מיט אזא באגייסטערונג! און צום סוף, ווען עס איז געקומען דער צייט אים ארויסצוהעלפן אויף למעשה, האט ער אים פארשיקט בבושת פנים, מיט אן איינציגע רובל אין האנט!

ער איז דאך געווען **אזוי זיכער**, האט דער ארימאן ווייטער געטראכט מיט צובראכנקייט, אז פון דעם בריוו וועט קומען די ישועה פון זיין גרויסן צרה, און ער האט ארויפגעלייגט **זיין גאנצן האפענונג** אויפן וואונדערליכן בריוו וואס ער האט באקומען פונעם צדיק! און דא זעט ער אז עס האט זיך ארויסגעלאזט מיט א גרויסן גארנישט!

געפערליך צובראכן, האט זיך דער ארימאן אנגעהויבן שלעפן צוביסלעך אויפן וועג צוריק. מיט שטאטע טריט האט ער געשפאנט אויפן וועג ארויס פון די שטאט, און **מיט הייסע טרערן וואס האבן געריננען פון זיינע אויגן, האט ער זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פארן גרויסן טאטן אין הימל.** ער האט געגעדעט צו אים פון די טיפענישן פון זיין הארץ, און האט אויסגעגאסן פאר אים זיין גאנצע ביטער הארץ.

**יעצט זע איך קלאר**, האט דער איד געזאגט מיט הייסע טרערן, אז קיין שום

המשך אין עמוד ד'




זאך אויף דער וועלט קען מיר נישט העלפן פון מיין שווערע און ביטערע ארימקייט! ווייל אויב אזא ספעציעלע בריוו פונעם רבי'ן האט גארנישט אויפגעטון, וועט קיין שום זאך אויף דער וועלט מיר נישט העלפן, אויסער א **נס מן השמים!** נאר דו הייליגער באשעפער, וואס דו שפייזסט אלע באשעפענישן פון דער גאנצער וועלט, נאר דו קענסט מיר העלפן! בעט איך דיר, זע מיין ענגשאפט און צובראכן הארץ, און שיק מיר דיין הילף איינגיכן!

אזוי איז דער ארימאן געגאנגען אין וועג עטליכע שעה, וויינענדיג און פארגיסנדיג תפילות ובקשות פארן הייליגן באשעפער, מיט א צובראכן הארץ, ווען פלוצלונג האט עפעס איבערגעהאקט זיינע טרויעריגע געדאנקען. אנטקעגן אים האט ער געזען א הערליכע וואגן וואס איז איינגעשפאנט צו העלדישע פערד, און דער וואגן פארט ממש אין זיין ריכטונג. עס האט אויסגעזען אז איינער יאגט נאך אים, און זוכט אים.

ווען דער וואגן איז אנגעקומען נעבן אים, האט זיך עס גלייך אפגעשטעלט. א ספעציעלער שליח פונעם עושר איז גלייך אראפגעשפרינגען פונעם וואגן, און מיט גרויס פרייד איז ער צוגעגאנגען צום ארימאן, און אים געזאגט: **ברוך ה' אז איך האב דיר דא געטראפן!** מיין האר דער עושר האט מיר געבעטן דיר צו זוכן וואו עס איז נאר מעגליך, און ער האט געשיקט פאר דיר דעם פעקל!

אזוי רעדנדיג, האט דער שליח איבערגעגעבן פארן ארימאן א געשוואלענעם פעקל אנגעפולט מיט פילע טויזנטער רובל! די סומע וואס איז דארט געלעגן איז נישט נאר געווען גענוג פאר די הוצאות החתונה פון זיין טאכטער, נאר אסאך מער דערפון איז דארט געלעגן, און מען האט זיך געקענט שפייזן דערפון פאר נאך **עטליכע יאר בריווח!**

זעלבסטפארשטענדליך אז דער ארימאן האט זיך שטארק געפריידט אויפן אומגעראכטענעם ווערדפולן געשאנק, אבער פון די אנדערע זייט איז ער אויך געווען צומישט... וואס גייט דא פאר? דער עושר איז דאך א קלוגער מענטש, פארוואס אין אנהייב ווען ער האט אים געגעבן דעם בריוו, האט ער אים אזוי קאלט פארשיקט מיט אן איינציגן רובל, און דא, בלויז עטליכע שעה שפעטער, האט ער אים אזוי הארציג באשאנקען מיט פילע טויזנטער רובל!

זייענדיג אזוי באגייסטערט און פארוואונדערט, און וועלנדיג אמת'דיג פארשטיין וואס עס טוט זיך דא, האט דער ארימאן באשלאסן אז זאל זיין וואס זאל נאר זיין, ער מוז פארשטיין דער באדייט פון דער זאך! האט ער זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעגאנגען ביז צום הויז פונעם עושר, וועלכער האט זיך שטארק געפריידט אים צו זען, און האט אים אריינגענומען אין זיין הויז מיט גרויס כבוד.

**דאס איז דאך דער מענטש וואס האט אונז געברענגט א ספעציעלן בריוו פונעם רבי'ן!** – האט דער עושר געזאגט מיט באגייסטערונג צו זיין משפחה, נישט באהאלטנדיג זיין געוואלדיגע שמחה פונעם בריוו. דער וואונדער פונעם ארימאן איז נאר געווארן שטארקער, און דא האט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, און ער האט פארגעלייגט זיין גרויסן וואונדער פארן עושר: **וואס איז דא געשען?** וויאזוי האסטו פלוצלונג געטוישט דיין מיינונג, אין בלויז געציילטע שעות? אויב אין אנהייב האסטו מיר נאר געוואלט געבן איין רובל, וויאזוי האסטו פלוצלונג באשלאסן מיר צו געבן אזויפיל געלט?

האט אים דער עושר געענטפערט: דו האסט א טעות! איך האב בכלל נישט געטוישט מיין מיינונג! נאר, אין אנהייב ווען דו ביסט געקומען צו מיר און דו האסט מיר איבערגעגעבן דעם וואונדערליכן בריוו פונעם הייליגן רבי'ן, האב איך עס גרונטליך דורכגעליינט, און פון צווישן די שורות האב איך פארשטאנען אז איך דארף אויך זארגן פאר דיין נשמה! **און נישט נאר פאר די געלט...**

דא האט מיר דער רבי מרמז געווען, ווי דער שטייגער פון די צדיקים אריינצוגיין אין די טיפקייט פון דער זאך, און זען דער רוחניות'דיגער שורש פונעם גשמיות'דיגן פראבלעם, און דער רבי האט מיר דא מרמז געווען אינעם בריוו, אז דיין צרה אין געלט קומט פון דעם וואס עס פעלט אמונה און בטחון אינעם אויבערשטן, ווייל לויט די אמונה אזוי איז די פרנסה, האב איך געזען אז מען דארף מחזק זיין ביי דיר די אמונה און האפענונג אינעם אויבערשטן וואס אמת'דיג קען נאר ער העלפן!

דעריבער האב איך דיר צום ערשט געדארפט אוועקשיקן בבושת פנים, **כאטש דאס איז מיר זייער שווער אנגעקומען**, ווייל עס האט אויסגעזען אזוי ווי איך נעם נישט אן די בקשה פונעם רבי'ן...

ווען דו האסט דאס געזען, ביסטו שטארק צובראכן געווארן, זעענדיג אז אפילו א ספעציעלן בריוו פונעם רבי'ן העלפט נישט, און דורכדעם ביסטו אנגעקומען צום אמת'ן אנערקענונג, אז מען טאר זיך נישט און מען קען זיך נישט פארלאזן אויף קיין שום זאך און אויף קיין שום מענטש, נאר אינעם אויבערשטן אליין, וואס מיט זיין ווילן איז ער משפיע פאר דער וואס גלייבט און פארזיכערט זיך אין אים, דורך די ברכה פון זיינע קנעכט די צדיקים!

נאר נאכדעם וואס דו האסט אויסגעגאסן דיין הארץ מיט אויפריכטיגע ווערטער פארן אויבערשטן, און די ריינע בטחון איז געווארן פעסט ביי דיר אין הארץ, זיך צו פארזיכערן אינעם אויבערשטן, קומט דאך אויס אז דער שורש פון דיין צרה איז אויסגעהיילט געווארן, האב איך שוין געקענט העלפן מיט די ישועה פונעם גוף, און דיר צוהעלפן מיט די געלט וואס דו דארפסט האבן!

און יעצט, האט דער עושר אויסגעפירט, פאָר אהיים מיט גליק, און דער אויבערשטער וועט זיין מיט דיר, און פון יעצט וועסטו מיטן אויבערשטנ'ס הילף האבן אסאך הצלחה, אזוי ווי דער רבי האט געוואונטשן אין זיין בריוו פאר דיינעטוועגן, אזוי ווי איך האב דארט פארשטאנען.

**נאר דו זאלסט אייביג געדענקען און קיינמאל נישט פארגעסן, צו לייגן דיין תפילה און דיין האפענונג נאר אינעם אויבערשטן, און אים בעטן הצלחה ביי יעדער זאך, ווייל נאר ער אליין איז דער זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים!**

דער איד איז אהיימגעפארן, און האט חתונה געמאכט זיין טאכטער מיט גרויס כבוד, און פון דעמאלטס און ווייטער האט זיך דאס רעדל איבערגעדרייט פאר אים צום גוטן, און די ברכה האט זיך אלעמאל געפינען ביי אים, און ער האט אלעמאל געדענקט וואס און ווער ברענגט די ברכה פאר א מענטש, און דער חסיד האט געלעבט מיט די ריינע אמונה און בטחון אינעם הייליגן באשעפער!

[שכתוב קלטות, כלליות מס' 79]

על הברכה יעמדו

...ן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה

...nyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.







## אמרות שמשון

### דאָפּעלטע לשון 'הוכח תוכיח' • ריכטיגע תוכחה טוט פארמערן ליבשאפט צו דער מוכיח • ערשטע מאל תוכחה טוט בלויז ערוועקן דאס הארץ פונעם חוטא

**לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא (יט, יז):** די גמרא (מסכת בבא מציעא דף לא.) דרש'ענט די דאפעלטע לשון אינעם פסוק 'הוכח תוכיח'. זאגט די גמרא דאס קומט צו לערנען '**אפילו מאה פעמים**', דער פליכט צו מוכיח זיין א צווייטן איז אפילו הונדערט מאל.

**מיינסטנס** ווען איינער איז מוכיח א צווייטן וועט יענער נישט צוהערן צו דאס ערשטע מאל וואס מ'זאגט אים מוסר, נאר די ערשטע הוכחה וועט ערוועקן זיין הארץ צו אפלאזן די עבירה. שפעטער ווען מען גייט אים ווידעראמאל מוכיח זיין, וועט דאס ערוועקן ער זאל זיך גענצליך אפשאקלען פון די עבירה.

**מיר** געפונען אין חז"ל (מדרש ב"ר נד, ג), **'כל אהבה שאין עמה תוכחה אינה אהבה'** ליבשאפט וואס פארמאגט נישט מיט זיך תוכחה איז נישט קיין ריכטיגע ליבשאפט. נאך שטייט אין גמרא (ערכין טז:) דורך תוכחה טוט מען פארמערן אהבה צו דער מוכיח.

**זעט** מען פון חז"ל, תוכחה איז א וויכטיגע יסוד אין ליבשאפט, און דאס גאר פארשטערקערן אהבה. קומט אויס, אז ריכטיגע תוכחה איז נאר אויב עס טוט פארמערן ליבשאפט פארן מוכיח, און נישט ח"ו שנאה.

**לויט** דעם קען מען פארטייטשן די דאפעלטע לשון הפסוק, די פסוק פאנגט אן: '**הוכח**' - זיי מוכיח דיין חבר אויב ער טוט עפעס נישט ריכטיג. און ווען דו זעסט אז עס איז א ריכטיגע תוכחה, דורכדעם וואס דיין חבר האט דיר ליב אפילו נאכדעם וואס דו האסט אים געגעבן מוסר, זאלסטו וויסן אז דאס איז א ריכטיגע תוכחה.

**און** אויף אזא פאל זאגט די פסוק ווייטער, אויב ער האט זיך נאך נישט אפגעשאקלט פון די עבירה (ווי אויבן דערמאנט אז פונעם ערשטן מאל טוט ער זיך נאכנישט אפשאקלען פון די עבירה): '**תוכיח**' זאלסט אים ווייטער מוכיח זיין, אזוי ארום וועט ער זיך אינגאנצען אפשאקלען פון די עבירה.

**אויב** אבער דו זעסט אז די ערשטע תוכחה איז נישט געווען א ריכטיגע תוכחה, דורכדעם וואס עס האט נישט געברענגט ליבשאפט פארן מוכיח, נאר פארקערט עס האט געברענגט שנאה.

**דאן** זיי אים נישט ווייטער מוכיח, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ט, ח) **אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ**. און אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (יבמות סה:) **'כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע'**. (פרשתינו אות ד')




### ערקלערונג אין שיטת רבי אז דער עצם טאג פון יום כיפור איז מכפר אויף די עבירות • אויב וועט מען מער נישט זינדיגן ווערן אלע עבירות פארצייעט

**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ (טז, ל):** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (גמרא יומא פה.), **'רבי אומר על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יום הכפורים מכפר וכו'**'. רבי האלט אז דער עצם טאג פון יום כיפור איז מכפר אויף די עבירות אפילו אויב מען טוט נישט תשובה אויף די עבירות.

**שטעלט** זיך דער הייליגער 'זרע שמשון', דאס איז א וואונדער אז מען זאל פארציי'ען פאר א רשע אלע זיינע עבירות אפילו אויב ער טוט נישט תשובה. אויך איז שווער דער קשיא וואס ווערט געברענגט אין תוס' ישנים (יומא פה:), לויט דער שיטה פון רבי, פארוואס איז די בית המקדש חרוב געווארן צוליב די עבירות פון כלל ישראל, אלע עבירות ווערט דאך סיי ווי פארצייעט אום יום כיפור?

**דער** תירוץ איז, רבי האלט אז דער טאג יום כיפור איז מכפר אויף די עבירות פון א מענטש אפילו אויב איינער איז זיך נישט מתחרט אויף די עבירות וואס ער האט געטוהן. אבער דאס איז ווילאנג ער גייט נישט ווייטער זינדיגן, דאן ווערן זיינע עבירות פארצייעט.

**דאקעגן** איינער וואס האט נישט חרטה אויף זיינע עבירות און איז ממשיך מיט זיינע שלעכטע וועגן און זינדיגט ווייטער, אזא איינער וועט טאקע נישט העלפן די טאג פון יום כיפור. מיט דעם פארשטייט מען אויך פארוואס יום כיפור האט נישט געהאלפן ביים חורבן בית המקדש וויבאלד זיי האבן ווייטער געזינדיגט. (עיי"ש). (זרע שמשון פרשת אחרי אות ב')


• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה והצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוג' מדים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ
און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
'בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם,
חכמים ונבונים ובתים מלאים כל טוב, גם עשר גם כבוד'.
קען מען זיך פארבינדן, אמעריקע: 347-496-5657 ארץ ישראל: 052-716-6450

לברכה והצלחה
דניאל אודי בן דג'ינה מלכה
לברכה והצלחה "בתים מלאים כל טוב
גם עושר גם כבוד"

# ספר 'תולדות שמשון' אויף מסכת אבות




**דער** הייליגער ספר '**תולדות שמשון**' אויף מסכת אבות, איז פארפאסט געווארן דורך דער גרויסער צדיק און גאון **רבי שמשון חיים נחמני זלה"ה**, וועלכע איז געווען פון די גדולי רבני איטאליע צווישן די יארן ה' אלפים תס"ו - תקל"ט, אין געלעבט אין די תקופה פונעם הייליגן אור החיים הק', און א תלמיד מובהק פון רבי דוד פינצי ז"ל (דער שווער פונעם רמח"ל), און תלמיד פון רבי בנימין הכהן ז"ל - הרב"ך.

**רבינו** שמשון חיים נחמני ז"ל וועלכע איז ברייט באקאנט מיטן נאמען '**דער זרע שמשון**' איז געווען בקי בכל חדרי תורה, ווי מען זעהט פון זיינע ספרים ווי דאס גאנצע תורה איז שגור בפיו - תורת הנגלה און נסתר צוגלייך.

**רבינו** האט מחבר געווען פולע ספרים בכל מקצועת התורה, פון דעם איז נאר איבערגעבליבן א טייל דערפון, דער ספר '**זרע שמשון**' **על התורה ומועדים**, אזוי אויך איז פארבליבן דעם ספר '**תולדות שמשון**' **אויף פרקי אבות**, וועלכע איז באקאנט פאר א ספר וואס איז מסוגל פאר אלע השפעות און ישועות טובות.

**דער** נאמען פון רבינו איז שטענדיג געווען פארהייליגט און געשעצט ביי אלע גדולי איטאליע און ארום. דער **חיד"א** אין שם הגדולים שרייבט איבער רבינו זי"ע אז ער איז געווען גאר גרויס אין האט זיך אויסגעקענט מיט חכמת הקבלה.

**די** ספרים פון רבינו איז פארשפרייט בכל תפוצות ישראל און במשך די יארן האבן פולע קהילות געהאט שיעורים אין ספרי רבינו.

**אין** לעצטע פאר יאר האט רבינו זוכה געווען אז זיינע ספרים זענען פארשפרייט און באקאנט געווארן אין די גארער וועלט, און טויזענטע אידן פון אלע סארט שיכטן און קרייזן איבער די וועלט לערנען בקביעות זיינע ספרים, צוגאב צו די פולע שיעורים וואס ווערט פארגעלערנט וועכענטליך דורך בארימטע מגידי שיעור אין די גאנצע וועלט.

**דער** ספר '**תולדות שמשון**' איז צום ערשט געדרוקט געווארן אין יאר תקכ"ב, פופצן יאר איידער פטירת רבינו המחבר זי"ע, אבער אין די לעצטע צענדליגע יארן איז דאס נישט געווען צו באקומען.

**ווי** עס איז ברייט באקאנט די ווערטער פון רבינו המחבר אין די הקדמה פון זיינע ספרים, ווי ער שרייבט אז ער האט ליידער נישט זוכה געווען איבערצולאזן זרע של קיימא, אבער טרייסט זיך דערמיט וואס ער האט איבערגעלאזט תלמידים כבנים, און זיינע ספרים וואס וועט פארבלייבן פאר אים אלץ געדענקעניש, וואס דאס איז זיין איינציגסטע טרייסט, דעריבער האט ער א נאמען געגעבן זיינע ספרים '**תולדות** שמשון' און '**זרע** שמשון'.

**דערביי** האט רבינו צוגעלייגט א פערזענליכע בקשה ווי ער בעהט מען זאל לערנען זיינע ספרים וואס דאס וועט זיין לעילוי נשמתו און שפתותיו דובבות בקבר, און וואונטשט אן מיט א זעלטענע ברכה פאר די אלע וואס וועלן לערנען זיינע ספרים זיי וועלן זוכה זיין פון הימל מיט בני חיי ומזוני און אלע גוטע ישועות.

**און** ווי טויזענטער אידן ארום די וועלט קענען עדות זאגן ווי זיי זענען געהאלפן געווארן מיט וואונדערליכע ישועות אין אלע הינזיכטן בזכות'ן לערנען די הייליגע תורת פונעם מחבר הק'. אזוי אויך זענען פולע גדולי ישראל ממליץ צו לערנען דעם הייליגע ספר.

**אנפאנג** פונעם ספר '**תולדות שמשון**' ווערט צום ערשטן מאל אראפגעברענגט א רייכן קאפיטל אין היסטאריע פון די לעבן און שאפן פונעם הייליגן מחבר זי"ע, וואס איז צוזאמגענומען און באארבעט געווארן דורך הרב נפתלי אלימלך וואגשאהל שליט"א מיט חברי המכון 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון' און געשריבן דורכן היסטאריקער הרב יצחק אהרן שימון, וואס טוט אונז געבן א טיילווייזער איבערבליק פון דער גרויסע לעבן און שאפן פון רבינו מיט זיינע רבי'ס און תלמידים, און נאך.

**די** ספר '**תולדות שמשון**' זעלבסט איז געשריבן געווארן מיט א געוואלדיגע זיסקייט און געשמאק, מיט אן אייגענארטיגן מהלך, ווי רבינו האט צוזאמגענומען נאך מאמרים פון די זעלבע תנא המשנה, און טוט הערליך ערקלערן די שייכות און צוזאמענגאנג פון די מאמרים לשיטתו פון דעם תנא.

**צוגאב** צו די הערליכע פשטים אין פשט און דרוש געפלאכטן מיט פערל ווערטער פון מוסר און השקפה, וואס פולע פון די יסודות ווערן שפעטער אראפגעברענגט אין ספרי קדמונים א שטייגער ווי 'זכר דוד' פון רבי דוד זכות ז"ל, הגר"ח פלאג'י ז"ל און נאך.

**אצינד** ווען מיר שטייען אנפאנג די זוממער חדשים וואס איז איינגעפירט אין כלל ישראל צו לערנען 'פרקי אבות' איז די פאסיגע געלעגנהייט אריינצוברענגן די ברכה אין שטוב, דער הייליגער ספר 'תולדות שמשון' אויף פרקי אבות, און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די געוואלדיגע ברכה און צוזאג פון רבינו ז"ל פאר די אלע וואס וועלן לערנען זיינע ספרים און תורות.

**ווי** רבינו שרייבט אינעם הקדמה צו ספר 'תולדות שמשון' וזה לשון קדשו: **למען אחי וריעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל טוב יזכר שמי בפיהם אחרי מותי, כאשר בעשר לשונות של תפלה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חיי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים וכו'.**

**און** ווי עס לויטעט די ריינע ווערטער פון רבינו אינעם הקדמה צו 'זרע שמשון' וז"ל: **ומעתה אחי ורעי אוהבי ומיודעי זרע ברוכי ה' הא לכם זרע אור זרוע לצדיקים כמותכם, במטותא בעינא מינייכו זרעו לכם צדקה וקצרו לפי חסד של אמת, וכי מרובה מדת תשלומי חן וחסד ושלמא רבא מן שמיא, 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם, חכמים ונבונים ובתים מלאים כל טוב, גם עשר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'. עד יתקיים בכם (ישעי' לה, ב), המה יראו כבוד ה' הדר אלוקינו ונשא נס לגוים ואסף נדחי זרע ישראל, במהרה בימינו אמן.**

צו באקומען אין אלע געשעפטן,
פאר מער פרטים קען מען זיך ווענדן:

**ארץ ישראל און אירופה: 02-80-80-500**
**אדער 05271-66450**
**אמריקע: 347-496-5657**

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: ארץ ישראל הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
אמעריקע הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

**אחרי - קדושים**

## הֲכָנָה לְשַׁבָּת

**רְמָזִים אויף דעם וָוארְט שַׁבָּת**
**עטליכע** רמזים אויף דעם וָוארְט שַׁבָּת שטייט אין דעם ספר לחם מן השמים [מכיל הנהגות אריז"ל] וואס זענען מְרַמֵּז רוֹב דִינִים און מִנְהָגִים פון עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תָּ'כִין - עֶרֶב שַׁבָּת זאל מען צוגרייטן אויף שַׁבָּת.
- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תִּ'טוֹל - זיך אפשערן דִי נעגל לְכָבוֹד שַׁבָּת.
- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תְּ'נַקֶּה, שֶׁ'עַכָּבִישׁ בַּ'ל תִּ'הְיֶה - דיין הויז רייניג אויס.
- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תִּ'רְחַץ - וואשן דִי הענט און דִי פיס לְכָבוֹד שַׁבָּת.
- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תְּ'גַלַּח - מען זאל זיך אפשערן דִי האָר לְכָבוֹד שַׁבָּת.
- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תִּ'טְבֹּל - מען זאל זיך טוֹבֵל'ן אין א כָּשֵׁר'ע מִקְוֶה.
- **בְּעֶרֶב** שַׁ'בָּת תְּ'עָרֵב - מען זאל מאכן אַן עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת.
- **תַּ'עֲרֹךְ** שֻׁ'לְחַן בְּ'שַׁבָּת - מען זאל אנגרייטן דעם שַׁבָּת טיש.
- **בַּ'נֵּרוֹת** שַׁ'בָּת תִּ'זָּהֵר - מען זאל אנצינדן דִי ליכט לְכָבוֹד שַׁבָּת.
- **בְּ'עֶרֶב** שַׁ'בָּת תִּ'טְעוֹם - עֶרֶב שַׁבָּת פארזוכן דִי מַאֲכָלֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.
- **תְּ'קַבֵּל** שַׁ'בָּת בְּ'עֶרֶב - מען זאל מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין פארנאכטס.

## בְּעֶרֶב שַׁבָּת תָּכִין

**דאס גרויסקייט פון אנגרייטן לְכָבוֹד שַׁבָּת**

**שטייט** אין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אז ווען דער שַׁבָּת קומט אָן, קומט מיט דִי שְׁכִינָה און באטראכט אלעס אין דִי שטוב, אויב מען האָט אנגעגרייט לְכָבוֹד שַׁבָּת דעם שַׁבָּת טיש, צוּ דִי בעטן זענען צוגעדעקט לְכָבוֹד שַׁבָּת, צוּ מען האָט אנגעצינדן דִי שַׁבָּת ליכט, און דעמאלס זאגט דִי שְׁכִינָה דאס איז מיין וואוינונג. אויב אבער דִי שְׁכִינָה טרעפט דאס נישט, דעמאלס זאגט דִי שְׁכִינָה אז דאס איז נישט קיין וואוינונג פון א איד.

מנחת שבת סי' ע"ב סק"ט

# מַעֲבִיר סִדְרָה

**אויף** בעטן מיר א תְּפִלָּה בַּיי דִי זְמִירוֹת פון פרייטאג-צו-נאכט ביי דעם זֶמֶר רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים וִיבָרְכוּנִי בְּבוֹאָם לְבֵיתִי בְּיוֹם קָדְשֵׁנוּ. כִּי הִדְלַקְתִּי נֵרוֹתַי, וְהִצַּעְתִּי מִטָּתִי, וְהֶחֱלַפְתִּי שִׂמְלוֹתַי לִכְבוֹד יוֹם הַשַּׁבָּת - אין דעם זְכוּת וואס מיר הָאבן אנגעצינדן די ליכט לְכָבוֹד שַׁבָּת און מיר הָאבן צוגעדעקט די בעטן און מיר הָאבן זיך איבער-געטוישט די שַׁבָּת'דיגע בְּגָדִים אז עס זאל זַיין פאר א כָּבוֹד פאר דעם שַׁבָּת, דעריבער זאל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ באפעלן פאר די מַלְאָכִים וואס באדינען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אז ווען זֵיי קומען אין אונזער הויז אין דעם טאג פון אונזער שבת, זאלן זֵיי אונז געדענקן מיט דערבארעמקייט און זֵיי זאלן אונז בענטשן.

## אליין אנגרייטן לְכָבוֹד שַׁבָּת

**עס** איז א מִצְוָה וואס מער אליין אנצוגרייטן אויף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אֲפִילוּ מען קען קויפן פארטיג אדער לאזן מאכן דורך אַן אנדערן, איז א מִצְוָה אליין זיך צוּ באמיען דערמיט, כְּדֵי מְכַבֵּד צוּ זַיין דעם שַׁבָּת, כאטש מען הָאט מְשָׁרְתִים וואס העלפן צוּ מִיט די ארבעט. אזוי אויך טרעפן מיר אין דִי גְּמָרָא אז תְּנָאִים און אֲמוֹרָאִים הָאבן זיך אליין באשעפטיגט מיט'ן אנגעגרייטן לְכָבוֹד שַׁבָּת [אזוי ווי מיר וועלן ווייטער ברענגען], כאטש זֵיי הָאבן געהאט מְשָׁרְתִים - באדינערס, און זֵיי הָאבן געוואוסט ווי אזוי אפצושאצן די צייט, יעדע מינוט איז ביי זֵיי געווען זייער טייער, דאך הָאבן זֵיי אליין געטאן פאר גרויס חֲשִׁיבוּת, צוּ צוגרייטן פאר דעם גרויסן גאסט, שַׁבָּת מַלְכְּתָא, אז מען הָאט א קעניג אין הויז צוּ גאסט, גרייט מען אליין צוּ אלעס פארן גרויסן גאסט.

**פון** דעם דארפן מִיר זיך אַלֶע אפ-לערנען מְכַבֵּד צוּ זַיין דעם הייליגן שַׁבָּת. באזונדער אין קורצע פרייטאג'ס ווען מען זעהט אז די צייט איז נאָנט צוּם זְמַן פון שַׁבָּת, זאל מען זיך שטארק אנשטרענגען אַלֶעס גרייט צוּ מאכן צוּם זְמַן, כְּדֵי עס זאל חַס וְשָׁלוֹם נישט זַיין קֵיין בִּזָּיוֹן פאר דעם שַׁבָּת.

**דער** חַיֵּי אָדָם ברענגט אז עֶר הָאט געזען גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל און אַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה וואס הָאבן אין דִי קורצע פרייטאג'ס אַלֵיין אויסגערוימט זייערע שטובער, און מִיט אַלֶע זייערע כֹּחוֹת הָאבן זֵיי אנגעגרייט אויף שַׁבָּת, כְּדֵי קיינער פון זייערע שְׁטוּבּ מענטשן זאלן חָלִילָה נישט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין אין דִי ערשטע מינוטען ווען דער שַׁבָּת קומט אָן.

**חיי אדם הל' שבת כלל א' ג'**

**קיינער** זאל נישט זאגן בִּשְׁעַת עֶר גרייט צוּ אויף שַׁבָּת אז דִי ארבעט פאסט נישט פאר זַיין כָּבוֹד צוּ טוהן, ווייל דער כָּבוֹד פון דער מענטש איז געוואנדן לויט וויפִיל עֶר שטרענגט זיך אָן צוּ-צוגרייטן אויף שַׁבָּת. **חיי אדם שם**

**דער** מִדְרָשׁ [תַּנְחוּמָא, תִּשָּׂא] זאגט אז דעם הייליגן שַׁבָּת הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אונז געגעבן פאר א מַתָּנָה אזוי ווי א כַּלָּה איז א מַתָּנָה פאר אִיר חָתָן, דעריבער פונקט ווי עס איז מִצְוָה אז דער חָתָן זאל ענדערש אַלֵיין מְקַדֵּשׁ זַיין דִי כַּלָּה נישט דורך א שָׁלִיחַ, אזוי אויך דארף יעדער שׁוֹמֵר שַׁבָּת אַלֵיין מְקַדֵּשׁ זַיין די שַׁבָּת כַּלָּה און וואס מֶער זַיין געווארנט אַלֵיין אנצוגרייטן דעם שַׁבָּת ווי עס פאסט זיך לְכָבוֹד די שַׁבָּת מַלְכְּתָא. אמרי שפר, יתרו

## סְגוּלָה פאר קינדער וועלכע העלפן לְכָבוֹד שַׁבָּת

**שטייט** אין תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, אז דערפאר שטייט נאָנט דִי מִצְוָה פון כִּיבּוּד אָב וְאֵם צוּ די מִצְוָה פון שַׁבָּת, סיי בַּיי דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת און אויך אין פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, ווייל דאס קומט אונז צוּ לערנען אז אין דעם זְכוּת וואס מען איז מְכַבֵּד דִי עלטערן מִיט אַן אֱמֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם, איז מען פארזיכערט אז מען וועט נישט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, און אויך אז מען וועט נישט זינדיגן מִיט קֵיין שׁוּם עֲבֵירָה, ווייל אז מען איז מְכַבֵּד די עלטערן, מען פאלגט זֵיי וואס זֵיי הייסן טוהן, דערהערט מען אויך אַלֶע זייערע מוּסַר רייד אויף יעדן טריט און מען איז דאס מְקַבֵּל, דעריבער איז מען פארזיכערט אז מען וועט נישט זינדיגן.

**תנא דבי אליהו רבא כ"ו**

# אחרי קדושים

**וחי בהם - עבודת ד' מיט חיות און פרישקייט**

**'אשר יעשה אותם האדם וחי בהם'** (אחרי יח, ה).

**דער** של"ה הקדוש זאָגט (שער האותיות, ז' - זריזות) אַז דער פסוק לערנט אונז דאָ, אַז דער מענטש דאַרף מקיים זיין די תורה און מצוות מיט אַ חיות[א] און זריזות[ב], און נישט מיט פוילקייט און עצבות וועלכע מאַכט שווער אַלע איברים פון מענטש[ג].

די גמרא אין מסכת' ברכות (נא.) זאָגט עטליכע הלכות וואָס מ'דאַרף מקיים זיין ביים 'כוס של ברכה'. איינע פון די זאַכן איז 'חי'. זאָגט רש"י (ד"ה 'חי'),

---

**א.** די גמרא זאָגט (תענית כ:) אַז די תלמידים פון רבי אדא בר אהבה האָבן איהם געפרעגט, אין וועלכן זכות ער האָט זוכה געווען צו אריכות ימים. האָט ער זיי געענטפערט עטליכע סיבות, און איינע פון די סיבות איז, 'מעולם לא ישנתי בבית המדרש' - איך בין קיינמאָל נישט געשלאָפן אין בית המדרש. זאָגן די ספרים, אַז רבי אדא בר אהבה האָט געמיינט צו זאָגן אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען אין בית המדרש 'שלאָפענדיגערהייט'. ער האָט שטענדיג מקיים געווען ביי זיך 'וחי בהם' - מיט א התחדשות און חיות.

**ב.** הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'אביר הרועים', אות קיג), אַז אַלע דחקות און צרות ל"ע וואָס אידן ליידן אויף דער גאַנצער וועלט פאַר רח"ל, איז אַלעס דערפאַר ווייל מ'לערנט די גמרא 'שלאָפענדיג'. ער גיט צו, אַז אויב די וועלט וואָלט מיך געפאָלגט, און מ'וואָלט געלערנט גמרא מיט חיות, איז ער גרייט צו האַפטן אַז עס וועט קיינמאָל נישט פעלן פאַר אַ איד פרנסה.

**ג.** דער עיקר פון די גאַנצע תורה און מצוות איז, מקיים צו זיין 'וחי בהם', מיט חיות און התלהבות.

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז אַמאָל געגאַנגען שפּאַצירן נעבן אַ טייך. ס'איז געווען אינמיטן ווינטער, ווען די קעלט שטאַרקט זיך זייער, בפרט אין די קליינע שטעטלעך. דאָס וואַסער פונעם טייך איז געווען פאַרפרוירן, אַזש אַז מ'האָט ממש געקענט אַריבערגיין דעם טייך, אַזוי ווי מ'גייט אויף די יבשה. און אָט זעהען די תלמידים ווי דער בעל שם טוב איז זיך מתבונן אין עפּעס וואָס קומט דאָרט פאָר. דאַן האָט דער בעל שם טוב זיך אָנגערופן צו די תלמידים:

- זעהט איר דעם כח פון קאַלטקייט?! איך האָב געזעהן ווי אַ גוי קריצט אויס אויף דעם פאַרפרוירענעם טייך, אַ צורה פון אַ 'שתי וערב' (וואָס איז ממש ווי עבודה זרה - שולחן ערוך יורה דעה, סימן קמא). באמת איז דאָך נישט דאָ אַזאַ ריינע זאַך ווי וואַסער פון טייך - פרישע לעבעדיג וואַסער, וואָס איז מטהר יעדן צרוע און יעדן זב, דאָס וואַסער אַליין איז נישט מקבל טומאה (פסחים טז.), אָבער אין דער מינוט ווען דאָס וואַסער איז געוואָרן 'פאַרפרוירן', קען מען שוין אויסקריצן אויפ'ן וואַסער די צורה פון אַזאַ האַרבע טומאה ווי אַ 'שתי וערב'.

פון די ווערטער פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע לערנען מיר, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך היטן פון יעדן סאָרט 'קאַלטקייט', און אַז מיר דאַרפן אונטערצינדן אונזערע הערצער און נשמה מיט אַ הייליגן פייער פאַר דעם אויבערשטען און זיין תורה, און אַזוי וועלן מיר זוכה זיין צו ריינִיגן אונזערע הערצער פאַר דעם אויבערשטען.

הרה"צ ר' מרדכי לידער זצ"ל (ווערמען מ'האָט גערופן בלשון חיבה, 'רבי מאָטקע'), וועלכער איז געווען איינע פון די 'לייבן', די 'אריות שבחבורה' צווישן סלאָנימער חסידים אין טבריא, פלעגט פאָרן אַ 'נסיעה' קיין חוץ לארץ, צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע.

אַמאָל האָט דער רב פון ירושלים, הגאון רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל, געפרעגט רבי מאָטקע'ן, פאַרוואָס אַזאַ איד ווי ער דאַרף פאָרן צו אַ רבי'ן. וואָס פעלט איהם דען אין זיין עבודת הקודש אינדערהיים, וואָס צוליב דעם זאָל ער דאַרפן פאָרן צום רבי'ן אַזאַ לאַנגען אויסמאַטערנדיגן וועג? האָט רבי מאָטקע געענטפערט דעם רב: די משנה זאָגט (סוף מסכת סוטה) 'משמת רבי מאיר בטלו מושלי משלים. משמת בן עזאי בטלו השקדנים, משמת בן זומא בטלו הדרשנים וכו', משמת רבן גמליאל הזקן בטל כבוד התורה ומתה טהרה ופרישות'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט די משנה לגבי טהרה און פרישות, אַ לשון 'מתה' - געשטאָרבן, און נישט 'בטלה' טהרה ופרישות, אַזוי ווי פריער אין דער גאַנצער משנה, ביי 'מושלי משלים', און ביי 'שקדנים' א.א.וו.

'פרישק"א בלע"ז'. דאָס איז אַ רמז, אַז דער וויין איז 'פריש'. זיין טעם האָט נישט אויסגעוועפּט.

**זאָגט** דער של"ה הקדוש, אַז רש"י ז"ל האָט דאָ געוואָלט מרמז זיין אַז יעדער איד דאַרף מקיים זיין די הייליגע תורה אויף אַן אופן פון 'וחי בהם' צו לעבן מיט אַ התחדשות[ד] אין תורה און אין עבודת השם[ה].

**הרה"ק** רבי צדוק הכהן זי"ע פון לובלין ברענגט אין ספר 'פרי צדיק' (מאמרי חודש סיון, אות ד') אין נאָמען פון היילגן בעל שם טוב זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אַז ער איז מקנא די שטאַרקע התעוררות וואָס אַ יונגער מענטש שפּירט. דאָס הייסט, דער גרויסער און הייליגער בעל שם טוב האָט משתוקק געווען צו דעם כח און 'פרישקייט' וואָס אַ יונגער מענטש האָט, אַז ער קען זיך שטענדיג באַנייען אין עבודת השם.

**אזוי** האָט דער בעל שם טוב אויך געטייטשט דעם פסוק (תהלים עא, ט) 'אל תשליכני לעת זקנה' - די מצוה זאָל נישט 'פאַרעלטערט' ווערן אין מיינע אויגן ('כתר שם טוב', סו). דאָס הייסט, דער מענטש זאָל נישט 'פאַראַלטעוועט' ווערן און מקיים זיין אַ מצוה 'פאַרעלטערטערהייט', נאָר ער זאָל אַלעס טוהן מיט אַלע כוחות, און מיט אַ שטענדיגער פרישקייט.

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז אויך דער אויבערשטער כביכול בעט פון אונז, 'אל תשליכני לעת זקנה'. איר זאָלט נישט מקיים זיין מיינע מצוות חלילה אין אַן אופן פון 'זקנה' -פאַרעלטערונג, 'כמצוות אנשים מלומדה', נאָר מיט אַ פרייליך האַרץ. און אויף דעם זאָגט די משנה (אבות פ"ד, מ"ב) 'בן עזאי אומר, הוי רץ למצוה קלה כבחמורה, ובורח מן העבירה'. דער מענטש וואָס איז מקיים די מצוות אויף אַן אופן פון 'מלומדה', וועט נישט לויפן מקיים צו זיין אַ מצוה. וועגן דעם זאָגט מען פאַר דעם מענטש אַז ער זאָל כסדר לויפן צו אַ דבר מצוה, און פון דער צווייטער זייט זאָל ער אַנטלויפן פון אַן עבירה.

---

איז דער תירוץ, אַז באמת זענען טהרה און פרישות אינגאַנצן נישט 'בטל געוואָרן'. ס'זענען ווייטער דאָ אַ סאַך מענטשן וואָס פירן זיך מיט פרישות און טהרה, אָבער זיי טוהען עס אַזוי ווי 'געצוואונגענערהייט', אָן שמחה און פאַרגעניגן אַז זיי האָבן די גרויסע זכיה צו דינען דעם אויבערשטען, און דעריבער פאָרט ער צו זיין רבי'ן, דעם בעל 'יסוד העבודה', כדי צו קויפן ביי איהם אַ 'סם חיים', און באַקומען אַ פרישקייט און חיות אין זיין עבודה, האָט רבי מאָטקע לידער געזאָגט.

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן איד אַ תלמיד חכם, אויף די ווערטער פון די משנה (אבות פ"ד, משנה ל) 'על כרחך אתה חי וכו' ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא'. דער תנא מיינט צו זאָגן, אויף דעם וואָס דו לעבסט 'בעל כרחך' - ווי איינער וואָס לעבט 'געצוואונגענערהייט', אָן שמחה און חיות אויך פאַר דעם וועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון...

**ד.** דער ירושלמי (סוכה פ"ג ה"א) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס אַן אויסגעטריקנטער לולב איז פסול צו שאָקלען דערמיט אין יום טוב סוכות, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים קטו, יז) 'לא המתים יהללו י-ה'. איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ווען ער איז פול מיט חיות, נאָר דער לולב וואָס ער שאָקלט דערמיט, איז טרוקן, איז ער נישט יוצא זיין חיוב אין די מצוה ווייל דער פסוק זאָגט 'לא המתים יהללו י-ה', איז דאָך אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אַז אויב דער לולב איז גרין, ער איז פול מיט חיות, נאָר דער מענטש וואָס נעמט דעם לולב צו שאָקלען דערמיט איז 'טרוקן' - אָן קיין חיות, איז דאָך זיכער דאָ ביי דעם דער חסרון פון 'לא המתים יהללו'...

**ה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, פלעגט דאַווענען מיט אַ שטאַרקן רגש און התלהבות. נאָך זיין הסתלקות, האָט מען געפונען אין זיין צימער 200 סידורים פון פאַרשידענע סאָרטן, ווייל ביי יעדער מעגליכער געלעגנהייט, פלעגט ער כסדר קויפן נייע סידורים, כדי אַריינצוברענגען אַ פרישקייט און אַ פרישע התפּעלות ביים דאַווענען.

און כאָטש מיר פאַרשטייען נישט די וועגן פון די צדיקים, פונדעסטוועגן, קענען מיר זיך אַראָפּלערנען דערפון פאַר זיך, אין אונזער מדריגה, אַריינצוברענגען חיות און התחדשות אין אונזער עבודה ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדע זאַך וואָס ברענגט אַ חיות און התלהבות.

**דער** 'צד השוה' צווישן ביידע איז, מען זאָל אייביג טוהן די עבודה מיט אַ פרישקייט און מיט זריזות. מ'זאָל נישט זוכן זיך 'אָפּצורוהען'[ו]. און באמת, דאַרף יעדער איינער אַראָפּלערנען אַ 'קל וחומר' פון זיך אַליין, פון דעם וועג ווי אַזוי ער פירט זיך ווען עס האַנדלט זיך אין גשמיות'דיגע ענינים. מה דאָך פאַר זיין אַרבעט און פאַר זיינע אייגענעם געשעפט, צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר, לויפט דער מענטש פרייליכערהייט, מיט זריזות און התלהבות, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז צו עבודת השם דאַרף מען צוגיין מיט חשק און מיט אַ פרייליך האַרץ.

**באמת,** מצד די נאַטור פון דער וועלט, קומט דאָס חיות פון אַ מענטש פון 'נייעס'. ממילא, אויב דער מענטש טרעפט זיינע 'נייעס' אין לערנען און אין עבודת השם, איז דאָך גוט און וואויל, אָבער אויב נישט, וועט ער זוכן 'חידושים' אין אומפּאַסיגע ערטער.

**אַזוי** טייטשט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פ' ראה) די פסוקים (דברים יא, כז-כח) 'את הברכה אשר תשמעו אל מצוות ה' אלוקיכם אשר אנכי מצוה אתכם היום, והקללה אם לא תשמעו וגו' ללכת אחרי אלהים אחרים אשר לא ידעתם'. חז"ל דרש'ענען (רש"י דברים כו, טז) דאָס וואָרט 'היום' - אַז יעדן טאָג זאָל די תורה זיין ביי דיר אַזוי ווי ניי.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב דער פסוק רעדט פון 'התחדשות', פאַרוואָס זאָגט ער 'והקללה אם לא תשמעו'. צי דען פאַר'ן אויסמיידן 'התחדשות', קומט אַ קללה ח"ו אויפן מענטש? אויך איז שווער, ווי אַזוי קען מען זאָגן אַז די תורה רעדט דאָ פון התחדשות. דער פסוק זאָגט דאָך 'והקללה אם לא תשמעו... וסרתם מן הדרך אשר אנכי מצוה אתכם היום'.

**אויך** איז שווער, לכאורה וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'ללכת אחרי אלהים אחרים'. פאַרוואָס האָט די תורה צוגעלייגט די ווערטער 'אשר לא ידעתם'?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', וויבאַלד מ'האָט נישט געפונען צופרידנהייט אין 'נייעס' אין תורה, איז דער מענטש געגאַנגען זוכן צופרידנהייט אין אַן אָרט פון 'עבודה זרה' - אַן עבודה וואָס ער האָט עס ביז יעצט נישט געקענט, און עס איז פאַר איהם 'נייעס' און פרעמד. קומט אויס, אַז די עצם זאַך וואָס דער מענטש האָט נישט געהיטן די תורה און מצוות מיט אַ התחדשות, דאָס אַליין האָט גורם געווען אַז ער זאָל גיין דינען עבודה זרה, און צוליב דעם קומט איהם אַזאַ האַרבן עונש רח"ל.

**ועשהו חטאת - נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט**

**אין** דער היינטיגער סדרה (אחרי טז, ט-י) לייענען מיר: 'והקריב אהרן את השעיר אשר עלה עליו הגורל לה' ועשהו חטאת'. זאָגט רש"י, 'כשמניח הגורל עליו קורא לו שם, ואומר לה' חטאת'. ווען דער כהן גדול לייגט אַרויף דעם צעטל פון גורל אויף דעם שעיר לה', רופט ער איהם ביים נאָמען, און ער זאָגט "לה' חטאת'.

**ו.** דער וועג פון 'אַנטלויפן' פון אַן עבירה דאַרף זיין, ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (ברכות ו:) 'לעולם ירוץ אדם לדבר הלכה ואפילו בשבת' - דער מענטש זאָל אייביג לויפן צו אַ מצוה, אַפילו אין שבת, ווי דער פסוק זאָגט (הושע יא, י) 'אחרי ה' ילכו כאריה ישאג'.

דאַרף מען פאַרשטיין, דער פסוק זאָגט דאָך נאָר אַז מ'דאַרף 'גיין' נאָך דעם אויבערשטען ('אחרי ה' ילכו'). ווי אַזוי לערנט מען פון דאָ אַז מ'דאַרף 'לויפן' צו אַ דבר מצוה? האָט דער 'חידושי הרי"ם' געענטפערט, אויב אַן עלטערער מענטש גייט אויף דער גאַס ווען עס נידערט אַראָפּ אַפילו אַ גרויסער שניי, וואָס ער קען קוים גיין אָנלענענדיג זיך אויף זיין שטעקן, אָבער אויב דער אַלטער מאַן וועט פלוצלינג דערזעהן ווי עס דערנענטערט זיך צו איהם אַ ווילדער לייב, וועלן זיך ערוועקן אין איהם גאָר שטאַרקע כוחות. ער וועט דאַן פאַרגעסן פון זיין שוואַכן געזונט צושטאַנד. ער וועט אַראָפּוואַרפן דעם שטעקן און וועט לויפן ווי אַ יונגל וואָס האָט שטאַרקע כוחות, ווייל באמת זענען באַהאַלטן אין יעדן מענטש גאָר פאַרהוילענע שטאַרקע כוחות, וואָס ווערן אַנטפלעקט נאָר דאַן ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ קלעם. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'אחרי ה' ילכו' - זיי זאָלן גיין אַזוי ווי אַ מענטש וואָס גייט נעבן אַ שרעקעדיגן לייב, וואָס דאַן ווערן אין איהם ערוועקט גאָר שטאַרקע כוחות, ספּעציעל ווען עס קומט אונטער פאַר דעם מענטש אַ נסיון אין ענינים פון יראת שמים, דאַרף ער ערוועקן אין זיך די דאָזיגע כוחות צו אַנטלויפן מיט אַלע מעגליכקייטן, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון דעם לייב, צום הייליגן באַשעפער.

**ביי** דעם שעיר לעזאזל זאָגט אָבער דער פסוק (פסוק י') 'והשעיר אשר עלה עליו הגורל לעזאזל'. דאָרט זאָגט נישט דער פסוק 'ועשהו' - און ער זאָל עס מאַכן. מ'דאַרף טאַקע נישט אַרויפלייגן אויף דעם שעיר לעזאזל דעם גורל, און מ'דאַרף נישט זאָגן אַז דער שעיר זאָל זיין צום 'עזאזל' (תורת כהנים פ"ב, ה).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז דער שעיר לעזאזל אַנדערש ווי דער שעיר לה', אַז דעם שעיר לעזאזל רופט מען נישט מיט אַ נאָמען, מ'זאָגט נישט אַז ער זאָל גיין צום 'עזאזל'?

**ענטפערט** הרה"ק מסאטמאר זי"ע, אַז פון דאָ זעהען מיר, אַז אויב אַ מענטש וויל ברענגען אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען כדי צו ווערן באַווילינגט פאַר דעם אויבערשטען - דאַרף ער טוהן אַ מעשה. ער דאַרף זיך אויפהייבן פון אָרט, און זיך אָפּשאָקלען פון זיין נידעריגע מדריגה, און אַזוי קען ער דערנענטערט ווערן צו די קדושה'. אָבער ביי די סטרא אחרא, איז געגונג 'שב ואל תעשה', אָנצוקומען צום 'עזאזל' ח"ו.

**דאָס** איז אַ גרויסער לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז מ'דאַרף זיך אַסאַך באַמיהען און האָרעווען

---

**ז.** עס ווערט גע'פסק'ענט ('מגן אברהם', או"ח סי' קל"א, סק"ד, בשם השל"ה הקדוש) אַז די ווערטער 'ואנחנו לא נדע' זאָגט מען זיצנדיג, און די ווערטער 'מה נעשה', זאָגט מען שטייענדיג. די בעלי הרמז זאָגן, אַז דאָס איז אַ רמז, אַז ווען דער מענטש איז פויל און ער זיצט אויף אַן אָרט, זאָל ער נישט פרעגן 'מה נעשה' - וואָס זאָל איך טוהן... ער זאָל זיך אויפשטעלן פון אָרט, ווי אַ מענטש וואָס איז גרייט זיך צו געבן א ריר, און 'שטייענדיגערהייט', מעג ער פרעגן, 'מה נעשה' - וואָס זאָלן מיר טוהן...

די ספרים ברענגען אַ וואונדערליכן משל, אַ מענטש איז געזעסן ביי אַ מסיבה, וואו ער האָט זיך גוט 'אָנגעטרינקען', און דערנאָך איז ער אַהיימגעפאָרן מיט זיין אויטאָ. פאָרנדיג אויפ'ן וועג, איז ער אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ טראַפיק-פאָליציאַנט, וועלכער האָט איהם אונטערזוכט מיט אַ ספּעציעלע מאַשינקע, צו זעהן אויב ער איז 'אָנגעטרינקען' און עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט אַז יאָ, ער איז 'שיכור ווי לוט'... וויבאַלד אין אַזאַ מצב, 'שיכור'ערהייט, טאָר ער דאָך נישט פירן אַן אויטאָ, האָט דער פאָליסמאַן איהם געגעבן אַ 'טיקעט', מיט אַ געלט-שטראָף, אַזוי ווי דאָס געזעץ פאַרלאַנגט.

עטליכע מינוט שפּעטער, האָט דער זעלבער פאָליציאַנט איהם ווידער אָפּגעשטעלט, און ער האָט איהם ווידעראַמאָל געגעבן אַ 'טיקעט'. נאָך אַ פּאָר סעקונדעס שפּעטער, האָט זיך די זעלבע סצענע איבערגע'חזר'ט נאָך אַמאָל... איז דער 'דרייווער' שוין געוואָרן אויפגערעגט, און ער האָט זיך צעשריגן אויפ'ן פאָליציאַנט: 'דו האָסט שוין נישט בעסערס צו טוהן, נאָר מיך צו רודפ'ן ביז איך וועל אָנקומען אַהיים, וואָס דו שטעלסט מיך כסדר אָפּ, און דו געבסט מיר אַזעלכע געלט-שטראָפן?... וואָס האָב איך דיר געטוהן, אַז דו טשעפּעסט זיך דווקא צו מיר?! ס'איז דאָך אַסאַך בעסער פאַר דיר נאָכצולויפן און רודפ'ן 'געוועגליכע' פאַרברעכער, ווי צו דערגיין מיינע יאָרן?...'.

האָט דער פאָליציאַנט איהם געענטפערט: אויב דו וועסט זיך אָפּטראָגן פון דעם 'אינטער-סעקשאָן', וועל איך דיך נישט רודפ'ן... פאַרוואָס פאָרסטו דא אַרום איין מאָל און נאָך אַמאָל... יעדעס מאָל וואָס דו פאָרסט מיר פאַרביי נאָך אַמאָל, גיב איך דיר נאָך אַ 'טיקעט'... צוליב זיין שיכרות, האָט דער דרייווער נישט געשפּירט אַז ער דרייט זיך אויפ'ן זעלבט אָרט, איין מאָל און נאָך אַמאָל... אנשטאט צו פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג.

די 'מעשה' לערנט אונז אַ גרויסן מוסר השכל. אָפט מאָל קען זיך דאַכטן פאַר דעם מענטש, אַז דער יצר הרע אַליין יאָגט איהם נאָך, כדי איהם צו מכשיל מיט עבירות. ער שרייט מיט זיין ביטער האַרץ, פאַרוואָס פּרובט מען מיך פון הימל מיט אַזוי פיל נסיונות... דער אמת איז אָבער, אַז אַלעס וואָס דער מענטש דאַרף טוהן, איז זיך 'אַוועקרוקן' פון יענעם אָרט... אַזוי וועט ער מען נישט געפּרובט ווערן, און ער וועט נישט פאַרשעמט ווערן...

אויך לערנען מיר פון דאָ, אָפט מאָל טוט אַ מענטש באַשולדיגן די גאַנצע וועלט. ער שפּירט נישט אַז ער איז גאָר דער וואָס איז 'שולדיג'... אויב ער וועט זיך גוט נאָכקוקן, וועט ער זעהן אַז אַלעס ווענדעט זיך נאָר אין איהם... אויב מ'שטאַרקט זיך אָבער, זעהט מען אַז פון דאָ און ווייטער איז עס פיל לייכטער און געשמאַקער.

איינע פון די חסידים פון הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָל באַמערקט ווי דער שטאָטישער קצב געפינט זיך ביים רבי'ן אין צימער, און דער רבי רעדט מיט דעם קצב, וועלענדיג איהם מעורר זיין צו עבודת השם. צווישן אַנדערע, האָט דער חסיד געהערט ווי דער רבי רש"ב זאָגט פאַר דעם קצב, די משנה זאָגט (סוף מסכתא

מיט אַלע כוחות ווען מ'איז מקיים מצוות און מעשים טובים. מ'טאָר זיך נישט אַרויסדרייען דערפון אַפילו בלויז אביסל, ווייל דער ביטול קען גורם זיין פאַר דעם מענטש אַז ער זאָל אינגאַנצן פאַרלוירן ווערן חלילה[ח].

**זאָגט** הרה"ק מסאטמאר זי"ע, אַז אויף דעם זאָגט די משנה (יומא פה:) 'מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. לכאורה איז שווער, די טהרה פון אַ קוואַל איז דאָך גרעסער ווי די

---

פאה) אַז איינער וואָס איז נישט הינקענדיג אָדער בלינד, און ער מאַכט זיך ווי איינער פון זיי, וועט ער נישט אַוועקגיין פון דער וועלט ביז ער וועט נישט ווערן הינקעדיג אָדער בלינד. האָט דער רבי רש"ב געזאָגט צו דעם קצב: די כוונה דערפון איז, איינער וויל גיין אויף אַן אָרט וואו אַ מענטש טאָר נישט גיין, און ער איז נישט 'הינקעדיג', נאָר ער מאַכט זיך הינקעדיג, כאילו ער איז נישט אימשטאַנד אַהין צו גיין, און דאָס זעלבע, איינער וואָס גליסט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, אָבער ער שטאַרקט זיך אויף זיין יצר און ער מאַכט זיך ווי איינער וואָס איז 'בלינד' חלילה, קען ער זיין זיכער אַז דער אויבערשטער וועט איהם היטן אַז ער זאָל קיינמאָל נישט אָנקומען צו אַזעלכע נסיונות. דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט זיין ווי 'הינקעדיג' - ער וועט נישט אָנקומען דאָרט וואו מ'טאָר נישט גיין, און ער וועט זיין ווי אַ 'בלינדער' - נישט צו גליסטן צו זעהן וואָס אַ מענטש טאָר נישט זעהן.

פאַרשטייט זיך אַז די זעלבע איז פאַר איינעם וואָס ער מאַכט זיך ווי ער וואָלט געווען שטום, ער האַלט זיך צוריק פון זאָגן ווערטער וואָס אַ איד טאָר נישט רעדן, וועט ער נישט שטאַרבן ביז דער אויבערשטער וועט איהם פריהער העלפן טאָקע צו זיין ווי אַ שטומער...

**ח.** דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע זאָגט (החדש, ליקוטים) אויף די ווערטער פון חז"ל (מגילה כט.) אַז לעתיד לבוא וועלן אַלע שולן און בתי מדרשים פון חוץ לארץ אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל. זאָגט דער 'קדושת לוי' על דרך מוסר, אין די שולן דאַווענט מען און מ'לייענט קריאת שמע אינדערפרי און ביינאַכט. די דאָזיגע שולן וועלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל, טראָץ דעם וואָס איבער דעם עיקר חיוב פון תפילה איז אַ מחלוקת אין די ראשונים (רמב"ם, פ"א מהלכות תפילה, הלכה א') און אין ספר המצוות להרמב"ם (מצוה ה', און זעה אויך השגות הרמב"ן, און אין ספר החינוך, מצוה תלג], אויב ס'איז אַ חיוב מן התורה צו דאַווענען, אָדער ס'איז מדרבנן. אויך לגבי דעם חיוב צו לייענען קריאת שמע, איז אַ מחלוקת אין דער גמרא (ברכות כא.) אויב עס איז מן התורה, אָדער מדרבנן.

פון דעם קען מען אַרויסלערנען אַ 'קל וחומר', אַז אויך די אידישע הייזער וועלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל, ווייל דאָרט איז מען דאָך זיכער מקיים הונדערטער מצוות עשה דאורייתא, אַזוי ווי מזוזה, ברכת המזון, און צדקה פאַר אָרימעלייט. איז דאָך אַוודאי געוויס אַז יעדעס ערליך אידיש הויז וועט אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל.

דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ חשיבות וועט האָבן אַזאַ הויז, אַז מ'זאָל עס דאַרפן אַריבערפירן קיין ארץ ישראל? גאַנץ רעכט די שולן און בתי מדרשים, וועלן לעתיד לבוא דינען אַלס ערטער פון תורה און תפילה פאַר אידן, אָבער וואָס וועט מען דאָרט טוהן מיט די אידישע הייזער?

ענטפערט הרה"ק מסאטמאר זי"ע (הגדה של פסח מהר"י ט"ב, ע' נז, ד"ה 'והנה אז'), אין דעם הויז וואו אַ איד וואוינט, קעמפט ער מיט זיין יצר הרע, און דאָס וועט זיין אַ 'יקר המציאות' אין די צייטן פון די גאולה, ווייל די גמרא זאָגט (סוכה נב.) אַז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע. ממילא, וויבאַלד עס וועט דעמאָלס נישט זיין אַ מלחמה מיט'ן יצר הרע, וועלן די פּריוואַטע היימען פון אידן זיין גאָר חשוב, ווייל זיי וועלן דערמאַנען די שיינקייט פון דעם 'כרם בית ישראל', ווייל דאָ האָבן אידן געקעמפט מיט זייער יצר הרע, און איהם באַזיגט.

לויט דעם, האָט הרה"ק מסאטמאר זי"ע געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הגדה של פסח: 'השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל'. יעצט געפינען מיר זיך אין גלות, אָבער דאָס קומענדיגע יאָר וועלן מיר זוכה זיין אַז אונזערע הייזער זאָלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל. איי, קען מען פרעגן, וואָס פאַראַ חשיבות וועלן די אידישע הייזער האָבן לעתיד לבוא? אויף דעם זאָגן מיר ווייטער: 'השתא עבדי - יעצט זענען מיר ליידער פאַרקנעכטעט און מיר דאַרפן פירן מלחמות מיט'ן יצר הרע. 'לשנה הבאה בני חורין' - דאָס קומענדיגע יאָר וועלן מיר זיין פריי פון דעם שטן און זיינע חיילות. ממילא, וועלן די אלע בנינים דעמאָלס האָבן אַ ספּעציעלע חשיבות, ווייל אין די אידישע הייזער האָט מען געדינט דעם אויבערשטען מיט האָרעוואַניע, און דאָס וועט זיין חשוב'ער ווי גאָלד און טייערע שטיינער.

טהרה פון אַ מקוה (ספרי פ' שמיני, פ"ט, ג), אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן חז"ל צוגעגליכן די טהרה פון אידישע קינדער צו אַ מקוה, און נישט צו אַ קוואַל?

**איז** דער תירוץ, דער קוואַל איז באַשאַפן געוואָרן אין די זעקס טעג פון בריאת העולם, און איז נישט געמאַכט געוואָרן דורך האַנט אַרבעט פון מענטשן. דער בור פון אַ מקוה ווערט אָבער יאָ געגראָבן מיט מענטשליכע פלאַג און האָרעוואַניע. דאָס זעלבע איז ביי די טהרה פון דעם נפש. דער מענטש דאַרף זיך פלאָגן דערביי, כדי קונה צו זיין ענינים פון קדושה און איינוואָרצלען אין זיך די 'גינונים' פון טהרה. נאָר דעמאָלט קען ער זוכה זיין צו דעם סיום פון דעם מאמר, 'אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. נאָר נאָך דעם ווי דער מענטש עפענט אַ טירל 'כחודו של מחט', און ער פלאָגט זיך דערויף, קען ער זוכה זיין אַז מ'זאָל פאַר איהם עפענען אַ גרויסע טיר 'כפתחו של אולם'[ט].

### למען נסותך - דאָס חשיבות פון אידן איבער די מלאכים צוליב די נסיונות

**אין** דער היינטיגער סדרה (אחרי, טז, יז) לייענען מיר: 'וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו'. זאָגט דער ירושלמי (יומא פ"ה, ה"ב) אַז דאָס וואָרט 'וכל' איז אַ ריבוי אויף די מלאכים. אויך אַ מלאך האָט זיך נישט געטאָרט געפינען אין קדשי קדשים ווען דער כהן גדול איז דאָרט אַריינגעקומען, ביז ער איז אַרויס פון דאָרט אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור.

---

**ט.** דער מענטש דאַרף וויסן, אַז אויך ווען ער איז אין אַ מצב פון אַ 'נפילה' חלילה וחס, האָט דער אויבערשטער איהם ליב, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (טז, טז) 'וכן יעשה לאהל מועד השוכן אתם בתוך טומאותם', זאָגט רש"י, אַז אויך ווען זיי זענען טמא, רוהט אויף זיי די הייליגע שכינה, און הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע זאָגט ('בת עין', מהדורא חדשה, הוספות בסוף הספר), אַז דער מענטש וואָס גלייבט נישט אַז דער אויבערשטער רוהט צווישן אידן אויך ווען זיי זענען טמא, איז ער אויך אינעם גדר פון אַן אפיקורס.

אדרבה, דער אויבערשטער דערנענטערט זיך צו דעם מענטש איהם צו רייניגן פון יעדן שמוץ, ווי דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע זאָגט אויף דעם פסוק (ירמיה לא, יט) הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים, כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, על כן המו מעי לו, רחם ארחמנו נאום ה'. עס איז דער שטייגער פון מענטשן זיך צו דערווייטערן פון אַ מענטש וואָס עס קומט פון איהם אַ נישט גוטער ריח. אַנדערש איז אָבער ווען אַזאַ ריח קומט פון אַ קליין קינד. דאַן איז נישט נאָר וואָס דער ריח דערווייטערט נישט די עלטערן פון זייער קינד, נאָר אדרבה, זיי וועלן איהם אַנטקעגנלויפן מיט גרויס ליבשאַפט, כדי איהם אָפּצורייניגן פון יעדן סאָרט שמוץ, אַז ער זאָל ווערן ריין.

דאָס זעלבע, זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן: מיינע טייערע ליבע קינדער, אפילו אויב איר האָט זיך חלילה פאַרשמירט דורך די עבירות, אָבער וויבאַלד 'הבן יקיר לי אפרים', זענט איר נאָך אַלץ ביי מיר אַזוי ווי אַ 'ילד שעשועים', ווי אַ קליין קינד וואָס זיינע עלטערן שפּילן זיך און דערקוויקן זיך מיט איהם אין יעדער צייט, נישט קיין נפק"מ אין וועלכן מצב דאָס קינד געפינט זיך. און אויף דעם פירט אויס דער פסוק: כי מדי דברו בו, זכור אזכרנו עוד. אין יעדן מצב וואָס אַ איד געפינט זיך, רחם ארחמנו נאום ה'. ('מאור החיים', ע' כה, וואָס זיין תלמיד הג"ר שלמה פראַנקאָ זצ"ל האָט מחבר געווען)

אַזוי האָט אויך געזאָגט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע (געברענגט אין ספר 'מאמר מרדכי', און אין ספר 'יסוד צדיק', פ' תולדות), אויפ'ן פסוק (בראשית כז, טו) 'ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול... ותלבש את יעקב בנה הקטן'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס רופט דער פסוק יעקב אבינו ע"ה מיט'ן טיטל 'קטן', און עשו ווערט גערופן 'גדול', אין דער צייט וואָס עשו איז געווען עלטער פון יעקב מיט בלויז עטליכע מינוטן אָדער סעקונדעס?

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געענטפערט, ווען אַ יונג קינד דאַרף האָבן הילף, קוקט מען נישט נאָך דאָס קינד צו זעהן אויב ער איז יעצט ריין אָדער נישט, נאָר מ'האַלדזט און מ'קושט איהם און מ'וויזט איהם אַרויס אַ שטאַרקע ליבשאַפט, אָבער ווען אַ גרעסער קינד איז פאַרשמירט, טוט זיך יעדער איינער דערווייטערן פון איהם. צוליב דעם ווערט יעקב אבינו ע"ה אָנגערופן 'קטן', ווייל ער און זיינע קינדער רוהען אויפ'ן שויס פונעם הייליגן באַשעפער, וועלכער טוט זיי האַלדזן און קושן, אין וועלכן מצב זיי געפינען זיך - אויך ווען זיי זענען חלילה פאַרשמירט מיט עבירות. אָבער די גוים, די קינדער פון עשו הרשע, ווערן אָנגערופן 'הגדול', ווי אַ גרויס קינד וואָס איז פאַרשמירט, וואָס יעדער איינער זוכט צו אַנטלויפן פון איהם...

**זאָגט** דער 'ישמח משה' (פ' ראה, ד"ה 'והיה המקום') אַז די מלאכים קענען נישט אַריינקומען 'לפני ולפנים', אין דער אויסדערוויילטער צייט פון יאָר, דער הייליגער טאָג יום כיפור, נאָר דער כהן גדול, וואָס ער איז נזדכך געוואָרן ווייל ער האָט אויסגעקליבן דעם גוטן וועג. דאָס הייסט, ער איז בייגעשטאַנען זיינע נסיונות און ער האָט זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר הרע. ער אַליין קען אַריינקומען אין קודש הקדשים. אָבער די מלאכים, וואָס האָבן נישט אַ יצר הרע. ביי זיי איז נישט שייך די שלעכטע מידות פון קנאה און שנאה (שבת פט.), פעלט זיי די גרויסקייט פון ביישטיין און זיך שטאַרקן אויף אַ נסיון. וועגן דעם האָבן זיי נישט געקענט אַריינקומען אין קודש הקדשים.

**פון** דעם זעהען מיר, אַז ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אין צייט פון אַ נסיון און ער באַזיגט דעמאָלס זיין יצר הרע, איז ער זוכה צו שטייגן צו אַ מדריגה וואָס איז פיל העכער ווי די מדריגה פון אַ מלאך[י], און צוליב דעם טעם ווערט דער בית המקדש אָנגערופן אין לשון פון חז"ל (סנהדרין כב:, ועוד), מיט'ן נאָמען 'בית הבחירה' - ווייל דער כהן האָט אויסגעוויילט דעם דרך הטוב והישר, דערפאַר איז ער ראוי און חשוב צו טוהן די עבודה אין בית המקדש.

**דער** 'שפת אמת' זי"ע זאָגט (וארא, שנת תרמ"ה) ווען אידן זענען מקיים מצוות און מעשים טובים, זאָגן זיי עדות אויף דעם אויבערשטען, אַז ער איז דער איין-איינציגער באַשעפער. 'אחד יחיד ומיוחד, ואין בלתו'.

**עס** ווערט גע'פסק'ענט (סנהדרין מא.) לגבי עדות, אַז אַן 'עדות שאי אתה יכול להזימה' [דאָס הייסט, מ'קען נישט אָפּפרעגן און אָפּלייקענען די ווערטער פון די עדים, מיט די טענה פון 'עמנו הייתם'] איז נישט קיין עדות. דאָס זעלבע, ווען די אידן זאָגן עדות אַז דער אויבערשטער איז גרויס און ער איז דער איינציגער באַשעפער אויף דער וועלט, איז אַזאַ עדות גאָרנישט ווערט, אויב אַלעס גייט 'אָן שוועריגקייטן'... אדרבה, אין פאַל פון אַ נסיון, ווען דער מענטש קען קומען 'לידי הזמה' ח"ו, זאָגט דער מענטש אַ כשר'ע 'עדות' בשלימות, ווען ער שטאַרקט זיך און ער טוט דעם רצון הבורא. דאָס פאַרשאַפט דעם גרעסטן פאַרגעניגן פאַר דעם אויבערשטען, ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף זיין נסיון[יא].

---

**י.** די משנה זאָגט (אבות פ"ה, מכ"ב) 'לפום צערא אגרא'. אַ מענטש באַקומט שכר פאַר'ן טוהן אַ מצוה, לויט ווי שווער ס'איז איהם אָנגעקומען עס מקיים צו זיין. זאָגן די ספרים, דער תנא זאָגט אויף אַראַמיש לשון, 'לפום צערא אגרא', און נישט אויף לשה"ק אַזוי ווי אין דער גאַנצער מסכתא אבות, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות ג. ד"ה 'היה') אַז די וועלט זאָגט אַז מ'זאָגט קדיש אויף אַראַמיש לשון, ווייל קדיש איז אַ שיינע תפילה, און אַ גרויסער שבח פאַר דעם אויבערשטען, וועגן דעם זאָגט מען עס אויף לשון תרגום, כדי די מלאכים זאָלן עס נישט פאַרשטיין [ווי די גמרא זאָגט (שבת יב:) שאין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי], און זיי וועלן האָבן קנאה אויף די אידן אַז זיי זאָגן יאָ קדיש. וועגן דעם זאָגט דער תנא אויך אויף דער אַראַמישער שפּראַך די ווערטער 'לפום צערא אגרא', ווייל די מלאכים פאַרשטייען עס נישט, און אַזוי וועלן זיי נישט מקנא זיין די אידן.

הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, אַ טעם פאַרוואָס אברהם אבינו ע"ה האָט געגעבן פאַר די מלאכים דריי צינגען פון אַ בהמה, מיט 'חרדל', ווייל חרדל איז אַ שאַרפע זאַך, און ווען מ'עסט עס 'שטעכט' עס די צונג. האָט אברהם געוואָלט מרמז זיין פאַר די מלאכים, אַז דער מענטש האָט אַ גרעסערע מעלה ווי זיי, ווייל אַ מלאך האָט קיינמאָל נישט געשפּירט דעם שווערן געפיל וואָס דער מענטש שפּירט ווען אַ צווייטער שטעכט איהם מיט זיין מויל, און ער דאַרף זיך איינהאַלטן נישט צו ענטפערן. וויבאַלד די מלאכים האָבן נישט נסיונות אַזוי ווי אַ בשר ודם, זענען זיי אויף אַ קלענערע מדריגה ווי דער מענטש.

**יא.** הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע האָט אַמאָל דערציילט אין אַ מוסר-שמועס פאַר די חסידים, די פאָלגענדע מעשה: אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי פון רוסישן צאַר ניקאָלאַי ימ"ש, איז געווען שטאַרק נאכגעצויגן נאָכ'ן 'ביטערן טראָפּן', און כסדר פלעגט ער זיך אָנ'שיכור'ן מיט וויין. איינמאָל ווען ער האָט געוואָלט קויפן וויין צו טרינקען, און האָט נישט געהאַט קיין געלט דערפאַר, האָט ער אַרויסגענומען זיין שווערד פונעם שיידן. ער האָט אַרויסגענומען דעם שאַרפן טייל, און דאָס הענטל האָט ער געלאָזט פאַר זיך. כדי מ'זאָל נישט דערקענען זיין אַקט,

די ספרים שרייבן, דאָס וואָרט 'נסיון' איז אויך פון לשון אויפהייבן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים ס, ו) 'נתתה ליראיך נס להתנוסס'. דער מענטש איז אימשטאַנד זיך אויפצוהייבן צו די העכסטע מדריגות, אויב ער טוט ביישטיין דעם נסיון, און ער נעמט אָן מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט[יב].

די גמרא זאָגט (ר"ה לא.) אַז די וועלט וועט שטיין זעקס טויזנט יאָר, 'וחד חרוב' - און איין טויזנט יאָר וועט די וועלט זיין וויסט. פרעגט דער הייליגער בעל התניא זי"ע (אין ספר 'תורה אור', צו.) פאַרוואָס זאָגן חז"ל דאָס לשון 'חרוב'? ווי אַזוי קען מען עס אָנרופן 'חורבן'? אדרבה, די וועלט וועט דאָך שוין דעמאָלס האָבן

---

האָט ער אָנגעפילט דאָס הענטל מיט שטרוי, עס זאָל אויסזעהן ווי אַ שווערד... דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר די שווערד, האָט ער גענוצט צו קויפן אַ פּאָר פלעשער וויין צו טרינקען.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער צאַר אַמאָל באַזוכט אין יענעם איינהייט ווי יענער סאָלדאַט האָט געדינט, כדי צו זעהן אויב זיי זענען געטריי פאַר'ן לאַנד, און קיינער פון זיי זוכט נישט זיך אַרויסצודרייען פון זיינע פליכטן. אַלזאָ, די טויזנטער סאָלדאַטן זענען געשטאַנען אין רייען מיט אַ יראת הכבוד, און דער צאַר איז פאַרבייגעגאַנגען די סאָלדאַטן, צו זעהן אויב אַלעס איז 'אין אָרדענונג'. פאַרבייגייענדיג יענעם סאָלדאַט, האָט ער צאַר איהם צוגערופן, און איהם באַפוילן אַרויסצונעמען זיין שווערד. בלית ברירה, האָט דער סאָלדאַטן אַרויסגענומען די 'שווערד' - די שטרוי - פונעם הענט, און אַלע האָבן געזעהן אַז עס פעלט דאָרט די שווערד... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער צאַר איז געוואָרן אויפגעצאַרנט, און האָט באַפוילן צו באַשטראָפן דעם ווידערשפּעניגנדיגן זעלנער מיט די האַרבסטע שטראָפן.

און דער הייליגער רבי אשר סטאָלינער זי"ע האָט אויסגעפירט די מעשה: עס איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער רשע, דער צאַר ניקאָלאַי ימח שמו, האָט נישט געהאַט 'רוח הקודש'... אויב אַזוי, פון וואו האָט ער געוואוסט אַז דייקא ביי יענעם סאָלדאַט איז עפּעס 'נישט אין אָרדענונג', אַנדערש ווי ביי די אַנדערע סאָלדאַטן?! נאָר וואָס דען, די אַנדערע זעלנער זענען געשטאַנען אַביסל איינגעבויגן צוליב די שווערע וואָג פון זייערע שווערדן. אָבער דער סאָלדאַט וואָס האָט נישט געהאַט אַ שווערד, נאָר שטרוי... איז געשטאַנען הויך און מוטיג, מיט אַ 'קומה שלימה'. פון דעם האָט דער צאַר פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג מיט איהם.

דאָס איז פאַר דעם מענטש אַ גרויסער לימוד, אַז עבודת השם איז דאָרט וואו דער מענטש שטייט מיט אַ 'קומה כפופה', ער שטייט איינגעבויגן, מיט הכנעה. דייקא אין די שוועריגקייטן, וואו דער מענטש איז 'איינגעבויגן', קען די שכינה רוהען אויף דעם מענטש.

**יב.** אַ איד האָט זיך אַראָפּגערעדט פון הארצן פאַר אַ גדול, אַז ער פּלאָגט זיך מיט זיין יצר הרע, וועלכער קומט צו גיין יעדן טאָג מיט נייע 'געשעפטן', און ער שפּירט זיך פשוט מאַכטלאָז צוליב די גרויסע נסיונות. האָט דער גדול איהם מסביר געווען, אַז דער תכלית פון דעם נסיון איז נישט חלילה אַז מ'זאָל עס ביישטיין, און נישט מער. דער עיקר תכלית פון דעם נסיון איז אַז מ'זאָל דורך דעם צוקומען צו אַן עליה, צו ווערן דערהויבן ברוחניות.

דער גדול האָט עס געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל: ווען מ'קאָכט אַ טעפּל מיט וואַסער, ברענגט עס פאַרשידענע רעזולטאַטן. עס זענען דאָ פּרוכטן (אַזוי ווי קאַרטאָפל) וואָס ווערן ווייך דורך דעם וואָס מ'קאָכט זיי אָפּ אין וואַסער. פון דער צווייטער זייט, ווערט אַן איי האַרט ווען מ'קאָכט עס מיט וואַסער. דאָס וואַסער אַליין, ווערט נישט געענדערט פון דעם וואָס עס איז געווען פריער, נאָר דאָס עצם אויפקאָכן וואַסער, ברענגט אַריין אַ שינוי לטובה, אַז מ'זאָל קענען דערפון אָנגרייטן אַ געשמאַקן וואַרימען עסן און געטראַנקען.

דאָס זעלבע איז מיט די נסיונות - האָט יענער גדול ווייטער געזאָגט. - זיי זענען אַזוי ווי 'הייס וואַסער' וואָס 'קאָכט'. די תוצאה דערפון ווענדעט זיך נאָר אין דעם מענטש גופא. ביי טייל מענטשן, איז דער צער פון דעם נסיון גורם זיי זאָלן ווערן שוואַכער און 'ווייכער'. דורך דעם נסיון ווערן זיי אַזוי ווי אַ 'קאַרטאָפל', וואָס ווערט ווייכער און מ'וועט עס צערייבן. פון דער צווייטער זייט, זענען דאָ גיבורים וואָס שטאַרקן זיך מיט אַלע כוחות קעגן זייער יצר הרע. זיי זענען אַזוי ווי דאָס איי, וואָס ווערט האַרט ווען מ'קאָכט עס. די גרעסטע מעלה איז אָבער ווען דער מענטש טוט איבערדרייען דעם עצם נסיון פאַר עבודת השם, און ער מאַכט פון דעם נסיון אַ 'נס'. דאָס איז אַזוי ווי איינער נעמט דעם הויפּט טייל פון וואַסער, און מאַכט דערפון אַ משקה וואָס איז ראוי צו טרינקען. 'מעז יצא מתוק' - די עצם שוועריגקייט פון דעם נסיון, גיט אַריין אין דעם מענטש אַ 'טעם לשבח', און ער שטייגט ווייטער צו קענען ממשיך זיין צו גיין אויפ'ן דרך המלך.

דערגרייכט איר תכלית און פולשטענדיגן תיקון.

**ענטפערט** דער בעל התניא, אַז לעתיד לבוא וועט דער יצר הרע מער נישט עקזיסטירן. דער אויבערשטער וועט פאַרטרייבן פון דער וועלט דעם רוח הטומאה, ממילא וועט עס נישט האָבן אַ זינען אַז די וועלט זאָל עקזיסטירן, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך אין די הימלען פילע צענדליגער טויזנטער הייליגע מלאכים וועלכע האָבן נישט קיין יצר. דער גאַנצער רצון פון דעם אויבערשטען באַשטייט פון די מענטשן וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט און האָבן נסיונות בייצושטיין, און זיי שטאַרקן זיך אויף זייער יצר. אויב עס איז וואָלט נישט געווען אַ יצר הרע, וואָלט דער אויבערשטער כביכול נישט געדאַרפט האָבן די וועלט. וועגן דעם זאָגן חז"ל אַז איין טויזנט יאָר וועט עס זיין חרוב, ווייל אַ וועלט אָן דעם יצר הרע, איז אַ 'חרוב'ע וועלט'.

**ענליכע** ווערטער, זאָגט דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע, אַ כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (קידושין ל:) אַז דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, מיינע קינדער, איך האָב באַשאַפן דעם יצר הרע, אָבער איך האָב באַשאַפן אַ 'תבלין' פאַר איהם[יג]. דער גאַנצער מהות פון אַ 'תבלין' ('ספייסעס' בלע"ז) איז אַריינצוגעבן אַ גוטן טעם אין דעם געקעכטס. קומט אויס, אַז די תורה איז דער 'תבלין' וואָס 'מאַכט זיס' דעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע איז אַזוי ווי דער 'געקעכטס'. די גאַנצע מעלה פון דעם מענטש איז נאָר צוליב דעם יצר הרע וואָס פּרובירט איהם איבערצורעדן צו זינדיגן ח"ו, און דער מענטש האַלט זיך שטאַרק און פעסט קעגן דעם יצר, נאָר מ'דאַרף איהם 'זיס מאַכן', און די תורה גיט פאַר דעם מענטש דעם כוח זיך קעגנצושטעלן דעם יצר הרע.

### בצדק תשפוט - אָננעמען אַלעס מיט ליבשאַפט

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (קדושים יט, טו) 'בצדק תשפוט עמיתך', זאָגן די בעלי התוספות ('מושב זקנים' על התורה) אַז דער פסוק איז מרמז, אויב עס קומט אויף דעם מענטש מדת הדין ח"ו איז דאָ אַ מצות עשה מצדיק צו זיין אויף זיך דעם דין[יד]. אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'עמיתך', וואָס עס גייט אַרויף אויף דעם

---

**יג.** דער 'אמרי יוסף' (פ' תצא, ד"ה 'אכן להבין') ברענגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי אשר'ל ראָפּשיצער זי"ע, אַז ער האָט געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן יעדן שבת אינדערפרי ('א-ל אדון'), 'טובים מאורות שברא אלוקינו, יצרם בדעת בבינה ובהשכל. כח וגבורה נתן בהם להיות מושלים בקרב תבל'. די צדיקים ווערן אָנגערופן 'מאורות', ווייל זיי פאַרשיינען און באַלייכטן די וועלט מיט זייער תורה און מעשים טובים. זיי זענען גוט ('טובים מאורות'), ווייל 'יצרם' - זייער יצר הרע, איז אַזאַ יצר הרע 'בדעת בבינה ובהשכל'. דאָס הייסט, דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר די צדיקים אַ 'קלוגן' יצר הרע, און ער פּרובט מיט אַלע כוחות צו מכשיל זיין דעם צדיק אין זיין עבודה. ווי אַזוי קען אַ בשר ודם זיך שטאַרקן קעגן דעם יצר? אויף דעם זאָגן מיר: כח וגבורה נתן 'בהם' - דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין אידישע קינדער אַ כח צו קענען געוועלטיגן ('להיות מושלים') אויף דעם יצר הרע, דער 'מלך זקן וכסיל'. ווי אַזוי קען דער מענטש באַזיגן זיין יצר? 'בקרב תבל' - דורך די תורה, וואָס איז אַ 'תבלין' ('תבל') קעגן דעם יצר הרע.

**יד.** באמת איז דער מענטש נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין די טיפקייט פון דעם אויבערשטען'ס חשבונות, נאָר מיר גלייבן באמונה שלימה, 'א-ל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא'. דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן וויפיל צער און עגמת נפש ער שפּאָרט זיך דורך די שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער.

ס'איז דער שטייגער פון מענטשן צו זאָגן וועגן אַ מענטש וואָס איז 'געפאַלן' און האָט זיך צעקלאַפּט א.ד.ג., אַז ער איז אַרויס 'בשן ועין'... דער מקור פון דעם ווערטל שטאַמט פון דעם דין ביי אַן עבד כנעני, וואָס ער גייט אַרויס פריי 'בשן ועין'. אויב זיין האַר האָט איהם געשלאָגן און דורך דעם אויסגעהאַקט אַ צאָן אָדער אַן אויג, גייט דער קנעכט אַרויס פריי. דאָס איז אַ רמז, אַז דורך דעם וואָס מ'האָט געשלאָגן דעם קנעכט, האָט מען איהם געטוהן אַ גרויסע טובה (ווי די גמרא זאָגט אין מסכת ברכות דף ה.), און אַזוי ביי יעדע 'מכה' וואָס דער מענטש כאַפּט, קומט איהם אַרויס דערפון אַ גרויסע טובה. ער איז 'יוצא' זיין חיוב 'בשן ועין'...

הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע איז אין זיין לעצטן יאָר געפאַרן קיין צאַנז, צום יאָרצייט פון הייליגן 'דברי חיים' זי"ע (כ"ה ניסן), וואו ער האָט דאָרט באַקומען גאָר אַסאַך כבוד. מאַסן מענטשן האָבן זיך געשטופּט צוצוקומען צו איהם און געבעטן אַ ברכה פונעם צדיק. אין דער גרויסער שטופּעריי, האָט עמיצער געטראָטן אויפ'ן פוס פון

אויבערשטען[טו]. דאַן באַרימט זיך דער אויבערשטער איבער די מלאכי השרת[טז] וכו' (עיי"ש), עכ"ל.

די מעלה פון אַ איד וואָס האָט אמונה אין דעם אויבערשטען, און ער נעמט אָן די הנהגה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא[ז] מיט ליבשאַפט[ח], קען מען זעהן פון די ווערטער פון הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע (לפורים, ד"ה 'ומתנות'), אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"א כג:) אויפ'ן פסוק (תהלים קב, א) 'תפילה לעני כי יעטוף'. די תפילה פון אַן אָרימאַן איז נענטער

---

רבי ישעי'לע, און ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. עס האָט גערינען בלוט, און דער פוס איז געוואָרן פאַרגיפטעט ל"ע. צוליב דעם האָט הרה"ק רבי ישעי'לע זיך זייער נישט גוט געשפירט, ליידנדיג גרויסע יסורים ל"ע, און זיינע משמשים האָבן געוואָלט דינגען אַ 'שנעל-צוג', כדי דער רבי זאָל קענען אַהיימקומען קיין קערעסטיר וואָס פריער. רבי ישעי'לע האָט אָבער נישט מסכים געווען, זאָגנדיג, 'אַ שאָד אויף אידיש געלט' (די גרויסע געלטער וואָס האָבן זיך 'געוואַלגערט' ביי רבי ישעי'לען, זענען געווען מוקדש פאַר אַנדערע אידן און פאַר זיינע גרויסע צדקות, און ער האָט נישט געוואָלט אויסגעבן געלט פאַר זיין אייגענעם געברויך), און ער איז אַהיים געפאָרן מיט אַ געוועינליכע באַן.

אויפ'ן וועג, האָט הרה"ק רבי ישעי'לע זיך זייער נישט גוט געשפירט, און ווען מ'איז ענדליך אָנגעקומען קיין קערעסטיר, האָט מען וואָס שנעלער געוואָלט אַריבערברענגען אַ דאָקטאָר צו באַהאַנדלען דעם רבי'ן. רבי ישעי'לע האָט אָבער נישט איינגעשטימט דערצו, זאָגנדיג אַז קיינער קען איהם נישט העלפן, ווייל דער גזר דין איז שוין ליידער פאַרזיגלט רח"ל. עס האָט געשאַדט אַן 'עין הרע', האָט ער געזאָגט.

און הרה"ק רבי ישעי'לע האָט צוגעגעבן, אַז באמת, האָט אויך אַ יאָר פריער איהם געשאַדט אַן עין הרע אין גאַנצן, נאָר צוריקפאָרנדיג פון גאַנז קיין קערעסטיר, ווען מ'איז אַדורכגעפאָרן די גרעניץ צווישן גאַליציע און אונגאַרן, האָבן די גרעניץ-וועכטער אויפגעהאַלטן עטליכע מקורבים און שטוב-מענטשן פון רבי'ן, וויבאַלד דער 'פּאַספּאָרט' און די אַדורכפאָר-ערלויבענישן זענען געווען געפעלשט. 'דאַן האָבן מיר געהאַט עגמת נפש פון דעם וואָס די גרעניץ וועכטער האָבן איינעם אַרעסטירט, און די דאָזיגע עגמת נפש האָט ממתיק געווען די גזירה ממות לחיים', האָט הרה"ק רבי ישעי'לע געזאָגט.

פון די מעשה, דאַרף מען זיך אַרויסלערנען, אַז מ'טאָר נישט ווערן צעקלאַפּט און צובראָכן ווען עס קומט אונטער חלילה אַן עגמת נפש, ווייל דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס פאַר אַ 'המתקות' ער האָט געהאַט דורך דעם צער און עגמת נפש, און וואָס ער האָט זיך אַלץ אָפּגעשפּאָרט דורך די דאָזיגע עגמת נפש, ווייל אַלעס איז פאַר זיין הצלה און פאַר זיין טובה.

**טו.** אין דער היינטיגער סדרה (קדושים יט, ג) לייענען מיר: איש אמו ואביו תיראו. זאָגט אויף דעם די גמרא (קידושין לא:) אַז 'מורא אב' מיינט, 'לא עומד במקומו, ולא יושב במקומו'. דער זון זאָל זיך נישט אַוועקשטעלן אויפ'ן אָרט פון זיין טאַטן, און ער זאָל נישט זיצן אויף דעם אָרט וואו זיין טאַטע זיצט געוועינליך.

על דרך זה, זאָגט דער 'שפת אמת' זי"ע (פ' קדושים תרל"א, ד"ה 'איש אמו') אַ מליצה, עס זענען דאָ מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט מיט'ן געפיל אַז זיי זענען די וואָס 'פירן די וועלט'... זיי זאָגן, עס וואָלט געווען פיל בעסער אויב עס וואָלט פאַסירט אַזוי און אַזוי, און אויב עס וואָלט געווען כך וכך, וואָלט דאָך יענע זאַך געווען אַסאַך בעסער וכו'. אויף דעם זאָגט דער פסוק (דברים ו, יג) 'את ה' אלוקיך תירא', ווי חז"ל זאָגן ביי 'מורא אב', 'לא ישב במקומו', דאָס זעלבע איז ביים 'מורא האָבן' פאַר דעם אויבערשטען, וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט. עס איז אַ חוצפה פאַר דעם מענטש צו וועלן זיך 'זעצן' אויף דעם פלאַץ פון דעם אויבערשטען כביכול, און צו טראַכטן וועגן זיך, אַז 'איך פיר די וועלט'.

**טז.** צדיקים האָבן געטייטשט (ספר 'תפארת רבותינו', אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, אַז ער האָט אַזוי נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק רבי פייוועלע גריצער זי"ע) אויפ'ן פסוק (תהלים פט, ו) 'ויודו שמים פלאך ה' אף אמונתך בקהל קדושים'. אין הימל דאַנקט מען דעם אויבערשטען פאַר זיינע גרויסע 'וואונדער' ('פלאך'). וואָס זענען די 'וואונדער' פון דעם אויבערשטען? פירט אויס דער פסוק, 'אף אמונתך בקהל קדושים'. דער כח וואָס אַ מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', האָט צו גלייבן אין דעם אויבערשטען אין יעדן מצב, סיי ווען עס איז איהם לעכטיג, און סיי ווען ס'איז חלילה פאַרקערט, די הנהגה פון דעם באַשעפער איז חלילה אויף אַן אופן פון 'אף' און 'חרון' רח"ל, אויך דעמאָלס האָבן זיי אַ פעסטע און גאַנצע אמונה, און דאָס איז טאַקע אַ גרויסער 'וואונדער' און חידוש...

**יז.** אַ מורא'דיגע מעשה, דערציילט הרה"ג ר' נפתלי זילבערצווייג שליט"א, וועגן אַ פרוי וואָס האָט איבערגעלעבט די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה אין אוישוויץ, מיט יסורים און ליידן וואָס מ'קען זיך נישט פאַרשטעלן, ווען די פאַרשאָלטענע דייטשע רשעים ימ"ש האָבן דורכגעפירט איבער איר פאַרשידענע 'פּראָבעס'. נאָך די באַפרייאונג האָט זיך חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין דער שטאָט 'באַי' אין פראַנקרייך, אָבער זי האָט ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער.

אַמאָל אין אַ פרייטאָג, האָט זי אָנגעגרייט די מאכלי שבת. זי האָט איבערגעלאָזט אַ טאָפּ מיט אַ געקעכטס אויפ'ן פייער, און איז אינצווישן אַרויס אויף דער גאַס איינקויפן עפּעס לכבוד שב"ק. ווען זי איז נישט געווען אינדערהיים, האָט דער פייער זיך אָנגעכאַפּט אין דעם האָלצערנעם שענקל אין דער קוך, און ביז אַ קורצע צייט האָט דאָס פייער פאַרברענט כמעט דאָס גאַנצע הויז רח"ל. די שכנים האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי די צובראָכענע פרוי וועט זיך יעצט קענען שטאַרקן, ווען זי האָט געליטן אַזאַ שרעקליכן שאָדן. זי האָט דאָך קוים באַוויזן צו קומען צו זיך און צוריק אויפצובויען צוביסלעך איר לעבן, און דאָ, איז אונטערגעקומען אַזאַ בראָך. זענען די שכנים שנעל אַריבערגעגאַנגען אין דער דירה פון הגה"צ רבי מרדכי פאַגראַמאַנסקי זצ"ל, וועלכער האָט אויך געוואוינט דאָרט אין שכינות, און פון איהם געבעטן אַן עצה וואָס צו טוהן, ווי אַזוי מ'זאָל איבערגעבן די נייעס פאַר די צובראָכענע פרוי, וואָס ווייסט נאָך אַפילו נישט וועגן איר בראָך. האָט רבי מרדכי זיך פאַרטראַכט עטליכע מינוט, און דאַן האָט ער געזאָגט, אַז מ'זאָל אָפּוואַרטן די פרוי אויף דער גאַס, איידער זי וועט אַריינקומען אין הויז, און מ'זאָל איר דערציילן אַז איר הויז איז ליידער פאַרברענט געוואָרן רח"ל, אָבער מ'זאָל צוגעבן, אַז אויב זי וועט נעמען אויף זיך די יסורים באהבה און וועט נישט אַרויסלאָזן אַפילו איין קרעכץ פון מויל, פאַרזיכערט ער איר (רבי מרדכי) אַז זי וועט זוכה זיין געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער למעלה מדרך הטבע.

די שכנים האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן אָפּגעוואַרט די פרוי ווען זי איז צוריקגעקומען פון גאַס, און דאַן האָבן זיי איר דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט, און איבערגעגעבן רבי מרדכי'ס ווערטער. האָט די פרוי דאָס אָנגענומען באהבה מיט אומנאַטורליכע כוחות, און האָט אַפילו נישט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

און הרב ר' נפתלי פירט אויס: 'די פרוי, איז מיין מאַמע... אַ יאָר נאָך די שריפה האָט מיין מאַמע געבוירן אַ טאָכטער. דאַן איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ טאָכטער, און איך בין שוין איר דריטער קינד'...

**יח.** חז"ל זאָגן (שמ"ר פכ"א, ז) אַז ווען די אידן זענען געשטאַנען ביים ים סוף און די מצריים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, האָט מדת הדין מקטרג געווען און גע'טענה'ט, 'הללו עובדי עבודה זרה, והללו עובדי עבודה זרה'. איז שווער, פאַרוואָס האָט ער יעצט מקטרג געווען אויף די אידן, און אַ וואָך פריער, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט די מדת הדין מסכים געווען אַז מ'זאָל טוהן מיט זיי ניסים ונפלאות, און זיי אַרויסצונעמען פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

ענטפערט הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע פון סלאָנים, אַז ווען די אידן זענען געווען פאַרקנעכטעט אין מצרים, זענען זיי געווען אין אַ נידעריגן מצב און פאַרזינקען אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל. זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זענען ליידער אין דער בחינה פון 'ואת ערום ועריה' (יחזקאל טז, ז), וואָס חז"ל זאָגן דערויף 'ערומים מן המצוות' - די אידן זענען ליידער געווען 'נאַקעט' פון מצוות, און זיי האָבן נישט פאַרמאָגט אַ זכות פאַרוואָס עס 'קומט' זיי געראַטעוועט צו ווערן. האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט אויף זיי, און ער האָט זיי אויסגעלייזט מיט זיין שטאַרקער האַנט. אָבער ווען זיי זענען שוין געשטאַנען ביים ים, זענען זיי געקומען מיט טענות פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיי אַזאַ זאַך, 'מה זאת עשית לנו' וגו'. ווען אַ מענטש שפּירט אַז עס 'קומט איהם', און ער האָט טענות און תרעומות ווייל עס 'דאַכט זיך' איהם אַז מ'האָט זיך נישט געפירט מיט איהם ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט נתעורר אין הימל די מדה פון דין ח"ו. מ'הייבט אָן נאָכקוקן זיינע מעשים צו זעהן אויב ער איז ראוי צו די ישועה, אָדער נישט. צוליב דעם האָט דער מקטרג באַלד געהאַט אַן אָרט צו טענה'ן 'הללו והללו'.

ענליך זאָגן די ספרים בדרך צחות, אויף די ווערטער פון די גמרא (סנהדרין קי:) אַז די מענטשן פונעם דור המדבר האָבן נישט אַ חלק אין עולם הבא. מיר געפינען ביי דעם דור המדבר, אַז זיי האָבן זיך כסדר אָפּגערעדט און באַקלאָגט אויף זייער מצב אין מדבר. ממילא, אפי' אויב מ'וואָלט זיי אַריינגעלאָזט אין גן עדן, וואָלטן זיי נאָך אַלץ געהאַט טענות אַז דאָס איז נישט אַ 'גן עדן'... ממילא, קען מען זיי נישט געבן זייער חלק אין עולם הבא... (אוודאי האָבן מיר נישט קיין השגה אין דער גרויסקייט פון די מענטשן פונעם דור המדבר, אָבער מ'קען כאָטש לערנען דערפון, אַז אַ איד טאָר זיך נישט אָפּרעדן...).

אָנגענומען צו ווערן דורך דעם אויבערשטען מיט רחמים, מער ווי די תפילות פון אַנדערע מענטשן.

**אַ** טעם דערפאַר, זאָגט דער 'תפארת שלמה', ווייל דער אָרימאַן ליידט יסורים פון אָרימקייט און ער נעמט עס אויף זיך. ער טוט נישט נאָכקלערן די מידות פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און ער ווייסט אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'. דאַן טוט זיין תפילה שפּאַלטן אַלע הימלען.

**באמת** איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרן דייקא וועגן יסורים פון אָרימקייט און דחקות אין פרנסה, נאָר ווי דער 'תפארת שלמה' שרייבט ווייטער קלאָר, אַז אויב דער מענטש נעמט אויף זיך אַלע פּראָבלעמען און שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער, ווערט זיין תפילה אָנגענומען לרצון אין הימל[יט].

### והייתם לי קדושים - איך טוה עס ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן

**'דברו** אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלוקיכם' (קדושים יט, ב).

**זאָגט** דער מדרש (ויק"ר פכ"ד, יט) 'קדושים תהיו, יכול כמוני, תלמוד לומר, כי קדוש אני - קדושתי

---

די אַלע טענות קומען דאָך נאָר דערפאַר ווייל דער מענטש שפירט אַז דער אויבערשטער כביכול איז איהם עפּעס 'שולדיג', און דעריבער באַקלאָגט ער זיך פאַרוואָס עס פעלט איהם עפּעס. ממילא, ווען ער באַקלאָגט זיך, איז עס מעורר אויף איהם די מדה פון דין ח"ו, אַז מ'זאָל אין הימל נאָכקוקן אויב עס קומט איהם טאַקע... אָבער אויב דער מענטש נעמט אויף זיך די הנהגה פון דעם אויבערשטען מיט שמחה און מיט אַן אינערליכע אנערקענונג אַז אַליין האָט ער גאָרנישט, נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען'ס רחמנות, ווערט אויף איהם נשפע רחמים און חסדים אָן אַ שיעור.

**יט.** עטליכע יאָר צוריק, האָט פּאַסירט ביי הרה"ח ר' מנחם לונגער שליט"א פון דער רמת אלחנן געגנט אין בני ברק (דאָרט קענען די שכנים די מעשה פון דער נאָנט), אַז ר' מנחם און זיין בני בית (ע"ה) זענען אַוועקגעפאָרן אויף אַ שבת אין אַ ווייטער שטאָט אין צפון פון ארץ ישראל. אין עצם טאָג פון שבת קודש, האָבן אומגעוואונשענע פאַרשוינען זיך אַריינגעבראָכן אין הויז און צוגע'גנב'עט טשעקס וואָס ר' מנחם האָט באַקומען פון די קונים אין זיין געשעפט. די גנבים האָבן אויך געלייגט אַ האַנט אויף פאַרשידענע זילבערוואַרג, וואָס די לונגערס האָבן באַקומען בירושה פון זייערע עלטערן, און די צירינג פון זייער טאָכטער, אַ כלה פאַר דער חתונה. צו דעם אַלעם, האָבן זיי אויך גע'גנב'עט 100 טויזנט דאָלאַר אין מזומן, וואָס ר' מנחם האָט גענומען אַלס הלוואה אין באַנק לכבוד די חתונות פון זייער זון און טאָכטער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פייערן יענעם יאָר.

איינע פון די קינדער וועלכער איז געבליבן שבת אין בני ברק און האָט שוין געוואוסט וועגן די גניבה איז אַרויפגעגאַנגען מוצאי שבת אין הויז פון די עלטערן (איידער זיי וועלן באַווייזן צוריקצוקומען פון צפון, און זעהן די 'מהפיכת סדום ועמורה' רח"ל), און פאַרשטייענדיג אַז עס הערשט אַ געפאַר חלילה פאַר'ן געזונט צושטאַנד פון די עלטערן אויב זיי וועלן אָנקומען אַהיים און זעהן דעם 'חורבן' וואָס האָט דאָ פּאַסירט, האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע ברידער אין הויז פון די עלטערן, און פון דאָרט האָבן זיי טעלעפאָנירט צו די עלטערן, זיי איינצומעלדן וואָס דאָ האָט פּאַסירט. מיט דעם האָבן זיי געהאָפט אַז זייענדיג נאָך פונדערווייטנס, וועלן די עלטערן נישט אַזוי שפירן דעם שאָדן.

ווען ר' מנחם האָט געהערט די שרעקליכע בשורה, האָט ער אָפּגעשטעלט זיין קאר אויף דער זייט פון וועג, פאַר עטליכע מינוט צייט, כדי צו 'פאַרדייען' די 'נייעס' וואָס ער און זיין פרוי האָבן יעצט געהערט. ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהיים, האָבן די קינדער זיי אויפגענומען מיט דעם ניגון 'אני מאמין'... אָבער ווען זיי האָבן געזעהן וואָס דאָ האָט פּאַסירט, איז זייער האַרץ געוואָרן איבערגעדרייט, און די מאמע האָט אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול: רבונו של עולם, ליבער פּאָטער אין הימל! נאָר דו ווייסט מיינע צובראָכענע געפילן ווען איך זעה דעם 'חורבן הבית'. מיר גלייבן אָבער, אַז נישט דער 'גנב' האָט דאָ עפּעס געטוהן, נאָר דו האָסט אַלעס געטוהן פאַר אונזער טובה, אויך אויב מיר זעהען עס נישט און מיר קענען עס נישט פאַרשטיין. דאָס איז דער אמת. וויל איך דיך יעצט, אַלזאָ, בעטן, אַז אין זכות פון אונזער אמונה זאָלסטו העלפן אונזערע צוויי קינדער מיט זרע של קיימא! איינע פון די קינדער האָט שוין געהאַלטן ביי 9 יאָר פון דער חתונה, און די דאָקטוירים האָבן איהם אינגאַנצן מייאש געווען. דער צווייטער איז געווען אין זעקסטן יאָר, און מיין זון, דער 'גרוש', זאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ זיווג הגון בקרוב ובניקל.

למעלה מקדושתכם'. איך וואָלט געוואָלט מיינען אַז איר קענט זיין אַזוי הייליג ווי איך בין (דער אויבערשטער), זאָגט דער פסוק 'כי קדוש אני', מיין קדושה איז העכער ווי אייער קדושה.

**פרעגן** די ספרים, וואָס איז געווען די הוה אמינא אַז אַ מענטש קען זיין אַזוי הייליג ווי דער באַשעפער ברוך הוא, אַז ער זאָל דאַרפן זאָגן 'כי קדוש אני', און מיין קדושה איז העכער ווי אייער קדושה?

**ענטפערט** דער גאון בעל 'כתב סופר' זצ"ל (ד"ה קדושים ב') לויט ווי חז"ל זאָגן (תו"כ כ, קכח) אַז אַ מענטש זאָל נישט זאָגן, איך קען נישט עסן חזיר פלייש, נאָר ער זאָל זאָגן, איך קען יאָ עסן אַזאַ טריפה'נע פלייש, נאָר מיין טאַטע אין הימל, דער אויבערשטער האָט גוזר געווען אויף מיר אַז איך טאָר עס נישט עסן.

**דאָס** הייסט, די הויפט חשיבות פון קיום המצוות איז ווען דער מענטש גליסט צו אַ זאַך און ער האַלט זיך צוריק דערפון, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער איהם באַפוילן, און נישט ווען ער האָט בכלל נישט קיין תאווה און נסיון אין דעם ענין.

**לויט** דעם, זאָגט דער 'כתב סופר', איז פאַרשטענדליך וואָס דער מדרש זאָגט, 'יכול כמוני', אויב דער מענטש וועט וועלן זאָגן אַז ער וויל זיין הייליג פון זיין נאַטור, אַזוי ווי דער אויבערשטער וואָס האָט נישט קיין נסיון און קיין שום תאווה חלילה, זאָגט אויף דעם דער פסוק 'כי קדוש אני, קדושתי למעלה מקדושתכם', אַז נאָר דער אויבערשטער איז אָפּגעטיילט פון אַלע ענינים פון דער וועלט, אָבער אידישע קינדער קענען זיין הייליג - 'קדושים תהיו' - נאָר אויב זיי וועלן זיך שטאַרקן אויף זייער תאווה, ווייל דאָס איז דער רצון ה', און אַזוי האָט ער באַפוילן.

**ממילא,** זאָל אַ מענטש נישט ווערן געפאַלן ביי זיך ווען ער זעהט די נסיונות וואָס קומען אונטער 'חדשים לבקרים', טאָג טעגליך, און ער זאָל זיך נישט צוריקציהען פון האַלטן מלחמה מיט'ן יצר, נאָר אדרבה, ער זאָל זיך פרייען אַז ער האָט די מעגליכקייט צוקענען באַזיגן דעם יצר, ווייל טאַקע נאָר דורך די דאָזיגע נסיונות קען ער שטייגן אין קדושה, און נאָר אַזוי איז ער גורם אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא[כ].

---

למעשה, צום יאָר זענען אַלע דריי קינדער געהאָלפן געוואָרן בפקידת ישועה ורחמים. ביי ביידע זון זענען געבוירן געוואָרן אַ קינדער, און דער גע'גט'ער זון האָט געטראָפן אַ פיינעם זיווג שני, און איז געגאַנגען אונטער דער חופה בשעה טובה ומוצלחת.

דער אמת איז, אַז יעדער איינער פון אונז האָט דאָך שווערע מינוטן, אָדער פאַלן פון גרויסע היזקים א.ד.ג. דאַרף ער וויסן אַז עס זענען דאָ פאַר איהם צוויי וועגן: ער האָט אַ ברירה צו וויינען און קלאָגן אויף זיין מצב, און אויף זיין ביטערן גורל... אָדער אָנצונעמען דעם אויבערשטען'ס הנהגה מיט ליבשאַפט און מיט אמונה, און אַזוי וועט ער ממשיך זיין אויף זיך אַ הנהגה פון רחמים און חסדים העכער פונעם דרך הטבע, געהאָלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים, אמן.

**כ.** דער מענטש טאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש, צו זאָגן, איך האָב שוין פּרובירט אַזוי פיל מאָל זיך צו הייליגן און איך בין אַדורכגעפאַלן, און ממילא, בין איך נישט שייך צו די גאַנצע פרשה פון 'קדושים תהיו', ווי דער 'בית אברהם' זאָגט (פרשתינו, ד"ה 'קדושים') אַז פרשת קדושים הייבט זיך אָן מיט 'קדושים תהיו', און פון דאָרט זעצט פאָר די תורה צו רעדן וועגן פאַרשידענע פגמים און ענינים פון עריות, אוןביים סוף פון דער פרשה (כ, כו) שטייט ווידעראַמאָל, 'והייתם לי קדושים'. דאָס איז אַ רמז, אַז אין אָנהייב זאָגט מען פאַר דעם מענטש ער זאָל זיך היטן בקדושה, אָבער אויב ער איז אַדורכגעפאַלן און איז געפאַלן פון זיין מדריגה, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר פון דאָ און ווייטער, 'והייתם לי קדושים', זאָל ער זיך ווייטער מקדש זיין, ווייל די נשמה פון יעדן איד איז צוגעבונדן צו זיין טאַטן אין הימל, אויך אויב ער האָט חלילה געטוהן די האַרבסטע עבירות. ער דאַרף געדענקען וואָס חז"ל זאָגן (יומא לט.) 'כל המקדש עצמו מעט מלמטה, מקדשין אותו הרבה מלמעלה' - אויב דער מענטש הייליגט זיך אַביסל אונטן, אויף דער וועלט, הייליגט מען איהם אַסאַך אויבן אין הימל.

מיר האָבן ערשט פאַרגאַנגענעם שביעי של פסח העעל"ט געלייענט אין דער תורה אין פרשת בשלח, וואָס פרעה הרשע האָט געזאָגט ווען ער האָט זיך געגרייט נאָכצויאָגן די אידן ביים ים, 'מה זאת עשינו, כי שלחנו את ישראל

מעבדנו'. לכאורה, האָט פרעה דאָ גערעדט זייער נאַריש, ווייל ער האָט דאָך נישט באמת אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים, נאָר זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון זיין האַנט 'בכח גדול וביד חזקה', נאָך דעם ווי ער האָט געכאַפּט צען מכות וואָס יעדע מכה איז געווען ערגער און שווערער ווי די פריערדיגע מכה, און ער האָט עס שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. אויב אַזוי, פאַרוואָס ברענגט די תורה פרעה'ס נאַרישע ווערטער, אַז 'ער' האָט אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים?

איז דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט לערנען פאַר אידישע קינדער אַ וועג אין לעבן. אָט האָט דער רשע פרעה געכאַפּט אַזעלכע קלעפּ, איין מכה נאָך דער צווייטער מכה, און איז נאָך אַלץ געבליבן ביי זיין עקשנות: 'לא אשלח את בני ישראל'. איך וועל נישט אַרויסשיקן די אידן... מיר ווייסן דאָך אַז 'מאויבי לחכמני', מ'דאַרף זיך אַרויסלערנען פון דעם רשע פרעה, אַז אויך מיר זאָלן זיך האַלטן ביי אונזערס, און דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא אויך טראָץ אַלע צען מכות' ח"ו, און קיין שום שוועריגקייטן זאָלן אונז נישט צוריקהאַלטן פון זיך רירן אַפילו אַ האָרל פון דעם דרך ה'. די 'סוגיא' פון 'התחזקות' איז אָבער פאַרטיג געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און פרעה און הרשע און זיין אַרמיי האָבן פאַרלוירן די מלחמה. פונדעסטוועגן האָט פרעה זיך ווידעראַמאָל געשטאַרקט גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, און ער האָט געזאָגט, 'איך האָב אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים'... דאָס וויל דער אויבערשטער אונז לערנען, אַז אויך נאָך דעם ווי דער מענטש איז געשטרויכלט געוואָרן און איז חלילה אַריינגעפאַלן אינעם נידעריגסטן מצב, דאַרף מען זיך נאָך אַלץ שטאַרקן און זיך שטענדיג זוכן צו דערפרישן און באַנייען, און פאַרגעסן פון אַלעם וואָס מ'איז אַריבער ביז יעצט...

אין די צייטן פון הרה"ק רבי דוד'ל טאַלנער זי"ע, האָט אַ איד זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן רח"ל, און ער איז אַרויף אויפ'ן דאַך פון אַ הויז כדי אַראָפּצושפּרינגען פון דאָרט. האָט דער טאַלנער איהם געזאָגט: ס'איז דען אַ 'חכמה' צו שפּרינגען פון אונטן אַראָפּ, אַפילו אַ קליין נאַריש יונגל קען דאָס אויך באַווייזן... לאָמיר זעהן דיין 'שטאַרקן כוח', אויב דו ביזט אימשטאַנד אַרויפשפּרינגען פון אונטן אַרויף אויפ'ן דאַך...

לענינינו, דער לימוד פון די מעשה פאַר אונז איז: ס'איז נישט קיין 'חכמה' 'אַראָפּצולאָזן די נאָז' און ווערן צובראָכן ביי זיך נאָ ראָ 'נפילה'. דאָס קען יעדער איינער באַווייזן... אַ 'חכמה' איז, אַז אויך אין אַ מצב ווען מ'איז שוין געפאַלן, זאָל מען זיך אויפהייבן בי די העכסטע הימלען...

מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער 'חתם סופר' זי"ע (דרשות, שנת תקס"ב, ד"ה 'קדש'), אויף די 'סימנים' אין דער הגדה של פסח, 'קדש ורחץ' דער מענטש - וואָס הייליגט זיך און וואַשט זיך אָפּ פון די תאוות עולם הזה. 'כרפס יחץ' - נעמט מען אַראָפּ פון איהם, דעם עול מלכות און עול דרך ארץ ('כרפס' איז מרמז אויף עול מלכות). דאָס אַלעס איז נאָר ביי דעם וואָס טוט הייליגן נאָר זיך פאַר דעם אויבערשטען, אָבער 'מגיד רחצה' - אויב ער וויל אַוועקשטעלן אויפ'ן גוטן וועג אויך אַנדערע מענטשן, און ער איז אויך 'מוציא מצה', ער ציהט זיך אַוועק פון יעדע קריגערייי ('מצה' איז פון לשון 'מצה ומריבה'), אַזוי ווי אהרן הכהן ע"ה, וואָס ער איז געווען 'אוהב את הבריות ומקרבן לתורה'. און ער איז אויך אין דער בחינה פון 'מרור כורך', ער ליידט און טראָגט איבער די 'ביטערקייט' פון דער וועלט און ער פאַר'מיאוס'ט זיך נישט טראָץ אַלע שוועריגקייטן, אַזאַ איינער איז זוכה צו 'שולחן עורך' אויף דער וועלט, און 'צפון ברך', אויף יענער וועלט. אויך איז ער זוכה צו 'הלל' - אַז אַלע מענטשן זאָלן איהם לויבן און רימען, 'מוכיח אדם אחרי חן ימצא ממחליק לשון' (משלי כח, כג).

דער סטייפּעלער זצ"ל שרייבט אין אַ בריוו ('קריינא דאגרתא', מכתב טו): דער מענטש דאַרף וויסן, אַז ווען ער שטאַרקט זיך אויף אַ תאווה לשם שמים, ווערט זייער געהייליגט דער שם שמים, און עס איז אַ הייליגע עבודה לשמה ממש, ווייל קיינער ווייסט נישט דערפון, און דורך דעם איז מען זוכה צו אַ וואונדערליכע סייעתא דשמיא אין אַלע ענינים, סיי אין הצלחה אין תורה, סיי צו פאַרעכטן די מידות, און סיי אין ענינים פון עולם הזה, נאָר מ'דאַרף האָבן סבלנות' וכו', און מ'דאַרף וויסן, אַז יעדעס מאָל ווען דער מענטש טוט ביישטיין אַ נסיון, מאַכט ער לייכטער דעם נסיון אויף ווייטער וכו'.

די ספרים זאָגן, אַז דאָס איז מרומז אין פסוק וואָס שטייט ביי יוסף הצדיק (בראשית לט, יב) 'ויעזוב בגדו בידה'. 'בגד' איז מרמז אויף אַ 'בגידה' און אַ דורכפאַל [ווי דער 'בית אברהם' זי"ע טייטשט דעם פסוק דאָרט 'ותתפשהו בבגדו', אַז זי האָט איהם געזאָגט, דו האָסט שוין 'בוגד' געווען - ווידערגעשפּעניגט - קעגן דעם אויבערשטען, און ממילא האָסטו שוין מער נישט קיין תקנה ח"ו]. און ווען יוסף הצדיק איז בייגעשטאַנען דעם נסיון מיט אַ גוואַלדיגער

**אויף** אַן אַנדער אָרט, זאָגט דער 'כתב סופר' אין דער היינטיגער סדרה (ד"ה קדושים ג'), אויף דעם פסוק 'קדושים תהיו', ברענגט דער מדרש דעם פסוק (תהלים כ, ב) 'ישלח עזרך מקודש', און ער גיט צו, 'מקידוש מעשים שיש בידך'.

**זאָגט** דער 'כתב סופר', אַז חז"ל קומען אונז לערנען, אַז אויך אפילו אויב עס זעהט אויס פאַר דעם מענטש אַז אויב ער וועט זיין הייליג וועט פון דעם אַרויסקומען עפּעס אַ שאָדן ח"ו, אָבער דער אמת איז אַז די קדושה אַליין איז מוסיף אינעם מענטש כח און שטאַרקייט, און ער וועט נישט האָבן קיין שום שאָדן, נאָר אדרבה, נאָר 'פדות ורווחה' (עיי"ש).

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו קדושה און טהרה אין די יעצטיגע ימי הספירה, און מיר זאָלן בקרוב הערן דעם 'קול מבשר, הנה זה בא', מיט די גאולת עולם במהרה בימינו, אמן.

---

שטאַרקייט, האָט ער איבערגעלאָזט דעם 'בגד' ביי איר, און דערמיט האָט ער אָפּגעשוואַכט דעם כוח פונעם יצר הרע, דורך דעם וואָס ער האָט איהם באַזיגט...




# א שלימות פון היאל

א פרייליכער שטימונג האט געהערשט אין די שטאט סיריה מיט די בשורה טובה אז היינט וועט אנקומען דער גאון וצדיק ר' ישראל באב"ד איבערצונעמען די רבנות שטעלע אין שטאט.

די שטאט סיריה, א שכינות'דיגע שטאט צו די גרויסער אידישער שטאט לעמבערג, האט געהאט א שיינער אידישער קהילה און יארן לאנג האט זי געגלוסט אז אויך זי זאל זוכה זיין צו האבן אן אייגענער שטאטס רב און ענדליך האט זי זוכה געווען אז דער גרויסער גאון וועט קומען באשיינען די שטאט און דינען ביי איר אלץ מרא דאתרא.

שיינע לייליכער זענען אויסגעהאנגען געווארן איבער די שטאט און שורות שורות זענען די שטאטס אידן געשטאנען ווארטנדיג אויף די רגע ווען דער נייער רב וועט אנקומען אין שטאט.

"ברוך הבא בשם השם" האט מען געזינגען און דער רב האט זיך באוויזן אין שטאט.

עטליכע וואכן איז פארביי, דער רב האט זיך איינגעלעבט אין די שטאט און די שטאטס אידן זענען געווען צופרידן מיט דעם נייעם רב ווען איין צופרי באגעגנט דער רב חיים'ל גייענדיג אויף דער וועג צו זיין ארבעט שלעפנדיג א גרויסער פאס.

חיים'ל האט פארנויגט דער קאפ לכבודו פון דעם רב און דער רב האט אפגעשטעלט חיים'ל וועלנדיג הערן פון אים וואו אהין טראגט ער דעם פאס און וואס איז זיין באשעפטיגונג.

"רבי איך בין א ביער סוחר. איך האנדל מיט ביער און מיר קוועטשן יעצט אויס גרויסע קוואנטומס פון ביער און וועלן דאס פארקויפן אין עטליכע וואכן ארום אויף דער לעמבערגער מארק".

"אין עטליכע וואכן ארום?". איז דער רב געבליבן שטיין ערשטוינט. מען שטייט דאך בלויז געציילטע וואכן בעפאר דער יום טוב פסח קומט אן און ווי אזוי קען א איד האנדלן מיט ביער וואס איז חמץ גמור, דער יריד גייט דאך זיין גלייך נאך פסח.

"רבי וואס איז דער פראבלעם? מיר טוען עס שוין יארן לאנג און ערב פסח פארקויפן מיר די חמץ פאר דעם גוי און אזוי קענען מיר ווייטער אנגיין מיט דער האנדל".

פאר דער נייער רב האט נישט געשמעקט דער גאנצער ווירטשאפט. אויך ער האט געוואוסט אז מען פארקויפט חמץ פאר א גוי אבער דא צו גיין לכתחילה פארקויפן שטיקער חמץ צו מאכן דערפון א האנדל נאך פסח דאס האט אים נישט געשמעקט און ער האט גלייך איינגעמאלדן פאר חיים'ל אז דאס מעג מען נישט טון און אז ער גייט אפשטעלן דעם סארט האנדל.

די צייט איז געלאפן. דער שבת הגדול האט זיך דערנענטערט און פון אלע עקן שטאט איז מען געקומען צו שטראמען מיטצוהאלטן די דרשה פונעם נייעם רב ווען דער רב טוט איבערראשן יעדן און מעלדט אז ער אסר'ט באיסור גמור צו פראדוצירן ביער פאר פסח און עס פארקויפן פאר א גוי איבער פסח און האנדלן מיט די ביער פעסער נאך פסח.

"ווער עס וועט עובר זיין אויף דער איסור, וועל איך איהם אריינלייגן אין חרם".

דער איסור פון דעם רב האט געהאט א שארפער אפקלאנג אין שטאט. די סוחרים זענען געווען צוטומעלט, זיי הבן נישט געוואוסט ווי אזוי זיי נעמען עס אן נאך דעם וואס זיי זענען געווען אזוי איינגעוואוינט פון אלע יארן אויסצופירן דער סדר אין פארקויפן און אויספארקויפן אבער הערנדיג ווי שארף דער רב איז ארויס קעגן דעם, האבן זיי אלע פעסט

פארזעצונג אויף זייט 10

באשלאסן אז זיי וועלן מבטל זיין דער ביז יעצטיגער פירונג און איינהאלטן די ווערטער פונעם רב, אפילו עס קומט זיי אן שווער.

אלע האבן עס אנגענומען אויסער איין איד. דער איינער איד פנחס'ל, א לאנגיעריגער ביער סוחר איז געווען מלא טענות הערנדיג דער פסק דין פון דעם רב און גע'טענה'ט אז די שטאט סיריה איז דאך בשכינות פון די שטאט לעמבערג און דער יריד איז דאך פארגעקומען יאר יערליך אין לעמבערג און אין די שטאט לעמבערג האבן דאך משמש געווען ברבנות דער הייליגער טורי זהב, דער ב"ח און נאך גדולי התורה און עס איז זיכער אז זיי האבן געוואוסט אז די אידן פירן זיך אזוי און זיי האבן נישט מבטל געווען דער מנהג, ווייל זיכער איז עס מותר.

פנחס האט נישט געטראכט קיין צוויי. אינדערצייט וואס אלע אין שטאט האבן אויסגעפאלגט דער באפעל פון דעם רב איז ער געווען דער איינציגסטער עס עובר צו זיין.

בשעתו האט פנחס'ל נישט תופס געווען ווי שווער און הארב עס וועלן זיין די נאכוויען פון נישט אויספאלגן דער באפעל פון דעם רב, אבער שוין יום טוב האט ער אנגעהויבן באגרייפן זיין טעות. קומענדיג אין שול און זעענדיג ווי אויסגעשפיגן ער איז, אז קיין איינער וויל נישט רעדן צו אים און אז יעדער דריידט זיך אוועק פון אים האט ער באגריפן ווי מיאוס ער האט געגרייזט און באשלאסן אז ער האט נישט קיין אנדער ברירה ווי צוגיין זיך ארויסציען פון שטאט און זיך אויסזוכן א צווייטער וואוינארט.

דער ערשטער טאג חול המועד איז פנחס'ל אויפגעשטאנען גאר פרי. ער האט זיך איינגעפאקט א קליין זעקל מיט מצה און זיך ארויסגעלאזט אינדרויסן פון שטאט צופיסענס צו גיין זוכן א נייער ארט וואו ער קען זיך באזעצן.

געלאסענערהייט שפאנט זיך ר' פנחס'ל אזוי אין וועג מיט זיין זעקל מצה אויף די פלייצע און זיינע אויגן וואנדערן אן אויפהער צו טרעפן א גוטער און געשמאקער פרישער וואוינארט ווען פלוצלונג ווערט אים שווארץ פאר די אויגן.

פונדערווייטענס זעט ער א כאפטע רויבער קומען צוגיין און אין שפיץ פון זיי שפאנט דער הויפט רויבער, ווען עס זעט אויס צו זיין דער גזלנים הויפט און מיט רציחה'דיגע בליקן דערנענטערט ער זיך צו אים און לאקערט נאך אים.

א שרעק איז באפאלן פנחס'ל. אלע זיינע גלידער זענען געווארן געשפאנט און אין איילעניש האט ער געהויבן פוס און אנגעהויבן לויפן זוכענדיג אן אן ארט וואו ער קען זיך אויסבאהאלטן און ענדע האט ער געטראפן אן באשוצטער ארט וואו ער האט געקענט זיצן רואיג, ביז ווען די רויבער וועלן אריבערשפרייזן דער אומגעגענט.

זייענדיג אפגעמוטשעט פון די שווערער גייעג האט ער זיך געוואלט דערכאפן דאס הארץ מיט עפעס עסן און וויסענדיג אז אין זיין טאש ליגט אוועקגעלייגט אביסל מצה, האט ער עס געוואלט גיין עסן אבער ער האט דאך נישט קיין וואסער, ער מוז זיך וואשן נטילת ידים.

"אבער עס איז דאך א מצב פון פיקוח נפש די רויבער קענען דיר נאך אנטדעקן". טראכט צו זיך פנחס'ל און זוכט אויס תירוצים און אויסריידן פארוואס ער זאל דאסמאל קענען מקיל זיין און זיך נישט דארפן וואשן נטילת ידים.

פנחס'ל האט געוואלט אננעמען די טענה פון דער יצר הרע אבער דאן האט ביי זיך פעסט באשלאסן אז ניין – ער גייט זיך נישט ברעכן, ער גייט זוכן פאר וואסער, ווען ער געט איינוועגס אכטונג אז די רויבער זאלן אים נישט דערווישן.

מיט שטילע טריט האט ער זיך אנגעהויבן דערנענטערן צו די וואסער און ער וויל זיך שוין אריינבייגן א טינק צו טון אין די וואסער, ווען ער זעט פארזיך שטיין דער וואלד רויבער.

"געב מיר דיין געלט". האט דער רויבער געליארעמט און נאך איידער ער האט זיך געקענט קעגן שטעלן האט אים דער רויבער מיט זיין האק דערלאנגט א זעץ און פנחס'ל איז אנידערגעפאלן אויף די ערד א טויטער.

יענער נאכט זיצט זיך דער רב הגאון רבי ישראל באב"ד אין זיין ספרים צימער און אינמיטן לערנען דרימעלט ער איין און אין זיין חלום באווייזט זיך צו אים פנחס'ל.

"רבי". בעט פנחס'ל מיט א געוויין.

"זייט מיר מוחל, איך האב זיך שטארק פארזינדיגט פאר אייך, איך האב עובר געווען אויף אייער א פארבאט און איר האט מיר וועגן דעם אריינגעלייגט אין א חרם און יעצט וויל מיר דער בית דין של מעלה נישט אריינלאזן אין גן עדן זאגענדיג אז איך מוז ערשט בעטן דער רב זאל אראפנעמען דער חרם".

פאר דער רב האט די גאנצע ערציילונג זיך געהערט זייער מאדנע, אבער פנחס'ל זעענדיג דער וואונדער אויף דעם רב האט אים אנגעהויבן דערציילן גענוי וואס דא האט זיך אפגעשפילט.

ער האט אים פארציילט איבער זיין באזוך אין די וועלדער און ווי מען האט אים דערמארדערט און אז שפעטער ווען ער איז ארויפגעקומען אויבן האט מען ערשט אפגעוואויגן זיינע מצוות און מעשים טובים און עס איז באשלאסן געווארן אז

פארזעצונג אויף זייט 12

ווייל ער האט זיך מוסר נפש געווען אויף נטילת ידים, האט ער זוכה געווען אז מען האט גע'פסק'נט צו גן עדן.

"רבי איך בין שוין געווען אויפ'ן וועג צום גן עדן ווען פלוצלונג שטעלט מיר אפ א מלאך און לאזט מיר נישט ווייטער גיין. ער זאגט אז מיין נשמה איז אין א חרם פון דער חשובער רב, און אזוי לאנג ווי דער חשובער רב וועט נישט אראפנעמען דער חרם קען איך נישט אריינגיין אין גן עדן – רבי זייט מיר מוחל און באפרייט מיין נשמה פון די ביטערע חרם קייט".

דער רב האט זיך געוואונדערט אז בשמים טיילט מען אים צו אזא חשיבות ווען בענוותנותו איז ער גארנישט און אויך געקווענקעלט צי דאס איז נישט א בלויזער חלום אבער דער נפטר האט נישט נאכגעלאזט.

"רבי איר האט א גרויס חשיבות אין הימעל און א באוויז אז וואס איך דערצייל אייך איז אמת – גייט מארגן אריבער צו די פאליציי און מעלדט איין די פאליציי איבער דער מארד און שלעפט די פאליציי צו דער גענויער הויז און דארט וועט איר טרעפן דעם רויבער און אויך מיין געלט און שפעטער גייט נעבן דער טייך און גראבט דארט אויף – וועט איר טרעפן מיין טויטע קערפער".

דער רב האט דעם נעקסטן צופרי אויסגעפאלגט די אנווייזונגען פון פנחס'ל און אלע סימנים האבן ווירקליך געשטימט. מען האט געטראפן דאס געלט און אויך זיין קערפער און דער רב האט גלייך מבטל געווען דער חרם און זיין נשמה איז ארויף בשמים ממעל.

דער הייליגער שר שלום פון בעלזא פלעגט צו דערציילן די מעשה זאגענדיג אז די מעשה איז א סגולה פאר יראת שמים און פאר התעוררות לתשובה.

[פתגמין קדישין]

## חמרא טבא

### תשובה איז מעכב די גאולה

**בזאת יבוא אהרן אל הקודש.**

עס איז ידוע אז אסאך גדולי ישראל און צווישן זיי דער מקובל האלקי רבי שמשון מאסטראפאלי זצ"ל הי"ד האבן געגלייבט אז דער יאר 'ת"ח' איז דער שנת פקודה און דעמאלטס וועלן אידן געהאלפן ווערן בביאת משיח צדקנו.

דער רמז וואס זיי האבן געהאט צו דער יאר איז געווען דער פאלגענדער פסוק 'בזאת יבוא אהרן אל הקודש' אז דערווארט 'זאת' איז די זעלבע גימטריא ווי ת"ח און געגלייבט אז בזאת יבוא אהרן אל הקודש אז אין דער יאר ת"ח וועט אהרן קומען אל הקודש און מען וועט ווערן אויסגעלייזט.

דערווייל האט זיך ליידער איבערגעדרייט די יום הפקודה אויף א גזירה און טויזנטער אידן זענען ליידער דערמארדערט געווארן אויף קידוש השם ביי די ביטערע גזירות ת"ח ות"ט און צווישן זיי איז געווען דער מקובל האלקי רבי שמשון מאסטראפאלי זצוק"ל.

דערציילט מען אז נאך וואס די גזירות האבן זיך איינגעשטילט זענען די אידן געווען זייער דערמוטיגט און צובראכן און דער הייליגער ש"ך, ווער עס איז געווען א ניצול פון די גזירות האט זיי מחזק געווען נוצענדיג דער זעלבער גימטריא און זאגענדיג – מאת השם היתה זאת – פון השי"ת איז טאקע געווען דער יאר 'זאת' אן עת פקודה און ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק – היא נפלאת בעינינו – אז דעמאלטס האט געדארפט פאסירן דער וואונדער פאר כלל ישראל אבער וואס עס האט מונע געווען די ישועה פון געשען איז געווען וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק – זה היום עשה השם.

דער רמז קען זיין לויט די גמרא וואס דערציילט אז רבי יהושע בן לוי האט געטראפן אליהו הנביא און געפרעגט ווען קומט משיח און ער האט אים געענטפערט 'היום' הייסט און געגעבן צו פארשטיין אז דער היום מיינט – היום אם בקולו תשמעו אז אויב מען וועט הערן וואס השי"ת זאגט און באפעלט און איינהאלטן די באפעלן וועט מען זוכה זיין צו די גאולה און דאס האט אויך דא מעכב געווען די גאולה פון קומען.

[פניני זהב]

נעתק מגליון
**שערי מדע**
שנערך ע"י הר"ר
**משה נחום קרויס הי"**



# תקוה - האפענונג

## פארווארט

ראשית הבריאה בתקוה, שרייבט דער **רמח"ל** אין זיינע דרושים, הקב"ה האט באשאפן די וועלט אויף אזא אופן אז די ברואים אלע באשעפעניש 'יקוו אליו' זאלן האפן נאך אים, כביכול. די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן נישט בשלימות נאר חסרים וזקוקים לו תמיד, זיי דארפן שטענדיג צוקומען צו אים, זקוקים שישפיע ויספק כל הצטרכותם, און דורך האפענונג און געבעט ווערן די באשעפעניש מושלם. די גראזן און די פלאנצונגען זענען שוין באמת באשאפן געווארן אינעם דריטן טאג 'דינסטאג', אבער **הם עמדו על פתח האדמה ולא יצאו עד שאדם הראשון התפלל עליהם**, זיי זענען נישט ארויסגעוואקסן ביז אדם הראשון האט מתפלל געווען אויף זיי (זעה גמרא חולין ס), ווי עס שטייט אין תהילים (פה): א**מת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף**, איז דער רמח"ל מבאר, די שפע קוקט אראפ פון אויבן אוןווארט לתקוה פאר די האפענונג אז די ערד זאל ארויסגעבן אירע פירות.

## תקוה

'תקוה' האפענונג איז א כח וואס האלט די מענטשהייט ביים חיות און איז א הויפט מאטיוואציע אין די הלך ילך פאר די מיט די פאזיטיווע אויסקוק. די ווערטער פון 'אלעס וועט אי"ה זיין בסדר' אדער "געב נישט אויף עס וועט זיין גוט בעז"ה" "עס קומט בעסערע טעג", די ווערטער מיט וואס א מאמע בארואיגט א קליין קינד, די ווערטער מיט וואס א טאטע בארואיגט זיין בחור'ל, די ווערטער מיט וואס א רבי בארואיגט זיין חסיד, די ווערטער מיט וואס א חבר בארואיגט זיין פריינט, די ווערטער מיט וואס א מלמד בארואיגט זיין תלמיד, און די ווערטער מיט וואס מ'בארואיגט א חולה רח"ל, אן ארימאן, איינער וואס מוטשעט זיך מיט שידוכים אד"ג, ווערטער פון האפענונג פון תקוה דאס מאכט דעם מענטש וועלן ווייטער אנגיין, יש תקוה עס איז דא האפענונג.

תקוה בכלליות איז א טובה פאר די בריאה, אבער גארנישט קומט נישט צו, צו דעם קוה אל ה', בעיקר דער איד וואס האפט צום באשעפער. לישועתך 'קויתי' ה', ועל כן 'נקוה' לך, 'מקוה' ישראל ה'.

די אונטער-באוואוסטזיין פונעם מענטש לאזט דעם מענטש זיך גאר שווער נארן, עס ברענגט ארויף דעם אמת כסדר, פאר א שוואכער מאמין, פאר א פאלנער גוי איז האפענונג נישט אזוי ווירקזאם, ער האט ליב צו הערן די ווערטער HOPE אבער למעשה ברענגט עס אים גארנישט.

אין א דארף אין רוסלאנד איז פארגעקומען א מורא'דיג'ע פאסירונג, בערך הונדערט יאר צוריק האט א איד פארגעליינט א קאפיטל תהילים פאר גוים פארמער, און עס איבערגעטייטשט צו זייער שפראך, רוסיש, ווען ער איז אנגעקומען צו די פסוק: אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה, פארלאז דיך נישט אויף קיין מענטש וואס איז נישטא אין אים קיין הילף קיין האפענונג. ווען די גוים האבן זיך מתבונן געווען אין די ווערטער און זיך איבערצייגט ווי פאלש זייער לעבנסגאנג איז, האבן זיי זיך אלע מגייר געווען! ווען **רבי יעקב משה ספיר זצ"ל** דער רב פון 'סראטוב' אין רוסלאנד האט דערציילט די מעשה פאר'ן גרויסן **חפץ חיים**, האט ער זיך אנגערופן, התבוננות אין איין ווארט פון תורה פארמאגט א כח אריינצובלאזן א פייער פון די הייליגע אמונה, עס איז ביי מיר קיין ספק, אז אידיש בלוט לויפט אין די אדערן פון די פארמער.

יא יא, ריכטיג, האפענונג איז נישט שייך בבן אדם שאין לו

תשועה, אבער כביכול דער כל יכול וואס אלסדינג איז תחת הנהגתו, און אפילו ווען עס איז חרב חדה מונחת על צווארו קען ער נאך אלס טוישן די מציאות, אט צו אים כביכול דארף מען האפן.

'האפענונג' פארמאגט גאר א שטארקע פסיכאלאגישע כח, ווי פארשער שרייבן טוט עס מאכן דעם מענטש ווילן טרעפן א וועג ארויס פון א פראבלעם, תקוה ברענגט רצון, ווילן. און מיט רצון קען מען גאר ווייט אנקומען. די כוחות פון 'תקוה' געפונען מיר שוין [להבדיל] אין די ווערטער פונעם רמח"ל: המקווה תמיד בשמחה בלי צער, דער האפער איז שטענדיג אויפגעלייגט און אן קיין צער, ווייל ער האפט אז עס וועט גוט זיין.

## התקוה מחיה אותו

**התקוה מחיה אותו,** שרייבט דער רמח"ל, האפענונג האלט דעם מענטש ביים לעבן. אט די ווערטער איז ארויסגעקומען מכח אל הפועל בשעת די צווייטע וועלט קריג. עס איז כדאי מעתיק צו זיין די ווערטער פון איינעם וואס איז געשטעלט געווארן צו פארשען ווי אזוי מענטשן האבן געקענט בלייבן מענטשן נאך די לאגערן, שרייבט ער: די טיפקייט און שטארקייט פון די אמונה הפתיעו והפעימו עס האט אויפגעהייטערט די גייסטן פון די ארעסטאנטן, א רושם עז האט געמאכט די תפלות, נאך א טאג ביטערע ארבעט, מיד, הונגעריג, און פארפרוירן מיט צעריסענע קליידער. און די וואס האבן געגלייבט, האבן נישט געגלייבט אז אלסדינג איז חסר טעם, נאר זיי זענען געווען משוכנע און איבערצייגט אז אלסדינג האט א טעם נאר זיי פארשטייען עס נישט.

ווי עס האט געשריבן א רב פון ווארשא אין זיין טאג בוך: די וואך איז צוגעשפארט געווארן אלע בתי תפלות, סיי די קליינע מנינים אין די הייזער און סיי די גרויסע בתי מדרשים, שרייבט ער די תירוצים פון אפהאלטן קרענק אויסשפרייטונג איז נישט די ריכטיגע סיבה, זייער ציל איז געווען אן אידיאלאגישע קריג א מלחמה מיט רוח אפצוהאלטן די אידן פון אנהאלטן זייער מאראל דורך די האפענונג וואס קומט פון תפלה.

אין ספר '**בסתר רעם**' שער רביעי — חיים בשני מעגלים, איז צוגעברענגט ספעציעלע תפלות וואס איז געמאכט געווארן אין לאגער, תפלות מיט געבעהט און בעיקר מיט האפענונג אויף די עתיד. יא, התקומה מחיה אותו.

שלמה המלך לערנט אונז אין משלי: **רוח איש יכלכל מחלהו ורוח נכאה מי ישאנה?** די גייסט די חלק הרוח וואס איז די מחשבה פונעם מענטש האט די מעגליכקייט צו היילן אדער חלילה צוקלאפן דעם מענטש פיזיש ממש, שלמה המלך אנטדעקט אונז אז אויב איז די גייסט פונעם מענטש אפטימיסטיש, דאס הייסט אז מ'טראכט באמת אז 'יש תקוה' עס איז דא האפענונג און עס גייט גוט זיין, די מחשבה טוט העלפן היילן די קרענק. דאס איז א אנגענומענע פאקט ביי דאקטורים אז גלויביגע האבן מער שאנסן אריבערצוגיין א שווערע מצב, אידן וואס האבן די 'רוח איש' האבן מער שאנסן ווי די וואס האבן די 'רוח נכאה' א צוקלאפטע גייסט.

עס איז באקאנט די אויסדרוק פון דער **צמח צדק** פון ליובאוויטש זצ"ל פאר זיינס א חסיד "טראכט גוט, וועט זיין גוט" דערונטער ליגט א געוואלדיגער מושג, נישט נאר די גייסט פונעם מענטש ווערט אפטימיסטיש ווען מ'טראכט גוט, נאר עס פארמעגליכט צו טוישן די מציאות ממש, ווי מיר וועלן עס שרייבן במאמר מדעי בפני עצמו בעז"ה.

היוצא מכל זה 'התקוה מחיה אותו' א האפער געבט אים די האפענונג לעבן ממש.

## עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא

איז דען דא נאך א פאלק וואס האט אזויפיל געליטן ווי כלל ישראל און האט עס איבערגעלעבט? ווי דער **יעב"ץ** שרייבט: צי איז דען דא א מענטשליכע ערקלערונג דערויף ווי אזוי כלל ישראל האט נאך די אלע רדיפות און השמדות איבערגעלעבט? עס איז שוין כמעט צוויי טויזענט יאר וואס מיר זענען אין גלות, אין די צייט זענען גרויסע אימפעריעס צוזאמענגעפאלן, פעלקער זענען פארשוואונדן געווארן פון די מאפע, אבער אונז 'עם ישראל' זענען געבליבן 'עם ישראל חי', ווי אזוי? 'האפענונג' אז עס גייט קומען גוטע צייטן האט אונז געגעבן און געבט נאך אלס כח און א פאזיטיווע גייסט, האפענונג נאך וואס? האפענונג אז יעדע מינוט קענען אליהו הנביא אנקומען מבשר צו זיין די גאולה, האפענונג צו דעם שופר של משיח. ווי דער הייליגער **רמב"ם** האט עס קובע געווען צווישן די י"ג עיקרים "**אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא**", אחכה לו, די האפענונג נאך די קומען פון משיח שטארקט אונז. נאך יעדער דרשה ווי אזוי איז מען מסיים? בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן, דאס איז אונזער תקוה. ביי קדיש 'ויצמח פורקניה ויקרב משיחא'.

דער הייליגער רמב"ם לערנט אונז (הל' מלכים) אז איינער וואס איז נישט מצפה לישועה און האפט נישט אויף ביאת המשיח איז א כופר! דאס מערער זיין אויף די 'אחכה' לו טוט צוקלאפן און צוברעכן די גייסט פונעם אידישן פאלק, אט דאס האלט אונז, מיר האפן אז עס וועט קומען בעסערע טעג, גוטע טעג, לעכטיגע טעג. ווען כלל ישראל געפונט זיך אין א צוקלאפטע מצב ווען עס איז טונקל, איז די האפענונג וואס האלט זיי ווי אונזערע רביים די חתם סופר ותלמידיו האבן אונז געלערענט....מ'ווארט און מ'ווארט אבער מיר געבן נישט אויף!

דער בריסקער רב מרן **הגרי"ז** זצ"ל האט אמאל עס ממחיש געווען מיט דברים דוקרים, שוין כמעט צוויי טויזענט יאר וואס מיר ווארטן אויף משיח צדקנו, הקב"ה איז מחכה, משיח איז מחכה, אידן זענען מחכה, און די גאולה איז אפעהנגיק אין תשובה ובמשקל הזכיות, אם זכו תתקיים בהם הבטחת אחישנה, די זכיות ווערן איבערגעוואויגן יעדן איינציגען טאג, צו זעהן אויב מ'קען שוין ברענגען די גאולה. און והנה בא הרגע המיוחל די ריכטיגע מאמענט קומט אן סאיז רבו זכיות על החובות, משיח צדקנו באקומט די צייכן פון אויבן, לך וגאלת! גיי לייז אויס די אידישע קינדער פון גלות! אבער די ריכטיגע מאמענט געפאלט אין שבת קודש! משיח קען נישט גיין, ווייל עס איז דא א איסור דרבנן פון תחומין (למעלה

מעשרה טפחים), הגע בעצמך - האט דער בריסקער רב געזאגט - ביז מוצאי שבת קען די וואגשאל זיך בייגן אויף נישט גוט חלילה, און עס איז יתכן אז דורכדעם זאל ביאת משיח אפגעשטופט ווערן פאר נאך טויזנט יאר חלילה. ובינתיים וועלן ליידער מיליאנען אידן יעשו שבתם חול, און עס וועט חלילה פארמערט ווערן אסאך חילולי שבת לפי די מצב ווי מיר געפונען זיך. בחשבון אנושי, מיט א בעל הבית'ישע בליק, וואלט כדאי געווען פאר משיח מעלים עין צו זיין פון א איסור דרבנן איינמאל, כדאי צו ראטעווען די מענטשהייט פון הארבע עבירות אין סוף, אבער – האט דער בריסקער רב מסיים געווען – אין די תורה איז נישטא אזאנע חשבונות, די גאולה ברענגט מען נישט באמצעות עבירה כלשהי, קלושה ככל שתהיה.

מיר געפונען אבער ווי צדיקים און גדולים האבן זיך א עצה געגעבן מיט די הלכה אלס כדי אריינצובלאזן האפענונג אין די אידן אז יעדן טאג ממש אפילו בשבת קען משיח אנקומען. דער הייליגער בעלזער רב זצוק"ל (כמדומה הגרי"ד) האט געזאגט אליהו הנביא קען כהיום שוין קומען שבת, איי תחומין למעלה מעשרה, תשב"י יתרץ קושיות ואיבעיות און ער וועט דאס אויך פארענטפערן.

עס איז נישט בלויז א חסיד'יש ווארט, הגאון **רבי אלחנן וואסערמאן זצוק"ל** הי"ד אין קובץ מאמרים פרעגט: ו**בעירובין מ"ד איתא דגם בשבת אינו בא, אם יש תחומין למעלה מעשרה, וקשה דבודאי כאשר יבא אליהו ימצא הרבה שבוים בידי עכו"ם, אשר בבואו ינצלו ממות, ולמה לא יהא מותר לבוא בשבת משום פיקוח נפש?** ער פרעגט, אז וויבאלד ווען אליהו הנביא וועט אנקומען וועט ער זיכער געפונען געפאנגענע אידן צווישן גוים, און דורך זיין אנקום וועט ער זיי ראטעווען פון טויט, אויב אזוי אז פיקוח נפש איז דוחה שבת פארוואס זאל ער נישט מעגן קומען אין שבת? עכ"פ היוצא לנו מזה ווי צדיקים האבן געשטארקט די אחכה לו און ערמעגליכט על פי הלכה זיין אנקום אויך בשבת קודש, זאל ער נאר קומען.

חז"ל לערנען אונז (סנהדרין צז) **אין בן דוד בא עד שיתייאשו מן הגאולה**, משיח וועט נישט קומען ביז ווען מ'וועט זיך מייאש זיין פון די גאולה, האבן חסידים געפרעגט דעם **חידושי הרי"ם**, רבי, מיר זענען זיך דאך נישט מייאש, מיר זאגן דאך יעדן טאג 'אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח וכו' עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא'! אויב אזוי ווי אזוי וועט משיח קומען ווען מיר זענען זיך נישט מייאש און מיר האפן יעדן טאג? האט דער חידושי הרי"ם געענטפערט א שארפע און מורא'דיגע תירוץ: **אם אנו סוברים שלכן לא יכול משיח לבוא מפני שאנו זוכרים בו, דבר זה בעצמו נחשב יאוש!** אויב האלטן מיר אז צוליב דעם קען משיח נישט קומען ווייל מיר געדענקען אים, דאס אליינס ווערט שוין פאררעכענט פאר 'יאוש' און ער קען קומען!

# זיין אנקום קען זיין יעדע רגע, פלוצלונג

ווען משיח וועט קומען, וועט עס זיין בפתע פתאום, פלוצלונג, און עס וועט נישט זיין קיין שום ספק אדער פקפוק דערביי. און **רבי חיים פון וואלאזשין זצוק"ל** פלעגט דערביי פארציילן דאס אנקום פון משיח בדרך ציורי:

עס איז א וואכעדיגע טאג, איך קום אהיים פון ישיבה נאך תפלת שחרית, די רעבעצין איז מיר מקבל פנים מיט די פראגע, חיים, ווילסט עסן פת שחרית יעצט?, איך ענטפער איר, שרה, מיין שיעור פאר היינט איז נאכנישט גרייט, קודם לאמיך מיר פארקוקן און דערנאך וועל איך עסן.

פיין, ווילאנג דו גרייטסט דיר צום שיעור, וועל איך גיין אין מארק עפעס קויפן, ביזדערווייל וועל איך לאזן די זופ אויף די פייער, חיים, געב נאר אכט אז די זופ זאל זיך נישט פארברענען, איך קען דיר דאך אז ווען דו ביסט מעיין פארגעסטו פון אלעם. די רעבעצין גייט ארויס פון שטוב, און איך בין מעיין אין די ספרים.

פלוצלונג שפיר איך ווי די זון פאנגט אן צו שיינען מיט א גאר שטארקע ליכטיגקייט, אסאך מער ווי איר געהעריגע שיין, איך הער ווי די פייגלען טשיפטשען מיט א נייעם ניגון, וואס צונעמט דאס הארץ. איך הער א שטארקע גערודער, און איך זעה ווי דער שוסטער לויפט, וואס איז געשעהן אלי'? וואס איז געשעהן מיט די זון? פון וואו קומט די הערליכע געזאנג פון די פייגלען? וואס איז געשעהן מיט די ביימער, זיי שפראצן אזוי שנעל און שיין?

וואס? ווייסט נישט רבי, משיח קומט!!! ראי באורי שזורח.

איך לויף גלייך צו די שאפע ווי עס ליגט מיינע שבת'דיגע בגדים, כדי עס אנצוטון און ארויסגיין מקבל זיין פני משיח, והנה, אוי, עס פעלט מיר א קנעפל אויף די בעקיטשע, מוצאי שבת איז ארופגעפאלן די קנעפל, און די רעבעצין האט נאכנישט עספיעט עס צו פאררעכטן. און יעצט דארף איך מקבל זיין פני משיח ווען איך פארמאג נאר צוויי קנעפעלעך אנשטאט דריי!

איך שטיי און שפעקוליר, זאל איך ענדערש אנטון א מלבוש של חול מיט אלע קנעפלעך, אדער בגדי שבת מיט צוויי? פלוצים קומט די רעבעצין צו לויפן, און שרייט, חיים, וואו ביסטו געווען? די זופ אויפ'ן פייער האט צוגעברענט!

שרה, זאג איך איר, וואס גייט דיר יעצט אן די פארברענטע זופ, אייל דיר צו, טוה אן דיינע בגדי שבת און לאמיר צוזאמען ארויסגיין מקבל זיין פני משיח צדקנו.

מיט די ציור פלעגט רבי חיים ממחיש זיין דאס אנקום פון משיח בפתע פתאום. – זעה סנהדרין צה, איינע פון די דריי זאכן וואס וועט געשעהן בהיסח הדעת איז ביאת משיח.

אין די יעצטיגע מצב ווען מיר אלע גייען דורך שווערקייטן איינער מער און איינער ווייניגער, וויפיל יתומים און אלמנות זענען צוגעקומען ה"י, דערהאלטן מיר זיך מיט'ן אמת'ן תקוה פון די גאולה שלימה, מיר ווארטן נישט צוריקגיין צום געוועונליכן סדר החיים נאך די צרה, נאר מיר ווארטן אז מיר זאלן פון דעם צרה שוין גלייך זוכה זיין צו דעם אמת'ן גאולה.

איי, עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא, מיר האפן אלע באמת ובתמים אויף זיין אנקום בכל עת ובכל רגע ובכל שעה, זאל ער שוין קומען איניגיכן. קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'. ◼




# דער שבת היט אויפן שומר שבת

**טייערע לעכטיגע זיסע קינדערלעך!**

עס שטייט די וואך אין די סדרה אין פרשת קדושים, **ואת שבתותי תשמרו, מיינע שבתים** זאלט איר אפהיטן, שטייט א לשון רבים, דאס מיינט כאטשיק צוויי, **דאס מיינט ווען אונז וועלן היטן שבת צוויי! וועט מען שוין פון דעם גלות ווערן פריי!**

איך כאפ זיך יעצט אז יעצט אין די זומער וואכן מאכט כמעט יעדער שבת פרי, דאס מיינט **תוספת שבת מען ברענגט אריין די שבת אינעם חול אריין איינדערוואכן אריין**, מיט דעם ברענגט מען נענטער משיח, ווייל עס שטייט דאך אז משיח'ס צייטן וועט זיין יום שכולו שבת, אזוי זינגט מען ביי די זמירות ליום שכולו שבת, **קומט אויס אז דורך דעם וואס מען מאכט דעם שבת פריער, נו, ברענגט מען דורך דעם משיח פריער,** דאס איז א מורא'דיגע זכיה און פארדעם האט זיך געלוינט די גאנצע מיה, צו זיין גרייט שבת פריער, און דורך דעם ברענגען פאר אלע אידן א גרויסע ישועה, און פאר די רשעים א תליה, און פאר אלע קראנקע א רפואה.

פארמאכטס ענק די אויגן קינדערלעך, יא יא יא דו אויכעט פארמאך די אויגעלעך, און אונז גייען אריבערפליען זייער ווייט אוועק אין א פוילישע שטעטעלע מען פליהט מען פליהט, מען קומט שוין אריין מען קומט שוין אריין מען קומט שוין אריין, אה אה אה, דארטן גייט א אידעלע ר' מאיר, **ר' מאיר איז זייער א באקאנטע איד אין די שטעטל אין פוילן ר' מאיר האט ביי די עק פונעם שטאט א גרויסע מיהל,** דאס הייסט א פלאץ וואו מען טוט צומאלן די ווייץ, די גערשטן און אלע מיני תבואה וואס דאס צומאלט מען און עס קומט ארויס פון דעם מעהל, עס קומט ארויס פון דעם אלע צוריבענע תבואה.

ער האט געהאט אזא מיהל וואס דאס איז געווען נעבן די טייך, וואס דורך דעם וואס די טייך האט געפליסט האט זיך געדרייט רעדלעך און דאס האט געדרייט אינעווייניג ביי זיין פאבריק די שטיינער און אזוי ארבעט די מיהל, זייער אינטערסאנט. **ר' מאיר האט געהאט פון דעם א גרויסע גרויסע שפע ער האט געהאט אסאך געלט,** די מיהל האט נישט געהערט פאר איהם עס האט געהערט פאר'ן פריץ פון זיין דארף, ר' מאיר פלעגט באצאלן יעדע חודש די רענט וואס ער האט געדארפט באצאלן פאר'ן פריץ, דער פריץ האט אים זייער ליב געהאט אפילו עס זענען געווען מענטשן וואס האבן געוואלט צאלן מער צו קענען האבן די מיהל האט עס דער פריץ נאך



ר' מאיר האט געהאט ביי די עק פונעם שטאט א מיהל

אלס געלאזט ביי ר' מאיר ווייל ר' מאיר איז געווען אן ארנטליכער ערליכער איד.

**ר' מאיר איז טאקע געווען זייער זייער שטארק פארנומען א גאנצן טאג מיט די מיהל אבער נאך אלס האט ער יעדן טאג אוועקגעגעבן עטליכע שעה צו קענען זיצן מיט זיינע קינדערלעך און לערנען,** זיין ווייב און די קינדער זענען געווען זייער ערליך, ווי אויך איז ר' מאיר געווען אויסגעצייכנט מיט די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, יעדער ארימאן און בעטלער און סתם איד וואס ער קען נישט, און וואס ער קען יא, האט געפונען ביי אים דאס פלאץ און מען האט געקענט ביי איהם אפילו שלאפן, עסן זיכער, אפילו שלאפן אויכעט, **ר' מאיר איז געווען א גרויסער בעל מכניס אורח אזוי ווי אונזער זיידע אברהם האט אונז אויסגעלערנט.**

ווען עס פלעגט קומען פרייטאג האט יעדער געוואוסט אז ביי ר' מאיר איז שבת אסאך פריער ווי ביי יעדעם, **ער האט מקפיד געווען אין תוספת שבת צולייגן צו די הייליגע שבת קודש**, מען ווארט שוין א גאנצע וואך אויף דעם שבת, נו אז דער שבת קומט שוין לייגט מען צו צו די שבת דאס ווייזט אז מען האט עס ליב, אפגערעדט פון די גרויסע הייליגקייט און די קדושה וואס קומט אראפ אין שבת די נשמה יתירה און אז מען קען עס האבן מיט א רגע פריער מיט נאך א מינוט פריער מיט א שעה פריער איז דאך מורא'דיג חשוב, קיין שום זאך אין דער וועלט האט אים נישט אפגעשטעלט, זאל זיין וויפיל געלט מען קען נאר מאכן, נישט קיין חילוק וואס אין די וועלט זאל זיין האט ער צוגעלייגט צו דעם שבת און ער האט נישט געטוהן קיין שום מלאכה פון א שעה פאר די זמן.

ווי איך האב שוין דערציילט פריער אז דער ר' מאיר פלעגט כסדר באצאלן פאר'ן פריץ א חודש'ליכע געהאלט, די רענט, און ר' מאיר פלעגט אריבערקומען יעדן ראש חודש און באצאלן די רענט, **פלעגט דער פריץ זיצן מיט אים אין זיין הערליכן הערליכן לאב"י אויף די שיינע קאוויטשע"ס און פארברענגען מיט איהם און ער פלעגט פון אים נעמען גוטע עצות,** ר' מאיר איז געווען זייער א קלוגער איד, ער האט געהאט א אידישער קאפ און ער איז דאך געזיצן אלעמאל און געלערנט ווען ער האט געהאט אן איבעריגע מינוט און תורה מאכט קלוג דעם מענטש און וואו תורה דארט חכמה, במילא האט דער פריץ מיט איהם פארברענגט עטליכע שעה אפילו, ביז נאך עטליכע יאר איז דער פריץ געווארן מיט אים זייער נאנט און ער פלעגט אים אפילו רופן אסאך מאל סתם אזוי ער זאל אריינקומען צו איהם ווייל ער וויל זיך מיט איהם דורכשמועסן וועגן זיינע געשעפטן און וועגן אנדערע זאכן אויכעט.

**עס האט זיך געמאכט איין מאל א ראש חודש וואס איז אויסגעפאלן אויף ערב שבת,** ווי נאר עס איז געווארן חצות האט שוין ר' מאיר צוגעמאכט די מיהל און אהיימגעגאנגען, ער גרייט זיך אויף שבת און ער גיבט זיך א כאפ, אה, עס איז דאך היינט ראש חודש איך דארף דאך היינט אפצאלן די רענט איך האב נאך קיינמאל נישט פארפאסט קיין טאג אפשפעטיגן אפילו מיט איין טאג איך מוז עס גיין היינט אפצאלן פאר'ן פריץ, נו, **דער פריץ וואוינט טאקע נישט אזוי ווייט נאר א האלבע שעה אוועק**



א נענטערע בליק אויף דער מיהל מיטן טייך



אן אלטע מיהל דאהי אין לונדון

**פון ר' מאיר'ס הויז.** און ר' מאיר לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג מיט די פעקל געלט און ער גייט צום פריץ.

דער פריץ זיצט טאקע אין פאלאץ און ער ווייסט אז היינט איז ראש חודש און ער קען שוין קוים ווארטן אז ר' מאיר זאל קומען, ר' מאיר קומט אן אינדרויסן פון פאלאץ די באדינער האבן שוין גלייך געוואוסט אז אים לאזט מען אריין ווען ער קומט, ער קומט אריין. אה מאיר, **אט דא ביזטו איך האב דאך שוין געווארט פאר דיך אזוי לאנג, אט דא ביזטו!**

און ר' מאיר זאגט פאר'ן פריץ, אוודאי פריץ דו האסט געמיינט אז איך וועל פארגעסן איך פארגעס נישט פון דיר און פון די רענט אוודאי נישט, נו איך האב דיך געברענגט די פעקל געלט.

**אה! א דאנקע שיין!** יישר כח ווי מען זאגט ביי ענק, אבער זעץ דיך דא אנידער, זעץ דיך אראפ, איך וויל דאך נאך שמועסן מיט דיר איך האב דיך זייער ליב.

מאיר זעצט זיך אוועק, ער קוקט אויפ'ן זייגער נו עס איז נאך טאקע דא פיהר שעה ביז'ן זמן איך האב צייט אבער נישט די וועלטס צייט ווייל עס איז ערב שבת.

דער פריץ הייבט אן שמועסן מיט איהם דער פריץ נעמט איבער די זעקל געלט און ער לייגט עס אריין דארטן אין א לעדל דארטן אין זיין צימער און ווען דער פריץ לייגט אריין די געלט אינעם לעדל גיבט ער זיך א רוף אן צו מאיר, אה מאיר גוט אז דו ביזט דא יעצט, **גיב נאר א קוק וואס איך האב דא אין מיין לעדל, ער נעמט ארויס א הערליכן גאלדענעם רינגל וואס האט א טייערע שטיינדל אויפ'ן קרוין פון די רינגל,** נו מאיר וואס

זאגסטו צו דעם רינגל? דאס האב איך מיך איינגעהאנדלט צוויי טעג צוריק איך האב דיר געזאגט איך בין געגאנגען אין שטאט אריין אין די גרויסע שטאט דארט האב איך מיך איינגעהאנדלט א רינגל וואס זאגסטו צו מיין רינגל?

זייער זייער שיין עס קוקט אויס זייער טייער.

**נו מאיר נו וואס זאגסטו וויפיל האב איך באצאלט פאר דעם רינגל? נו נו טראכט מיט דיין אידישע קאפ.**

פריץ איך וועל דיך זאגן דעם אמת איך בין נישט אזוי באקאנט אין פרייזן פון רינגלעך, דאס איז בכלל נישט מיינע געשעפטן וואס איך טוה מיט דעם, איך ווייס נישט קיין פרייז אבער עס זעהט אויס טאקע זייער טייער.

נו מאיר מאך נישט קיין לאנגע געשעפט, זאג מיר זאג מיר, גיב א זאג א נאמבער זאג א נאמבער בערך נו זאג עפעס א נאמבער.

פריץ איך וועל דיך זאגן איך וואלט געזאגט **הונדערט גילדן זיכער**.

הא הא הא הונדערט גילדן, הונדערט גילדן הא הונדערט גילדן, **פופציג מאל הונדערט גילדן!!!.**

טאקע? וואס? פינף טויזנט גילדן האט דער פריץ באצאלט, יאוי דאס איז טאקע טייער.

נו, וואס האסטו געמיינט איך וועל קויפן פאר הונדערט גילדן?.

נע איך האב נישט געמיינט אזוי, איך האב דיך געזאגט אז איך קען נישט קיין פרייזן פון קיין רינגלעך, איך ווייס נישט.

נו נו, אז איך קויף א רינגל קויף איך אזוי עס זאל זיין וואס עס פאסט פאר מיר, פאר הונדערט גילדן קען דאך גיין יעדער שנארער אויפ'ן גאס, נו עס איז א שיינע רינגל הא עס געפעלט דיר הא? זיי זאגן נאך אז אין אמת'ן וואלט דאס געקענט קאסטן פיהל טייערער איך האב נאך געכאפט א גוטן גוטן מציאה.

אזוי שמועסנדיג קומט אריין דער משרת אנגעטוהן מיט זיינע שיינע קליידער ער בוקט זיך פאר'ן פריץ אזוי ווי עס פאסט צו זיין.

נו, וואס זוכסטו דא?

דער משרת רופט זיך אן, דער פריץ גוטלעכאוווסקי...

ווער, גוטלעכאוווסקי?

יא יא גוטלעכאוווסקי איז געקומען באזוכן דער פריץ.

אווו גוטלעכאוווסקי מיין גוטע פריינט ער ווארט? וואו איז ער?

ער איז דא אין די אנדערע צימער אין די אנדערע צימער.



דער פריץ פלעגט זיצן מיט מאיר אין זיין הערליכן לאב"י



גיב נאר א קוק וואס איך האב דא אין מיין לעדל

נו וועל איך שוין אריבערגיין צו איהם.

דער פריץ נעמט דעם רינגל ער לייגט עס צוריק אריין אין די לעדל ער מאכט עס צו אבער ער האט פארגעסן צוצושפארן די לעדל, ער דרייט זיך אויס צו ר' מאיר און ער זאגט אים, מאיר דו ווארט נאך דא איך האב נאך אסאך צו רעדן מיט דיר, ווארט נאך, ווארט נאר אפאר מינוט איך קום שוין צוריק איך דארף ענדיגן מיט מיין פריץ גוטלעכאוווסקי און איך קום, איך קום, **איך קום צוריק, ווארט מיך דא, ווארט מיך גיי נישט קיין ערגעץ.**

שוין, דער פריץ קלאפט צו די טיר פון אונטן און ער גייט זיך צו זיין חבר דער פריץ גוטלעכאוווסקי.

ר' מאיר איז יעצט געבליבן אליינס אין די צימער, די ערשטע פאר מינוט האט ער געווארט טאקע אז דער פריץ זאל צוריקקומען אבער עס גייט דורך א פופצן מינוט א צוואנציג מינוט און מאיר שטעלט זיך שוין אויף פון זיין בענקל ער ווייסט שוין נישט וואו צו גיין און ער הייבט שוין אן צו שפאצירן ארויף און אראפ, עס איז דורכגעגאנגען א גאנצע שעה ער הערט נאר רעדן פון די אנדערע צימער ער פרובירט צו עפענען די אנדערע טיר, **אוי עס איז פארשלאסן אוי ווי די טיהר איז פארשפארט!!!** עס גייט דורך נאך א האלבע שעה... הערט ער שוין עס טוט זיך קולות מען זינגט און מען שפרינגט, דער פריץ האט זיך געלאזט וואוילגיין מיט זיין חבר דארטן, ער האט זיך געמאכט א גאנצע באלל א גאנצע פארטי און זיך אנגע'שיכור'ט ער האט אינגאנצן

פארגעסן פון מאיר, מאיר פרובירט א גאנצע צייט צו עפענען די טיר אבער דער פריץ האט עס פארשלאסן פון אונטן, זעהט זיך אויס אז דער פריץ האט טאקע געוואלט זיכער מאכן אז מאיר בלייבט דארטן און ער האט נישט געוואלט אז דער צווייטער פריץ זאל באמערקן אז ביי איהם זיצט א איד, עס האט דאך אים נישט אזוי געפאסט.

**מאיר איז שוין אויף שפילקעס, אוי זיין הויט ברענט אים, עס איז דאך שוין באלד שבת עס איז דאך שוין צוויי שעה צום זמן, אט אט דארף איך שוין זיין אינדערהיים,** איך קען מיך נישט ארומדרייען מיט מיינע וואכעדיגע קליידער מיט די מוקצה זאכן איך דארף דאך אנהאלטן מיין תוספת שבת וואס איך לייג צו יעדער וואך, אט אט פאלט שוין צו דעם שבת איך מוז דאך שוין אהיימגיין, אזוי דרייט ער זיך ארויף און אראפ אין די צימער און ער זעהט נישט קיין וועג ארויס, ער פרובירט נאכאמאל צו גיין צום טיהר ער זעהט עס איז פארשפארט, ער הייבט אן צו זוכן, וואו קען נאך זיין נאך א טיהר, **באמערקט ער טאקע ביים עק פונעם צימער איז דא נאך א קליינע טירל,** ער עפנט אויף די טירל און עס מאכט זיך אויף אין א הערליכע גארטן פונעם פריץ.

אה! נו, פון דא קען איך ארויסגיין, דער פריץ **וועט טאקע זיין זייער פארוואונדערט וויאזוי איך בין ארויסגעגאנגען אבער ער וועט מיך זיכער פארשטיין,** ער מאכט אויף די טיר און ער גייט ארויס צו די גארטן, די טויער פונעם גארטן איז טאקע געווען פארשפארט און מאיר קריכט אריבער די צוים פונעם גארטן און ער לויפט אהיים.

ער קומט אן עס איז נאך טאקע געווען פאר'ן צינדן די שבת ליכט ער האט זיך זייער געפריידט אז ער האט טאקע געקענט אנהאלטן די תוספת שבת, ער איז זיך שנעל געגאנגען טובל'ען פאר שבת, זיך אנגעטוהן די שבת'דיגע קליידער און געגאנגען מיט די קינדערלעך אין שוהל און פארברענגט דעם שבת אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**די שבת'דיגע סעודה האט ר' מאיר געדאנקט דעם אויבערשטן און געזינגען פאר'ן אויבערשטן,** אז ברוך השם איך האב געקענט טאקע אהיימקומען פאר'ן זמן און איך האב געקענט אנהאלטן אלעס, און ער האט געבעטן דעם אויבערשטן אז דער פריץ זאל אים פארשטיין פארוואס ער האט אים נישט אויסגעוואורט און ער וועט אים מסביר זיין וועגן שבת וועט ער אים זיכער פארשטיין.

נו קינדערלעך לאמיר יעצט איבערלאזן מאיר ביי זיין שבת'דיגע סעודה פארברענגען מיט זיינע קינדערלעך און לאמיר אריבערגיין צום פריץ אין פאלאץ פרייטאג צונאכטס.

דער פריץ האט געהוליעט און גע'שיכור'ט דארטן, עס איז זיך צאמגעקומען נאך גויים מיט זיינע באדינערס מיט זיינע שרים און מען האט פארברענגט דארטן ממש ביז חצות הלילה און ער האט אינגאנצן פארגעסן פון מאיר אז ער האט אים איבערגעלאזט דארטן ביי אים אין זיין פריוואטע צימער.

דער משרת האט זיך טאקע נישט געמעגט אנטרינקען און ער האט זיך טאקע דערמאנט ווי נאר די באלל האט זיך



ער פלעגט פארברענגען מיטן פריץ אין זיין שיינע גארטן




דער שבת'דיגע סעודה האט ר' מאיר געפראוועט מיט זיינע קינדערלעך

געענדיגט ווען די פארטי האט זיך געענדיגט דערמאנט ער זיך, **אה מאיר דארף דאך זיין אין די צימער איז ער אליינס אריין אין די צימער און ער זעהט אז מאיר איז נישט דא.** ער צינדט אן א ליכטל לעכטיג צו מאכן, און ער זוכט ארום די גאנצע צימער, מאיר איז נישט דא, ער באמערקט אז די לעדל דארטן ווי דער פריץ האלט זיינע זאכן איז אביסל אפן, אוי דער פריץ האט נישט פארשפארט, יאוי, ווער ווייסט וואס דארטן ליגט, **ער מאכט עס אויף און ער טרעפט דארטן ליגן דעם גאלדענעם הערליכן טייערן רינגל, ער האט נישט געטראכט קיין צוויי און עס אריינגעלייגט ביי זיך אין טאש און גו"ד בי"י, פארטיג,** דער פריץ וועט קיינמאל נישט וויסן אז איך האב עס גע'גנב'עט, ער וועט זיכער מיינען אז מאיר האט עס גע'גנב'עט, ער פארשפארט די צימער.

**די נעקסטע אינדערפרי** דער פריץ איז אויפגעשטאנען, אוי האב איך געהאט נעכטן אזא גוטן געשמאקן מאלצייט אזא פארטי מיט מיין חבר דער גוטלעכאווסקי אה איז דאס געווען א גוטע גוטע סעודה אוי איז דאס גוט געווען, אוי אוי איז דאס גוט געווען עס ברענט נאך אין מויל די גוטע בראנפן, דאס איז גוט געווען, אה. און ער גייט אריין אין זיין פריוואטן צימער, אוי איך דערמאן זיך, נעכטן די לעצטע מאל איך בין געווען אין די צימער האב איך געהאט איבערגעלאזט מאיר דא, מאיר, מאיר!! **מאיר איז נישט דא?!! איין מינוט איך האב אים דאך נישט ארויסגעלאזט, וואו איז מאיר געגאנגען?** איין מינוט איין מינוט לאמיר געבן א קוק דא אין לעדל לאמיר זעהן וואס טוט זיך דא, אוי! איך האב דאך נישט פארשפארט די לעדל, אוי, לאמיר זעהן



**איך גלייב נישט! דער רינגל איז נישט דא!**

וואס דא גייט פאר.

ניין! ניייין!!!!

### די רינגל איז נישט דא !!

די רינגל איז נישט דא!! ווער האט דאס געקענט גנב'ענען?.

דער פריץ האט צאמגענומען אלע זיינע משרתים און זיינע קנעכט און געמאכט א געוואלד, און יעדן אויסגעפרעגט עקסטער, אלע זענען געווען זייער דערשראקן און נישט געוואוסט וואס דער פריץ וויל, קיינער האט נישט געוואוסט ווער עס האט עס גע'גנב'עט, ביז דער משרת וואס האט עס טאקע גע'גנב'ט רופט זיך אן פאר'ן פריץ: **פריץ טייערער, דער לעצטער וואס איז געווען אין די צימער איז מאיר**, ווען איך בין דיך געקומען זאגן אז דיין חבר דער פריץ איז דא האבן מיר איהם איבערגעלאזט דא אין דעם צימער, און ער איז זיך אליינס ארויסגעגאנגען פון די אונטער טיהר איז ער ארויסגעגאנגען, זיכער האט ער מיטגענומען דעם פריץ'נס רינגל.

ניין ניין ניין, ניין דאס קען נישט זיין, מאיר איז דאך אזוי געטריי, דאס קומט נישט אין באטראכט אז ער זאל גנב'ענען, נע.

אבער דער משרת שרייט, **ער איז דער איינציגער וואס איז דא געווען, און דער לעדל איז געווען אפן, און ער האט גענומען די רינגל און אנטלאפן.**

דער פריץ האט געהייסן, גייטס רופטס מיר אריבער דער מאיר, זאל ער שוין אהער קומען דא.

**מאיר האלט אינמיטן די שבת'דיגע סעודה פון אינדערפרי ער פארברענגט מיט די קינדערלעך**, און מען קלאפט אויפ'ן טיר.

משה'לע גיי גיב א קוק ווער עס קלאפט אויפ'ן טיר.

**יא טאטי דער פריץ'נס משרת איז דא.**

דער פריץ'נס משרת?

יא, ער שטייט ביים טיר, ער רופט דיך.

אוי דער פריץ איז זיכער אויפגערעגט אביסל אויף מיר, פארוואס איך בין ארויסגעלאפן אזוי פון די הינטער טיהר, איך דארף אים זאגן אז וועגן עס איז געווען שבת, שוין. ער גייט צום טיר, יא! מיט וואס קען מען אייך העלפן?

**דער פריץ דארף דיך זייער וויכטיג האבן.**

שוין, מאיר האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער גייט צום פריץ אנגעטוהן שבת'דיגערהייט. ער קומט אריין צום פריץ אין פאלאץ און דער פריץ באפאלט אים גלייך, מאיר וואס האסטו נישט געווארט פאר מיר? איך האב דיר געזאגט עס וועט נעמען אפאר מינוט.

יא אבער פריץ טייערער עס האט דאך גענומען אפאר שעה.

נו אפאר שעה איז נישט געפערליך נו ווארט מען, מען ווארט.

יא מיין טייערער פריץ אבער איך האב געמוזט אהיימלויפן וויל עס איז שוין כמעט געווארן שבת איך האב דאך נישט געקענט בלייבן דא אויף שבת, איך האב דאך געהאט מוקצה זאכן און איך האב נישט געקענט אזוי בלייבן דא איך האב געמוזט שנעל אהיימלויפן, איך האב פרובירט צו עפענען די טיר און עס איז נישט געגאנגען, בין איך ארויס פון די הינטער טיר.

**יא מאיר זייער שיין, אבער פארוואס האסטו געמוזט מיטנעמען מיין רינגל מיט די טייערע שטיין.**

**וואס, פריץ, איך האב עס גענומען?? קיינמאל אין די וועלט,** נישט איך האב גע'גנב'עט און נישט מיינע עלטערן האבן גע'גנב'ט, קיינמאל, איך בין אלעמאל געווען געטריי פאר'ן פריץ און אפילו פאר סתם א מענטש, ווי קען דער פריץ מיך חושד זיין אז איך זאל עס האבן גע'גנב'עט?!!!.

**מאיר, מאיר, מאך נישט קיין לאנגע געשעפט, ברענג מיר די רינגל איך וועל דיר מוחל זיין, נו איך פארשטיי האסט עס געוואלט ווייזן פאר דיינע קינדער און דיין ווייב, נו גיב מיר עס צוריק און מיר זענען די זעלבע, איך וועל דיר נישט פארשיקן.**

פריץ טייערער, ווען איך וואלט עס ווען גענומען וואלט איך עס ווען צוריקגעברענגט, אבער איך האב עס נישט פון וואו צוריקצוברענגען ווייל איך האב עס קיינמאל נישט גע'גנב'עט.

מאיר, איך וועל מוזן אויפהייבן א טאן, איך וועל דיר זאגן מער שטרענג, **אז דו וועסט נישט צוריקברענגען די רינגל ביז דינסטאג, איך גיב דיך דריי טעג, וועסטו ווערן מיט דיין גאנצע שטוב אריינגעווארפן אין קעלער פאר די גאנצע לעבן.**

פריץ, זיי מיר מוחל אבער איך האב עס נישט פון וואו צו נעמען איך האב עס קיינמאל נישט גע'גנב'עט.

נו מאיר גענוג גערעדט גענוג געוויינט, איך גלייב דיר אבער ווען דו וועסט מיך צוריקברענגען די רינגל דעמאלטס וועל איך דיך גלייבן.

מאיר גייט ארויס אינגאנצן צוקלאפט, אוי ווי וואס טוה איך דא, באשעפער העלף מיך, דו ווייסט דאך יא אז איך האב עס נישט גע'גנב'עט און איך בין נאר אנטלאפן ווייל איך האב נישט

געוואלט מחלל שבת זיין, און איך האב אויך נישט געוואלט אפילו פארפאסן פון די תוספת שבת אפילו איין מינוט.

ער קומט אן אהיים זייער צובראכן און זיין רעבעצין פרעגט אים, וואס איז געווען, וואס איז געווען, דו זעהסט זייער נישט גוט אויס.

און מאיר הייבט אן זייער שטארק צו וויינען אז דער פריץ האט אים חושד געווען אז ווען ער איז אנטלאפן נעכטן האט ער אויך מיטגענומען די רינגל.

**זיין אשת חיל זיין ווייב רופט זיך אן, אונז האבן דאך א גרויסע באשעפער לאמיר צו אים דאווענען. די קינדערלעך האבן זיך אוועקגעזעצט מען האט געזאגט תהלים.**

זונטאג מאנטאג און דינסטאג האט מאיר געפאסט, ביינאכט האט ער אביסל עפעס געגעסן, די גאנצע צייט האט מאיר פשוט געוויינט און געזאגט תהלים און געגעבן מער צדקה וויפיל ער האט נאר געקענט און געבעטן ביי אלע מענטשן אז יעדער זאל מתפלל זיין פאר איהם און יעדער האט מתפלל געווען פאר דעם מאיר דער איש החסד, אז דער פריץ זאל פשוט מבטל זיין די גזירה וואס ער האט געמאכט אויף איהם.

**עס איז כמעט דורכגעגאנגען די גאנצע דינסטאג,** מאיר האט נישט געהאט פון וואו צו נעמען די רינגל וויל ער האט עס קיינמאל נישט גע'גנב'עט. אזוי ווי עס ווערט פיר אזייגער נאכמיטאג און דער פריץ זעהט אז מאיר קומט נישט מיט'ן רינגל, רופט ער זיך אן צו די משרת און ער זאגט אים, **גיי אריבער צו מאיר און בינד אים מיט קייטן און ברענג אים דא אהער.**

דער משרת קען שוין קוים ווארטן, אט אט גייט מען דעם מאיר מסדר זיין און איך וועל בלייבן מיט'ן רינגל מיט די גרויסע פארמעגן.

דער משרת גייט ארויס צום שטאל, ער שפאנט איין די פערד, **אוי דער פערד האט אים געגעבן אזא שטויס,** ער פראבירט נאכאמאל איינצושפאנען די פערד מיט'ן וואגן אבער דער פערד הייבט אן צו מאכן קולות אויף איהם, שפייט אויף איהם... ער האט פשוט מורא געהאט פונעם פערד, האט ער אפגעלאזט די פערד און ער האט מחליט געווען, איך וועל מוזן גיין צופיס איך האב נישט קיין ברירה. ער גייט אדורך די טויער פונעם פריץ'נס פאלאץ, עס זענען געשטאנען דארט עטליכע וואט"ש דאג"ס אזעלכע הינט וואס גיבן אכטונג, **ווי נאר ער גייט אדורך וואס געוועגליך די הינט זענען זייער פריינטליך צו אים, זיי הייבן אן צו בילן און שרייען אויף אים זיי לויפן אים נאך, זיי האבן אנגעהויבן צורייסן זיינע קליידער,** די משרת האט אנגעהויבן אוועקצולויפן, אבער קוים מיט זיין לעבן, יוי! עס איז אזא פחד, דאס איז דאך מיינע פרענד"ס די הינט, וואס האבן זיך די דאגי"ס אזוי צולאזט אויף מיך, ער האט זיך קוים געקענט רירן, דא פונעם פערד און דארטן פון די הינט, אבער ער גייט ווייטער און ער לויפט צופיס צום שטוב פון ר' מאיר.

ער האלט שוין עטליכע גאסן נאנט צו ר' מאיר'ס שטוב **האבן זיך אראפגעלאזט העכער זיין קאפ א גרופע רויב פויגלען, זיי האבן אנגעהויבן ממש פון אים ציפן זיין האר פון קאפ און זיי האבן געמאכט קולות,** ער האט זיך פשוט אראפגעווארפן אויף די ערד און געציטערט און זיי האבן אים אלע ארומגענומען, ער האט זיך אנגעהויבן רוילע"ן אויף די ערד ער האט געציטערט פון די פייגלעך ווי זיי מאכן אזעלכע קולות, און ער האט אנגעהויבן וויינען פשוט, און ער האט זיך געכאפט אז עס קומט ווייל ער האט עס גע'גנב'עט און ער האט געשריגן, **איך גיי צוריקגעבן די רינגל איך גיי שוין צוריקגעבן די רינגל,** אזוי ווי ער האט דאס געשריגן האבן זיך די רויב פויגלעך אראפגעלאזט פון אים און אים געלאזט גיין.

אזוי איז ער געגאנגען צובראכענערהייט צוקלאפטערהייט צו ר' מאיר'ס שטוב און ער קלאפט אויפ'ן טיר. און ר' מאיר נעבעך איז אינדערהיים מיט א תהלים'ל און ער וויינט זיך אויס און ער הערט קלאפן אויפ'ן טיר. אוי אט אט גייט מען מיך נעמען צום פריץ, ער מאכט אויף די טיר און ער זעהט דער משרת.

דער משרת נעמט זיך וויינען צו איהם, **מאיר זיי מיר מוחל, איך בין כמעט גע'הרג'עט געווארן פון די פערד און פון די הינט און פון די פייגלעך וואס זיי האבן מיך נאכגעלאפן ביז אהער, איך האב גע'גנב'עט די רינגל,** איך בעט דיך קום צוזאמען מיט מיך צו דער פריץ און בעט דער פריץ זאל רחמנות האבן אויף מיך ער זאל מיך גארנישט טוהן.

**מאיר מאכט א שהחיינו און ער דאנקט דעם אויבערשטן, הייליגער באשעפער איך דאנק דיך האסט מיך פשוט געראטעוועט ממות לחיים,** אט אט האט ער מיך געדארפט נעמען דא אריינווארפן אין קעלער און ווער ווייסט וואס ער וואלט געטוהן מיט מיך און מיט די גאנצע משפחה און דא איז



דער פערד האט זיך צולאזט אויפן משרת

געקומען שוין די וואונדערליכע ישועה.

מאיר צוזאמען מיט'ן משרת זענען געגאנגען צום פריץ, דער פריץ ווי נאר ער זעהט פון דערווייטנס דער משרת מיט ר' מאיר איז ער געווארן בייז, נו, **איך האב דיר געזאגט אז דו זאלסט אים בינדן, דו האסט אים נישט געבינדן, הא?!!!**

דער משרת נעמט זיך וויינען, און מאיר הייבט אן זאגן פאר'ן פריץ, פריץ טייערער, דער משרת וויל דיך עפעס זאגן.

איך וויל נישט גארנישט הערן, פארוואס ביזטו נישט געבינדן? און פארוואס וויינט ער? דו האסט אים געשלאגן!! הא?

**ניין פריץ, ניין פריץ!** איך האב אים גארנישט געשלאגן.

דער משרת נעמט ארויס די רינגל פון זיין טאש.

**נייייין, דו האסט געהאט די רינגל ?!?!**

דו פארברעכער! אוי וועט מען דיך יעצט ארייןווארפן אין די קעלער דארטן ווי ר' מאיר האט געדארפט גיין.

און ר' מאיר רופט זיך אן, פריץ טייערער, דו ווייסט דאך, דער משרת האט געהאט זייער א שווערע מינוט וויל ער האט געזעהן די לעדל אפן מיט די רינגל ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, האב רחמנות אויף איהם גיב אים נישט די ערגסטע שטראף, גיב אים נאר א שטראף ער זאל געדענקען אז מען טאר נישט גנב'ענען, אבער האב רחמנות אויף איהם.

דער פריץ האט נישט געקענט פארשטיין, דא איז מאיר נעבעך געווען א קרבן פאר אפאר טעג און געמיינט נעבעך אויף זיכער אז מען גייט איהם ארייןווארפן אט אט אינעם גרוב, און דא בעט ער נאך רחמנות אויף דער משרת.

דער פריץ האט געזעהן אז ר' מאיר איז אזא ארנטליכער מענטש האט ער געזאגט, מאיר איך טוה עס נאר פאר דיך, און **זאלסט וויסן מאיר, פון יעצט און ווייטער, איך שרייב דיך אפ א בריוו אז די גאנצע מיהל געהערט פאר דיר און פון היינט און ווייטער דארפסטו מיר מער גארנישט באצאלן.**

דער פריץ האט געהייסן פאר זיינע באדינערס זאלן נעמען דעם משרת און אים געבן פופציג גוטע שמוץ ער זאל געדענקען נישט צו טוהן מער אזעלכע זאכן, און מען האט אין דעם משרת גוט אריינגעגעבן, ער האט געהאט א גוטע לעקציע, און מער וועט ער זיך נישט אריינלאזן אין קיין פאלשע אדרעסן, און פון גנב'ענען וועט ער שוין אינגאנצען פארגעסן.

**מאיר איז אהיימגעגאנגען געדאנקט דעם אויבערשטן אויף וואס ער האט אים געראטעוועט.** און דער זכות פון שמירת שבת און דער זכות פון תוספות שבת האט אים זיכער באגלייט און געראטעוועט פון א שרעקליכע געפאר.

**נו טייערע קינדערלעך, תוספת שבת און שמירת שבת ברענגט אזויפיל חסדים אויף די וועלט, ושבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא, אלע אידן זאל זיין געזונט און שטארק, פון די "נגע" וועט ווערן איבערגעדרייט צו "ענג".**



א גרופע רויב פויגלעך האבן זיך אראפגעלאזט אויפן משרת



ווער וואלט זיך געוואלט מיט זיי אנטרעפען



מאיר! פון היינט און ווייטער וועט די מיהל געהערן פאר דיר!!!

אזוי ווי עס שטייט אין **דעם הייליגן ספר כנסת יחזקאל** אויף דעם פסוק די וואך אין די סדרה, **"את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו"**, די גמרא זאגט אין מסכת שבת דף קי"ח ע"ב **אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלין**, דאס טייטשט: אויב די אידן וואלטן געהיטן צוויי שבתות אזוי ווי עס דארף צו זיין וואלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געווארן, טייטשט ער אזוי וואונדערליך די פסוק **"את שבתותי תשמרו, דורך דעם וואס איהר וועט אפהיטן די צוויי שבתים דעמאלטס וועט זיין ומקדשי תיראו וועט איהר זוכה זיין צו זעהן דעם בית המקדש"** נו זאלן מיר שוין זוכה זיין אין דעם זכות פון שמירת שבת צו **דעם יום שכולו שבת ומנוחה בקרוב ממש במהרה בימינו אמן.**

# הילולא דצדיקיא

פרשת אחרי קדושים – שנה ה' גליון 28 (239)

ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואוד יצ"ו – כתה ד'
לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com
**הבהרה**: מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער **עס איז נישט** ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז נישט** ערלויבט צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקן מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

## הרב הקדוש ר' יצחק אייזיק יהודה יחיאל בן ר' אלכסנדר סנדר זי"ע מקאמרנא – מגדולי מנהיגי החסידות – י' אייר תרל"ד

**געבוירען**: כ"ה שבט תקס"ו צו זיין טאטע ר' אלכסנדר סנדר אייכנשטיין רב אין זידיטשוב און קאמארנא, און צו זיין מאמע מרת חנה. **נאמען**: ביים געבוירן האט מען איהם א נאמען געגעבן יצחק אייזיק, שפעטער האט מען איהם צוגעגעבן יהודה יחיאל. **זיין משפחה** נאמען האט זיך אויך געטוישט פון אייכנשטיין צו סאפרין. **אוועק**: י' אייר תרל"ד. **חתונה געהאט**: ביי די 9 יאר אלט א חתן געווארן מיט מרת גיטל (זי איז דאן געווען 8 יאר אלט) בת ר' אברהם מרדכי רב אין פינטשוב, חתונה געהאט אין יאר תקפ"ב. **קינדער**: **געווען רב**: אין קאמרנא. **תלמיד**: פון אפטא רב, זיין טאטע'ס ברידער ר' צבי הירש פון זידיטשוב (וואס האט איהם אויפגעצויגן פון דער 12 יאר אלט ווען זיין טאטע איז אוועק), אויך געפארן צו נאך אסאך צדיקים. **ספרים**: מערסטע באקאנט 'היכל הברכה', 'זוהר חי', 'שלחן הטהור' און נאך אסאך ספרים. **ליגט**: אין קאמארנא.

---

### א ברכה פון דער צדיק

זיין טאטע ר' אלכסנדר האט געווארט פאר קינדער אסאך יארן, אמאל ווען ער האט געבעטן דער הייליגע רבי פון לובלין אז ער זאל איהם אנוואונטשן מיט קינדער, האט דער ר' פון לובלין איהם געהייסן וואס ער זאל טוהן כדי ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער, און ער האט צוגעלייגט אז עס וועט איהם געבוירן א זוהן וואס זיין נשמה וועט זיין גאר גרויס, וואס די וועלט האט שוין נישט געזען זייער לאנג, אבער ווען דאס קינד וועט זיין 13 יאר אלט, וועט דער טאטע דארפן אוועק גיין פון דער וועלט. ר' אלכסנדר האט אלעס אנגענומען און ער האט דאן געבוירן דאס קינד ר' יצחק אייזיק.

### זיין געבוירן

ווען דאס קינד איז געבוירן האט מען גלייך געזען אז דאס קינד וועט זיין גרויס, ווייל עס איז געשען א וואונדערליכע זאך אז די שטוב איז דאן געווארן אויסער געוועהנליך לעכטיג, האט דער טאטע פארשטאנען אז די רייד פון דער רבי פון לובלין איז טאקע מקוים געווארן.

ר' אלכסנדר האט געמאכט א גרויסע סעודה ביי זיין ברית מילה, ווי עס זענען דארט געזעצן עהרליכע יודען און עס האט זיך געצויגן פאר דריי טעג. ביי די דריטע טאג איז דער הייליגע בעש"ט אנגעקומען אין שטאט אריין, און ווי פארשטייט זיך אז אלע מענטשן זענען געגאנגען מקבל פנים זיין דעם צדיק. דער מאמע פון דאס קינד האט מיט גענומען דא סניי געבוירן קינד, ווייל זי האט געוואלט אז דער צדיק זאל בענטשן איהר ניי געבוירן קינד. דער בעש"ט האט געלייגט זיין האנט אויפן קינד און געזאגט אויף א הויעכן קול **'אוי האט דאס קינד א גרויסע נשמה און א גרויסע מוח'**.

ווען די מאמע האט דאס געהערט האט זיך מורא געהאט אז עס זאל חלילה נישט שאדן קיין עין הרע, אבער דער בעש"ט האט איהר בארואיגט און געזאגט 'האב נישט מורא, ווייל דאס קינד וועט לעבן לאנג'.

### זיין יונגווארג

גאר יונג האט מען שוין געזען אויף איהם גאר וואונדערליכע און דערהויבענע זאכן. ער האט גאר שנעל געכאפט וואס ער לערנט און אלעס קלאר פארשטאנען. ביי די דריי יאר אלט האט ער שוין גערעדט רוח הקודש, ער האט געזאגט זאכן וואס וועלן געשען אויף דער וועלט, ווער וועט לעבן, זיין רייך און נאך זאכן. די ערשטע יאר האט ער עס נאר געזאגט צו זיינע עלטערן אבער שפעטער האט ער שוין אויך געזאגט זאכן פאר אנדערע מענטשן, און מענטשן פלעגן קומען צו איהם פרעגן פארשידענע זאכן און ער האט פאר א יעדעם געענטפערט.

ווען זיין פעטער ר' צבי הירש פון זידיטשוב האט געהערט דערפון האט ער איהם גערופען און געזאגט 'יעצט וואונטש איך דיר אז די רוח הקודש זאל פון די אוועק גיין ווייל עס וועט דיר שטערן פון דינען ריכטיג דעם אייבישטער, אבער ביי די דרייסיג יאר אלט וועסטו עס צוריק באקומען, ווייל ביז די דרייסיג דארף מען דינען דער אייבישטער מיט פשטות און קענען באשטיין שווערע נסיונות.

### פסח אין לובלין

אלס יונג קינד פון זעקס יאר אלט איז ער געפארן מיט זיין טאטע צו דער רבי פון לובלין אויף פסח, ווי יארן שפעטער האט ר' יצחק אייזיק פארציילט אז ער האט דארט זוכה געווען צו זעהן און פארשטיין גאר דערהויבענע זאכן און רוח הקודש.

ביים צווייטן סדר נאכט נאך זאגן די הגדה האט דער רבי פון לובלין אויס געשטרעקט זיין האנט איהם צו געבן די זרוע אבער דער רבי פון לובלין האט דריי מאל עס אוועק געצויגן פון איהם, און ער האט עס איהם נישט געוואלט געבן ביז דער צדיק האט איהם שטארק אנגעקוקט מיט זיין רוח הקודש גאר טיף אין זיין נשמה ווי ער האט אריין געשיינט אין איהם א שטארקע פארכט צו דער אייבישטער, דערנאך האט ער עס איהם געגעבן.

עס איז געווען גאר אינטרעסאנט ווייל די זרוע פלעגט דער ר' פון לובלין א יעדעס יאר געבן פאר איינער פון זיינע דערהויבענע תלמידים און יעצט האט ער עס געגעבן פאר דאס יונג קינד.

### תורה ותפלה

נאך די חתונה אין פינטשוב איז ער געזעצן און געלערנט אהן אויפהער, ער איז געשלאפן נאר צוויי שעה א נאכט. פאר דריי יאר איז ער געזעצן פארמאכט אין א צימער מיט זיין חבר ווי זיי האבן נאר פארברענגט אין תורה אהן צו זעהן וואס טוט זיך אויף דער וועלט. זיין דאווענען פלעגט אין דער וואכן נעמען נישט ווייניגע ווי 3 שעה, און שבת כמעט 5 שעה און יום טוב נאך מער ווי דעם.

נאך 5 יאר זיין אין פינטשוב האט זיין פעטער ר' צבי הירש פון זידיטשוב איהם באפוילן צו קומען זיך באזעצן אין זידיטשוב. דארט אין זידיטשוב האט ער געהארעוועט אין תורה טראץ וואס ער האט געלעבט אין גרויס ארימקייט אז ער ממש נישט געהאט קיין ברויט אין שטוב און אפילו נישט קיין לעכט פאר שבת. דאן האט זיין פעטער איהם געמאכט רב אין שטאט צו פסקנן שאלות וואס דערפון האט ער געהאט אביסל פרנסה. אין יאר תקצ"א איז ער צוריק צו קאמארנא ווי זיין טאטע האט געוואוינט, ווי ער איז געווארן רב.

### פארלאשן די פייער

עס איז געווען א יוד וואס האט פארמאגט א גרויסע פארמעגן, און אינצווישן זיי האט ער פארמאגט עטליכע הייזער און פעלדער. עס איז באקאנט אז ווער עס פארמאגט פארמעגן מאכט אויף דעם אינשורענס (ביטוח), וואס דאס מיינט אז ער צאלט איין א געוויסע סומע געלט צו א ספעציעלע פירמע א יעדעס יאר, אז טאמער עפעס געשעט חלילה צו זיין פארמעגן, וועלן זיי באצאלן אלעס וואס ער האט שאדן געהאט.

דער יוד האט ביי זיך געטראכט אז ער וועט נישט מאכן אינשורענס, נאר אנשטאט דעם וועט ער געבן געלט צו דער צדיק ר' אייזיק פון קאמארנא און דאס וועט זיין פאר איהם די בעסטע זאך אז בזכות פון דער צדיק וועט גארנישט פאסירן צו זיין פארמעגן.

ראש השנה אינמיטן דאווענען האט מען געזען ווי ר' יצחק אייזיק האט מיט אמאל ארויס גענומען א גרויסע שמאטע (פאטשיילע) פון זיין

קעשענע און עס געשאקעלט אין די לופטן אהין און צוריק און אויף אלע זייטן פאר א לענגערע צייט.

נאך ראש השנה איז דער יוד געקומען צו פארן און דערציילט אז יענעם ראש השנה אינמיטן דאווענען מוסף, האט אויסגעבראכן א פייער ביי זיין גויאישן שכן אין פעלד, פארשטייט זיך אז ער האט שטארק געציטערט אז די פייער וועט זיך חלילה שנעל פארשפרייטן צו זיינע פעלדער און הייזער, אבער ווי וואונדערליך איז געווען אז מיט אמאל האט זיך די פייער אפגעשטעלט אהן דעם וואס מען זאל זאל פארשטיין פארוואס אין ווי אזוי עס האט זיך פארלאשן. נאר ווען ער האט געהערט פון די חסידים די מעשה פון די פאטשיילע און ווען עס איז געווען האט ער פארשטאנען אז דער צדיק האט מיט זיין הייליגע כח פארלאשן די פייער.

ווען דער יוד האט געענדיגט פארציילן רופט זיך אהן דער קאמארנא ׳מער דארף איך נישט אזעלכע געשעפטן, פון היינט אהן זאלסטו מאכן געהעריגע פארזיכערונג אויף דיין פארמעגן ביי א געהעריגע פירמע׳. (צדיקים ווילען נישט סתם אזוי טוהן נסים ווען מען קען עס טוהן די געהעריגע וועג).

## געווארן אויסגעהיילט

ר׳ אייזיקל איז אמאל געווען אין די שטאט סאמבור אויף שבת, פארשטייט זיך אז אלע דיינים, רבנים און איינוואוינער פון שטאט זענען ארויס איהם צו מקבל פנים זיין. אזוי ווי מען האט גערעדט מיט דער צדיק, האבן זיי געברענגט פאר איהם א הלכה׳דיגע שאלה, אז אזוי ווי דא אין שטאט געפונט זיךליידער א יוד וואס איז געפערליך קראנק און ער האלט שוין ממש ביים שטארבן, און דער יוד וויל געבן א גט פאר זיין ווייב, און עס האט זיך געמאכט א געוויסע שאלה מיט די גט, דערפאר בעהט מען אז זאל פסקנן וואס די הלכה איז. ר׳ אייזיקל האט אדורך געטוהן די שאלה און געספקנט וואס די הלכה איז.

דערנאך האט דער צדיק געזאגט אזוי ׳ביי די הייליגע פני יהושע איז אמאל געווען אזא שאלה וועגן א קראנקע יוד, און דער פני יהושע האט געפסקנט די שאלה, אבער גלייך דערנאך האט ער געזאגט ׳אזוי ווי **איך האב היינט אויפגעטוהן א שטארקע חידוש אין לערנן, דערפאר געב איך אוועק די זכות פאר יענער קראנקע יוד אז ער זאל ווערן געזונט׳**, דער קראנקע האט זיך טאקע אויפגעשטעלט און געווארן געזונט.

**פירט אויס דער קאמארנא ׳איך זאג די זעלבע זאך אז אזוי ווי איך האב היינט אויפגעטוהן א חידוש אין איינע פון די סודות התורה, געב איך אוועק דעם זכות פאר דער יוד צו האבן א רפואה שלמה און ער זאל נישט דארפן גטן זיין ווייב׳.** ווי נאר ער האט דאס געענדיגט האט מען אנגעהויבן צו זעהן א פארבעסערונג אויף דער יוד, ביז ער איז געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט.

## די פיש איז אנגעקומען

ר׳ אייזיקל איז אמאל געפארן צו די שטאט ברגסז, האט זיך אבער געמאכט א גרויסע פראבלעם, אז כאטש וואס נארמאל איז די שטאט בערגסז געווען א פלאץ ווי עס געפונען זיך גאר אסאך פיש, איז יעצט אבער געווען א צייט וואס אין אלע וואסערן ארום די שטאט האבן זיך געפונען גאר ווייניג פיש, אז עס איז געווען כמעט אוממעגליך צו האבן פיש אויף שבת.

ווען ר׳ אייזיקל האט געזען אז ער האט נישט פיש אויף שבת, האט ער געשיקט פרעגן דער בעל קול ארי׳ וואס האט דארט געוואוינט, אויב זיין זוהן ר׳ נפתלי וואס וואוינט אין ווישיווא, צו ער איז שוין אנגקומען אויף שבת? דער קול ארי׳ האט זיך שטארק געוואונדערט אויף די שאלה, ווייל זיין זוהן האט איהם נישט געזאגט אז ער פלאנט צו קומען אויף שבת, און זיכער יעצט אז מען האלט טיף אינמיטן ווינטער ווען די וועגן זענען פיל מיט שניי און עס איז שווער צו פארן. האט דער קול ארי׳ געשיקט זאגן פאר ר׳ אייזיק אז זיין זוהן איז נישטא און וויפיל ער ווייסט איז עס נישט אין פלאן אז ער זאל קומען. נאך אביסל צייט האט ר׳ אייזיק ווידער געשיקט פרעגן אויב זיין זוהן איז שוין דא? אבער ער האט ווייטער באקומען אן ענטפער אז ניין.

ווי וואונדערליך איז געווען אז ווען מען האט שוין געהאלטן ממש פאר שבת, איז ר׳ נפתלי אנגעקומען צו זיין טאטע אין שטוב, און נישט נאר דאס, נאר ער האט געהאט מיט זיך א גרויסע פיש. ר׳ נפתלי פארציילט אז ער איז געווען אויפן גאס, ווען אזוי גייענדיג קומט צו איהם א גוי און בעהט איהם אז ער זאל פון איהם אפקויפן די פיש, ר׳ נפתלי האט אבער קלאר געמאכט פארן גוי אז ער פלאנט דאס נישט צו קויפן, ווייל ער האט שוין אלעס פאר שבת. דער גוי האט אבער נישט נאכגעלאזט און זיך איינגעבעטן אז ער געבט דאס איהם פאר האלב פרייז, אבער ר׳ נפתלי זאגט איהם קלאר ׳איך דארף עס נישט האבן׳, ווען דער גוי האט אבער מסכים געווען עס צו געבן פאר גאר ביליג, האט ר׳ נפתלי עס יא גענומען פון איהם און עס געברענגט פאר זיין טאטע לכבוד שבת.

דער קול ארי׳ האט יעצט געזען די אפענע רוח הקודש פון ר׳ אייזיקל קאמארנא, און ווי פון הימל האט מען איהם געשיקט פיש, האט ער געשיקט א מתנה האלב פון די פיש פאר ר׳ אייזיקל אז ער זאל האבן פיש לכבוד שבת.

שבת ביינאכט האט ער געדאנקט די אייבישטער אז ער האט זוכה געווען צו האבן פיש לכבוד שבת אפילו ווען עס האט אויסגעזען שווער און ער האט שטארק ארום גערעדט איבער די חשיבות פון עסן פיש אויף שבת.

ר׳ אייזיק האט פארצלייט א מעשה וואס האט אמאל פאסירט ביים איהם מיט עסן פיש לכבוד שבת ׳שוין א לאנגע צייט וואס עפעס א נשמה קומט מיר זאגן אז זיין נשמה ליגט אין א פיש, און ער בעט איך זאל איהר עסן אויף שבת און אזוי וועט די נשמה האבן א תיקון, אבער ווען מען האט מיר געברענגט די פיש האב איך געזען אז עס איז שטארק פארדארבן און שמעקט גאר שטארק, און איך האב מורא עס צו עסן צוליב די סכנה פון עסן פארדארבענע פיש. וואס האב איך געטוהן איך האב איינגעטינקן א שטיקל חלה אין די פיש זאפט און איך האב עס געגעסן. ביינאכט איז די נשמה געקומען צו מיר און מיר באדאנקט אז די נשמה איז פאראכטן און געקענט גיין צו איהר רוה אין גן עדן׳.

(מקורות: הילולא קדישא, בית קאמרנא)

## א מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

פאר דער בעש"ט איז אוועק פון ד י וועלט האט ער געהייסן זיינע תלמידים אז זיי זאלן זיכען א נייע רבי וואס זאל זיי באלייכטן ווי אזוי זיך צו פירען, האבן זיי געפרעגט צו וועלכע צדיק זאל ן זי גיין? האט ער זיי געזאגט ׳אז ווען זיי זיכען א רבי זאלן זיי פרעגן אן עצה ווי אזוי זיך צו שלאגן אויף די מדה פון גאווה, אויב דער רבי זאגט זיין אן עצה, מיינט דאס אז ער איז גארנישט ווערד, און אויב ער זאגט ׳דער אייבשטער וועט העלפן׳ זאל מען זיך דערנענטערן צו איהם׳, ווייל דאס איז א צדיק, ווייל אויף גאווה איז נישטא קיין עצה נאר מען דארף ארבעטן אויף זיך און בעטן פון דער אייבישטער׳.

התודה והברכה
לידידי הר"ר אהרן לנגסם הי"ו
בעל החנות
judaica corner 4301 13av
העומד תמיד לימיננו
בהפצת סיפורי צדיקים ׳שלא ע"מ לקבל פרס׳
בלב ונפש חפצה

פארט איהר אויף מקומות הקדושים, איהר זאלט וויסען אז צדיקים האבן הנאה
אז מען רעט פון זיי און זיי פויעלן ישועות.
קומט נישט אהן אהין ליידיג.
מיר האבן באשרייבונגען פון בערך 200 צדיקים, רופט אונז געגוג פרי און מיר וועלן פרובירן אייך צופרידן
זושטעלן פאר א צוגעגליכע פרייז
shabbosstory@gmail.com
1347 678 0652

התודה והברכה
best and fresh